STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07122

ERTSEHLUNGEN

F. Halperin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. היילפערין.

ערצעהלונגען.

ערשטער באנד.

פערלאגס-בוכהאנדלונג
שלמה שרעבערק
ווילנא.

Copiright ву S. ŚREBERK,
Waschington U. S. A.

РАЗСКАЗЫ Ф. Гальперина.

Томъ I.

Изданіе З. Ш. СРЕБЕРКА, Вильна,

Типографія Т-во „ПЕЧАТЬ и ИЗДАНІЕ", Вильна, Завальная № 21.

I.

אינהאלט:

1) איינער, וואָס שמייכעלט.

2) אויפ'ן גרעניץ, פון ליכטיגקייט און פינסטערניש.

3) פון פרעמדע וועלטען.

4) ניט קיין טאַטע.

5) דער ערשטער בראָך.

6) עסען.

7) וואָס?

איינער, וואָס שמייכעלט.

I

אַ גאַנצען טאָג פון פריה ביז ביינאַכט פלעגט ער זיך אַרומדרעהען הין און הער איבער'ן שטוב און רייבען די הענד. בעמערקענדיג, אַז עמיצער קוקט אויף איהם פלעגט ער שטיל אָנפאַנגען צו שמייכלען און אַראָבלאָזען דעם קאָפּ, ווי אַ שעמענדיגער.

כמעט קיינער האָט קיין מאָל ניט געהערט, ווי ער רעדט. אַ שווייגענדיגער פלעגט ער, ניט געאײלט, מעסטען מיט זיינע טריט די ברייט פון שטוב פון איין ווינקעל ביז דעם צווייטען, ערגעץ ניט אָבגעשטעלט זיך און מיט קיינעם ניט אַריין אין אַ שמועס. זעלטען נאָר, גאַנץ זעלטען, פלעגט ער אונטערגעהן צו דער מאַמען, נאָהענט אַריינקוקען איהר אין די אויגען און מיט אַ שמייכעל אַרויסזאָגען:

— מאַמעלע...

די מאַמע פלעגט איהם ענטפערן דאָס רוב מיט אַן'אונצופריעדענער מינע:

— וואָס, מיין טרייסט?

– הנ-נ-ן – פלעגען זיך דעמאָלט אַרויסרייסען פון זיין האַלז משנה׳דיגע קלאַנגען מיט ענטציקטער גורגלענדיגער און אויסגעצויגענער שטים. און דוכטען פלעגט זיך דעמאָלט, אַז ער איז פון עפּעס זעהר צופריעדען.

פון וואָס?

די מאַמע זיינע פלעגט קוועטשען מיט די פּלייצעס און זאָגען:

– לעבעדיג, פרעהליך – וואָס פעהלט איהם?

און עס האָט איהם טאַקי גאָר נישט געפעהלט, וואָרום ער האָט גאָר נישט געדאַרפט. האָט מען איהם אַוועקגעזעצט אויף אַן׳אָרט ערגעץ פון דער זייט און הייסען „ניט אַרומהאַשייען פאַר די אויגען״, „לאָזען אַ ביסעל צורוה״ – פלעגט ער זיך דעמאָלט אויך ניט בעקלאָגען. ער איז זיך שטיל געזעסען אויף זיין אָרט און, אויב עס האָט וועך געריעדט, פלעגט ער יענעם קוקען אין מויל מיט אַזאַ שמייכעל אויף די ליפּען, גלייך ער וואָלט וואַרטען, אַז אָט-אָט דערהערט ער עפּעס אַ קלוגען און זעהר אַן׳אינטערעסאַנטען וויץ. אַ פרעמדער מענש, וואָס האָט ניט געוואוסט, ווען ער האָט דאָ פאַר זיך, פלעגט דאַן מוזען מיינען, אַז דער יונגער מאַן וויל איהם מיט זיין ליבליכען שמייכעל צוגעבען מוט.

און זיין אָרט פערלאָזען פלעגט ער נאָר, סיידען אַליין פער-בלייבענדיג אין צימער, נאָכדעם, אַז אַלע פלעגען זיך צגעהן. און דעמאָלט פלעגט ער נאָך אויך פריהער גוט-גוט אַרומקוקען זיך צי איז ער אין דער׳אמת׳ן איינער אַליין. איבערצייגענדיג זיך, אַז קיינער איז ניטאָ, פלעגט ער זיך פאַמעלינקעס אויפהעבען פון שטוהל מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זיך קלייבען אָבטון עפּעס אַ שפּיצעל, און אַוועקמאַרשירען הין און צוריק איבער׳ן צימער, ווי שטענדיג. איז נאָך עמיצער געבליבען אין צימער, – פלעגט ער זיך אין מיטען שטעלען צוריק אַראָבלאָזען און, ווי אַ שולדינער, שמייכלען.

פאַר מענשען האָט ער זיך אַזוי ווי געשעמט. פאַר גרויסע פלעגט ער אַראָבלאָזען דעם קאָפּ און קוקען פון אונטען אַרויף און בגנבה, אַביסעל פון דער זייט. קליינע האָט ער שוין יאָ געקענט קוקען גלייך אין געזיכט, אָבער ריידען – מיט זיי אויך ניט. ער פלעגט זיך אַרומ-דרעהען אַרום זיי פון דערווייטען, לייכט אונטערברומענדיג מיט אַ שטי-לען פערשטיקטען קול. ער האָט אַ פּנים געמיינט אַז דאָס שפּילט ער

זיך אַזוי; ס'איז געווען קענטיג, אַז אַזאַ שפּיל געפעהלט איהם. נאָך איז געווען קענטיג, אַז ער האָט חשק אַריינלאָזען זיך מיט די קינדער אין אַ שמועס, — עפּעס פרעגען זיך בּיי זיי, צי אַליין דערצעהלען זיי עפּעס וואָס. נור ריידען פלעגט ער זיך שעמען און אָנשטאָט ווערטער פלעגט ער אַרויסלאָזען לאַנגע ענטציקטע טענער פון האַלז. אַנ'אַנדערש מאָל, אמת — זעהר זעלטען, האָט זיך איהם איינגעגעבּען גובר צו זיין די שעמעוודיגקייט זיינע, פלעגט ער אונטערגעהן צו די קינדער, אָבּעפּענען דאָס מויל מיט אַ בּרייטען שמייכעל און ניך אַרויסריידען:

— קינדערלעך...

די קינדער פלעגען אויף איהם אויפהעבּען די אויגען... נאָר דעמאָלט האָט ער שוין מעהר ניט געקענט פערבּלייבּען נעבּען זיי. ער פלעגט שנעל ענטלויפען און, רייבּענדיג די הענד, אַוועקדרעהען זיך איבּער'ן שטוב. און זיינע לאַנגע אומגעצויגענע טענער: „הנ-נ-ן" האָבּען ענטציקט און צופרידען געקלונגען איבּער אַלע צימערן.

פאַר דער מוטער האָט ער זיך אויך ניט געשעמט. די מוטער פלעגט זיך איהם אפילו אַ מאָל וועלען אַ קוס טון. נאָר זי האָט איהם שוין לאַנג אָבּגעוועהנט פון „אַזעלכע צערטליכקייטען".

אַנ'אומעדיגען האָט מען איהם קיין מאָל ניט געזעהן. די, וואָס האָבּען איהם געקענט, האָבּען געזאָגט: אַמאָל איז ער אַפּולע צופרידען, אַמאָל וועניגער צופרידען, אָבּער שטענדיג פרעהליך, ער ווייס גאָר ניט, וואָס איז אַזוינס אומעדיגקייט.

פון וואָס איז ער געווען פרעהליך?

די מוטער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט געוואוסט. איהם אַליין איז דאָס קיין קשיא ניט געווען, און ער האָט וועגען דעם ניט געטראַכט. ער האָט ניט געקענט טראַכטען. ער האָט נאָר געקענט פיהלען די איינדריקען, וואָס דאָס אַרומיגע לעבּען מאַכט אויף איהם.

און די איינדריקען זענען געווען אַזעלכע, אַז אַלץ איז איהם געווען ליבּ און אינטערעסאַנט און אויף אַלץ האָט ער זיך אָבּגערופען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען: אויף די העלע זון, אויף דעם הילכיגען דונער, אויף די קלאָרע לופט, אויף די טראָפּענס רעגען, אויפ'ן הימעל, אויפ'ן שניי, אויף די וואָלקענס, אויף די ווינטען — אַלץ האָט איהם געריהרט בּיים האַרצען און ער האָט געשמייכעלט.

אַז די מאַמע האָט איהם קאַלט אָבגעשטױסען פון זיך, װען ער פלעגט אַמאָל װעלען צולאַשצען זיך צו איהר, האָט איהר קאַלטקײט אױך אַרױסגערופען אַ שמײכעל אױף זײנע ליפּען. איהם האָט זיך געדוכט, אַז דאָס, װאָס די מאַמע טרײבט איהם אָב, און איהם טוט װעה דאָס האַרץ דערפון, איז עפּעס מעהר ניט װי אַ שפּיצעל, װעלכען מ׳מאַכט, כדי צו רײצען זיך מיט איהם אַ רגע, און ער פלעגט שמײכלען; גאָר דעמאָלט האָט זיך דורך זײן שמײכעל געלאָזט פיהלען אַ װעהטאָג.

װען דבורה איז דאָס ערשטע מאָל אַרײן אין שטוב, און ער איז איהר צופעליג אַקעגען געקומען, האָט זי זיך צו איהם געװענדט:

– דאָ גיט מען עס אַרױס אַ צימער?

ער האָט שמײכלענדיג אַראָבגעלאָזען די אױגען און האָט ניט געענטפערט. און פון דעמאָלט אָן האָט זי שױן מעהר מיט איהם ניט גערעדט, כאָטש פיל מאָל אַ טאָג פלעגט זי דורכגעהן פאַרבײ איהם.

לכתחלה האָט ער זיך פאַר איהר געשעמט נאָך מעהר, אײדער פאַר אַלע אַנדערע מענשען. זי איז אָבער עהנליך אַזױ מיט איהר אױסזעהן געװען צו אַ קלײן מײדעלע, אַן אײדעלע און אַ גוטע, אַז ער האָט ענדליך גובר געװען זײן שעמעװדיגקײט. און דעמאָלט האָט ער אָנגעהױבען אָפּט פערקוקען זיך אױף איהר בגנבה.

װען זי פלעגט זיצען בײ זיך אין צימער, איז ער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק פאַרבײ איהר טהיר, און דעמאָלט האָבען אָפּט געקלונגען איבער׳ן שטוב זײנע ענטציקטע אױסגעצױגענע טענער:

– הנ–נ–ן – –

פלעגט זי זיך בעװײזען אין טהיר און װאַרפען אױף איהם אַ שטרענגען בליק – איז ער תיכף ענטלאָפען אין אַן׳אַנדער צימער. װי זי פלעגט זיך בעהאַלטען הינטער׳ן װאַנד, האָט ער װידער אָנגעהײבען אַרומדרעהען זיך אַרום איהר טהיר.

צו איהר אין צימער פלעגט ער ניט אַריין, סיידען ווען דבורה פלעגט ניט זיין אין דער היים. און אַז דבורה איז ניט געווען, פלעגט ער איין פוס אַריינשטעלען אין צימער אינוועניג, ברייט צושמייכלען זיך און צוריק אַרויסכאַפּען די פוס פון צימער. אַ ווײַלע פלעגט ער שטעהן מיט אַזאַ פנים, גלייך ער שפּילט זיך מיט עמיצען, פלעגט פאַרביטיג אַריינקוקען אין צימער און גיכער אַנטלויפען.

איהם האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז זעהר אַ שענער שפּיל, און זיין פנים האָט אויסגעדריקט פערגניגען אָהן אַ שיעור. פונדעסטוועגען האָט ער אָפט איבערגעריסען דעם שפּיל אין מיטען, כּדי אונטערצוגעהן צום פענסטער און אויפמערקזאַם אַרויסצוקוקען אין דרויסען.

פון פענסטער פלעגט ער זיך אומקעהרען צו דבורה'ס טהיר און פון דאָס ניי אָנהייבען דעם אינטערעסאַנטען שפּיל.

דערזעהענדיג פון פענסטער, אַז דבורה געהט, האָט ער פרעהליך אַרויסגעלאָזען זיין „הנ-נ-ן", אַזוי, אַז די גאַנצע שטוב פלעגט פערבליוצט ווערען מיט די פערשטיקטע גורגלענדיגע קולות, און האָט זיך גיכער באַהאַלטען מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען.

אַזוי האָט ער פערבראַכט גאַנצענע טעג, און זיין שפּיל איז איהם ניט נמאס געוואָרען. פערקעהרט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז וואָס ווייטער, ווערט ער איהם אַלץ ליבער און אַנגענעהמער.

צושטערען איהם דעם שפּיל פלעגען די שטומיגע ערשט, ווען ער פלעגט זיך פערזיצען שפּעט אין אָבענד. די מאַמע האָט דעמאָלט געשריען:

— וועסט שוין אפשר, טרייסט מיינער, געהן שלאָפען?

און דעמאָלט האָבען זיך זיינע ליפּען צונויפגעלעגט אין אַזאַ שמייכעל, וועלכער פלעגט זיך אויף זיי באַוויזען, ווען איהם האָט עפּעס וועה געטהון.

און איינשלאָפענדיג מיט דעם דאָזיגען שמייכעל, האָט ער אָפט פון שלאָף גערעדט:

— מאַמעלע...

נאָר אין חלום האָט ער געזעהן ניט די מאַמען, ניט זי האָט ער געהאַלזט און געקוסט, – דבורה׳ן האָט ער געזעהן אין חלום, זי האָט ער געקוסט און איהר האָט ער געשעפטשעט אויפ׳ן אויער:

– מאַמעלע – –

און זי האָט איהם צוריק געקוסט און געגלעט איבער׳ן קאָפּ, פּונקט ווי די מאַמע פלעגט עס אַמאָל טון, און, אויך אַזוי ווי די מאַמע אַמאָל, האָט זי איהם מיט אַ גוטער, גוטער ווייכער שטים געענטפערט:

– טייערינקער...

און ער האָט איהר, דבורה׳ן, צוריק געענטפערט פרעהליך און מיט אַ ציטריגען האַרצען, אין וועלכען אַ נחת איז געוואַקסען און געוואַקסען:

– הנ–נ–ן – –

און לאַנגע פלעגען אַרוים די טענער. טיעף, טיעף פון האַר־צען האָבען זיי אַרויסגעשעפּט עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט געגלעט און איז געווען זיס... און געדוכט האָט זיך איהם דעמאָלט, אַז אַ פולע, אַ פולע ליכטיגקייט פאַלט אויף איהם פון אויבען ערגעץ, פון הימעל.

און אויפשטעהענדיג אין דער פריה, איז ער גיכער געלאָפען צו איהר צו דער טהיר.

– מאַמעלע, – האָט ער געשעפטשעט הינטער דער טהיר.

און ער פלעגט בלייבען אַ פערוואונדערטער, פאַר וואָס ענטפערט זי איהם ניט.

אַז זי פלעגט זיך בעוויזען מיט אַ שטרענגען בליק, האָט ער גע־מיינט, אַז זי מאַכט עס בכיון, כדי אַ ביסעל צורייצען זיך מיט איהם. אַלע מאָל האָט זי זיך מיט איהם גערייצט ביי טאָג. ביי נאַכט – קיין מאָל ניט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס אַ חלום.

און איין מאָל, ווען ער האָט שטילינקערהייד אַריינגעקוקט צו איהר אין צימער, און זי האָט איהם ניט בעוויזען איהר שטרענגען בליק, האָט ער זיך דערפרעהט, וואָס אויף דעם מאָל רייצט זי זיך

מיט איהם ניט, און האָט פּאַמעלינקעס, פאָרזיכטיג אַריבערגעטראָטען מיט איין פוס איבער'ן שוועל.

איבערצייגענדיג זיך, אז זי קוקט אויף איהם ניט, האָט ער די צווייטע פוס אויך אַריבערגעטראָגען אין צימער אריין.

און זי האָט אַלץ אויף איהם ניט געקוקט, זי איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען אויפ'ן בעטעל.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר. איהר געזיכט האָט אויסגעזעהן אַזוי קינדיש, ווייך און גוט. איהם איז לייכט און גערוים געוואָרען אויפ'ן הארצען.

– מאַמעלע! – האָט ער שטיל אַרויסגעזאָגט.

דבורה האָט זיך ניט בעוועגט.

– הנ–נ–נן, מאַמעלע – – האָט ער ווייטער אַרויסגערעדט.

און האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר געזיכט און האָט זי א קוש געטון.

און תיכף האָט דבורה אָבגעעפענט די אויגען און אָנגעהייבען רייצען זיך מיט איהם, ווי אַלע מאָל. אויף איהר גוטען, רוהיגען קינדערשען געזיכט האָט זיך צושטרעקט בעוויזען שרעק, דערנאָך – כעס. און ענדליך האָט זי איהם אָנגענומען פאר'ן האַנד און אַרויסגעפיהרט פון צימער. אין דער זעלבער רגע האָט ער דערהערט, ווי דער שליסעל האָט א גרילץ געטון אין טהיר.

און אין דעם זעלבען טאָג אָבענדצייט האָט ער דערזעהן, ווי זי איז אַרוים פון שטוב מיט פעקלעך, קעסטלעך און קערבלעך. דורך דאָס פענסטער האָט ער געזעהן, ווי זי האָט זיך געזעצט אין א עקיפּאַזש און איז אַוועקגעפאָהרען.

ער האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען און צו פערקלינגען די שטוב מיט זיין ענטציקטען הנ–נ–נן. אַרויסקוקען דורך דאָס פענסטער און אַריינקוקען אין דבורה'ס צימער האָט ער אויך ניט אויפגעהערט. לעדיג איז געווען דאָס צימער, און פון פענסטער האָט ער דבורה'ן ניט געזעהן.

נאָר ביי נאַכט, ווען ער פלעגט ליגען אויפ'ן בעטעל, פלעגט

זי שטענדיג קומען צו איהם, אַמאָל אַ דערשראָקענע און אַ צאָרנ־דיגע, אַמאָל אַ גוטע און אַ לאַשצענדיגע, מיט אַ געזיכט פון אַ קליין מיידעלע.

איז זי געקומען אַ בייזע, — האָט איהם דאָס האַרץ אַזוי וועה געטון, נעגאָגט. איז זי געקומען אַ גוטע, האָט ער זי געהאַלזט און געקוסט, ווי אַמאָל די מאַמען.

און פון שלאָף פלעגט ער ריידען:

— מאַמעלע...

און פלעגט הערען אין ענטפער:

— טייערינקער...

דערפאַר ביי טאָג, אין די גרויסע לאַנגע טעג, האָט ער זי שוין קיין מאָל מעהר ניט געזעהן.

ער פלעגט זיך אַרומדרעהען פאַרביי טהיר פון איהר צימער און אַריינקוקען אינעווייניג אין צימער — ער האָט זיך אַלץ געוואָלט שפּילען.

ער פלעגט לויפען צום פענסטער, קוקען אין דרויסען און זעהן, אפשר קומט זי מיט אַ גוטען שיינענדיגען פנים.

זיין שמייכעל איז געוואָרען אַזעלכער, ווי בשעת איהם האָט עפּעס וועה געטון.

און שטאַרק האָט איהם וועה געטון, און שטענדיג האָט איהם וועה געטון: ביי טאָג — ווען ער האָט געוואַרט, און זי פלעגט ניט קומען; ביי נאַכט — ווען זי פלעגט זיך בעווייזען אַ דערשראָקענע און אַ בייזע.

נאָר שטענדיג האָט ער געשמייכעלט און זיינע ענטציקטע גורג־לענדיגע טענער „ה—נ—נ—ן" האָבען שטענדיג געהילכט איבערן שטוב.

— וואָס דאַרף ער, און וואָס פעהלט איהם? — פלעגט די מאַמע זאָגען.

און ער האָט ניט געקענט טראַכטען; ער האָט נאָר געקענט

פיהלען די אײנדריקען, וואָס דאָס אַרומיגע לעבען האָט אויף איהם געמאַכט.

און געפיהלט האָט ער, אַז עפּעס דריקט איהם דאָס האַרץ, פּוסט איז און פינסטער אַרום. עטוואָס אַזױנס דאַרף ער, און עס פעהלט איהם.

און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער האָט ער עס געפיהלט, אַלץ טיעפער האָט זיך געגראָבען דער ועטאָג אין האַרצען. ער האָט אָנגעהויבען דאַרען.

— וואָס ניכוועט ער? — האָט די מאַמע ענדליך אַ טראַכט געטון.

און זי האָט ניט געקענט אָבזוכען די סיבה.

זי האָט נור געזעהן, אַז פון טאָג צו טאָג ווערט ער מאָגערער, דאָס געזיכט ווערט אײנגעפאַלענער, די ליפּען־בלאַסער, דער שמייכעל קרענקליכער; זי האָט געזעהן, אַז ער האָט אויפגעהערט מעסטען די שטוב מיט זײנע טריט, „האַשײען פאַר די אויגען", ער ליגט אַלץ, און ליגט...

ער פלעגט אַלץ ליגען אויפ'ן בעט און אַ פערוואונדערטער שמייכלען.

ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס ציהט עס אַזױ אינעווענינ אין האַרצען, פאַר וואָס קומט ניט דבורה מיט איהר קינדישען פּנים, אַ גוטע, אַ שײנענדיגע, — און האָט געשמייכעלט.

און שמייכלען האָט ער ניט אויפגעהערט אויך דאַן, ווען ער איז געבליבען אָהן בעוועגונג אויפ'ן בעט.

מיט דעם זעלבען שמייכעל, און מיט דער זעלבער קרענקליכקייט אין דעם שמייכעל, איז ער שפּעטער אַביסעל געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד.

דערנאָך אין דער ערד...

אויפ'ן גרעניץ

פון ליכטיגקייט און פינסטערניש.

II.

ווען ליפע איז נאך געווען א קליינער און געלערנט אין חדר, האט ער שוין געהאט זיינע טיעף אונטער די ברעמען פערגראבענע אויגען, וועלכע האבען ארום זיך אבגעשיקט שפיציגע, ווי אנגעגליהטע שפיזלעך, ניכע און דערשראקענע בליקען. אויף זיין חשק האט זיך דער רבי קיין מאל ניט געהאט צו בעקלאגען, נאר דאווענען און קדיש זאגען האט זיך ליפע ניט געקענט אויסלערנען. און ביי דער נאכט, ווען ער פלעגט ניט שלאפען, האט זיך איהם רק געדוכט, אז די פינסטערניש האט זיך ערגיץ וייט, אהן א שיעור וייט אוועקגעצויגען, און ער האט זיך אין איהר פערלארען, א מורא פלעגט אויף איהם אנפאלען, און ער פלעגט אנהייבען וויינען, אז ער וויים ניט, וואו איז ער.

נאר די באבע פלעגט איהם נעמען צו זיך אין בעט אריין, און ער פלעגט זיך נעבען איהר בערוהיגען, אויב ס'האט זיך איהם עפעס

ווייטער אנגעהייבען דוכטען, האט ער ארויפגעלעגט די האנד אויף דער באבעס זייט און האט זיך שוין געפיהלט זיכער.

אין יענער צייט האט נאך ליפע געהאט חברים. שבת צו אשרי תמימי דרך, אז די קינדער פלעגען זיך פערקלייבען ערגעץ אין א ווינ־קעלע אין שוהל, און ציטערנדיג אליין פון מורא, דערצעהלען שרעקליכע מעשׂות וועגען גזלנים, שדים און מכשפים, — פלעגט ליפע אויך מיט זיי זיין. ער האט ניט פערשטאנען די מעשׂות, נאר איהם איז גוט געווען, וואס אין די פינסטערע שאטענס, וועלכע שפרייטען זיך אלץ געדיכטער און געדיכטער, קען ער זיך אויך צוטוליען צו „אלעמען" און הערען א בעקאנטע שטימע. ווען צווישען איין מעשׂה און דער צווייטער פלעגט א רגע שטיל ווערען, האט ליפע אויך זיין ווארט אמאל אריינגעשטעלט. ער פלעגט אנהייבען:

— אט הערט, קינדער! אז ביי דער נאכט, — איז פינסטער. אפילע איז פינסטער. און אזוי ווייט; און אט גאר נישט איז ניטא. קיינער ניט. און עס רעדט זיך דארט, אלץ אט אזוי רעדט זיך, און רעדט זיך...

די קינדער האבען קיין מאל נאר נישט פערשטאנען פון ליפעס מעשׂות, די בסודות׳דיגע שטים זיינע, און די אנגעגליהטע שפיציגע אויגען אין דער פארנאכטיגער דמקעלקייט האט אויף זיי געווארפען א מורא. און די קינדער פלעגען זיך אנהייבען בייזערן:

— ער האט שוין אנגעהייבען באלבען, האט ער שוין! אז דו קענסט ניט, וואס זשע דערצעהלסטו? שוויג בעסער!

ליפע פלעגט אנשווינען ווערען, נאר אוועקטרייבען פלעגט מען איהם ניט. ליפע איז געווען א גוטער חבר, האט אלעמען שטענדיג גע־פאלגט, אבגעגעבען אלץ, וואס ער האט געהאט. ער האט שוין דעמאלט געוואוסט פון דעם רבינ׳ס ווערטער, אז ער — איז א נראבער קאפ, און די חברים — ניט; ער האט דעמאלט שוין געפיהלט, אז אלע זענען בעסער און העכער פון איהם. פלעגען די חברים איהם נאר האלטען אין דער מורא, אבער זומער אין קלאסען שפילען זיך אויפ׳ן שוהל־הויף און ווינטער אויפ׳ן גליטש א „שוסטער" מאכען האבען זיי איהם גענומען מיט זיך. און ליפע איז קיין מאל ניט געווען אליין.

נאָכדעם איז ליפּע אויסגעוואַקסען אַ גרויסער בחור מיט אַ געזונטען קאַרק, מיט אַ ברייטער קיילעכיגער ברוסט, און די אויגען האָבען ביי איהם ווי אַמאָל מיט שפּיציגע און דערשראָקענע בליקען געקוקט אויף גאָטס וועלט. דאַוונען און קדיש זאָגען האָט ער ניט געקענט. ביי אַ שוסטער איז ער אָבגעזעסען אַ האַלב יאָהר, און מ׳האָט איהם אָבגעשיקט. בשעת ער פלעגט נעמען מאַכען אַ דראַטווע, פלעגט ער ד׳ צונג אַרויסשטעקען, שווייס פלעגט פון איהם טריפען, מיט אַלע כחות פלעגט ער זיך סטאַרען, נאָר אַרויסגעקומען איז גאָר נישט; ער איז געווען אַנ׳אומזיסטער עסער. אַ שמיד האָט איהם נאָך וועניגער גע- האַלטען.

און אָבדאַכטען פלעגט זיך איהם ניט נאָר ביי דער נאַכט אין דער פינסטערניש, נאָר אַפילו ביי טאָג פאַר דער שיין פון דער זון. אַמאָל פלעגט ער זיך פערקוקען אויף דעם הימעל, ווי ער הענגט און הענגט; אָט דוכט זיך הייבט ער זיך אָן צו ריהרען; נאָר ער ריהרט זיך ניט, פאַלט ניט, הענגט אַלץ, און הענגט... אַמאָל פלעגט ער זעהן, ווי דער וואַלד הינטער שטעטעל און די ווענט פון די הייזער אין שטעטעל שטעהען און אָט, דוכט זיך, הייבען זיי זיך אויף און געהען אוועק; נור זיי געהען ניט אוועק, זיי שטעהען אַלץ און שטעהען...

און אַ קול אז ס׳פלעגט זיך דערהערען, פלעגט ער דורכקלינגען ווי אויף צו רייצען זיך, אָט, דוכט זיך, בעדאַרף ער קומען צוריק; נאָר ער פלעגט מעהר ניט קומען. אַ צווייטער קול, וואָס האָט זיך פון ערגעץ געלאָזט הערען, איז געווען אַנ׳אַנדערער. אַנ׳אַנדער טעם פלעגט ער, דוכט זיך, אויף דער שפּיץ צונג איבערלאָזען, און אויך דורכבליצען און פערשווינדען, ווי אַ פאַלענדער שטערן.

און עפּעס אַ ווינט בלאָזט און בלאָזט... און עפּעס אין טייכעל רינט דאָס וואַסער אַלץ ווייטער, ווייטער...

אַלץ האָט ליפּע געזעהן; ער האָט געמוזט זעהן, גלייך ווי צוליעב דעם, וואָס אַרום איהם קומט פאָר, און צווישען זיין האַרצען אינוועניג איז געווען עפּעס אַ פערבינדונג, און זיינע שפּיציגע אויגען מיט די אָנגעשטריינגטע, ווי ביי אַ יונגען פערדעל בעוועגזאַמע אויערן האָבען זיך אָהן אויפהער געקעהרט דאָ און די, דאָ אין יענע זייט אָבער אין האַרצען פלעגט ביי איהם שטענדיג פערבלייבען אַזאַ געפיהל,

ווי בשעת ער פלעגט קייען ברויט, און מ׳פלעגט איהם הייסען אויס־שפייען נים דערשלינגענדיג. דאס וואס ער האט געזעהן און געהערט איז נים געווען „אינגאנצען", עפעס פלעגט נאך פערבלייבען פון הינטען. ער איז שטענדיג געשטאנען אויף דער גרעניץ פון דער ליכטיגקייט און פינסטערניש: פון איין זייט איז געווען העל און בולט, פון דער צווייטער – פינסטער, נים דורכדרינגליך פינסטער.

און ליפע פלעגט שטעהן אקעגען הימעל, צי אקעגען טייכעל, און דאס וואס דער הימעל העגט, וואס דאס וואסער געהט, פלעגט איהם איבערפולען דאס הארץ מיט בייזען וואונדער. וויינען פלעגט ער שוין איצט נים, נאר ארומגעהן אויף דער וועלט פלעגט ער ווי א פערלארענער, און א שטיצפונקט אין דער פינסטערניש האט ער נים געהאט. אז ער פלעגט קומען צו דער באבען מיט זיין איבערפולטען הארצען:

– אט הער, באבעשי...

פלעגט זי תיכף אנהייבען שאקלען מיט׳ן קאפ:

– אזוי גרוים אויסגעוואקסען – אויף צרות, נים צו גאט, נים צו לייט...

און די קינדער, וואס פלעגען איצט שפילען אויפן שוהלהויף אין קלאסען, און שבת צו אשרי תמימי דרך – דערצעהלען אין שוהל מעשיות, האבען ליפען געטריבען פון זיך:

– ליפע, אויפ׳ן פידעל ריפע! – פלעגען זיי איהם נאכשרייען.

אמאליגע חברים זענען שוין גרויסע געווארען. און גרויסע פלעגען ליפען אין שוהל הייסען „תחנון׳ פאלען צו „קדושה", און שפרינגען צו „עלינו". אויב נים אין שוהל – פלעגען זיי זיך ביי איהם אלץ נאכפרעגען:

– נו, וואס, ליפע, דער הימעל העגט נאך אלץ?

אלע מאל פלעגען זיי לאכען פון איהם...

און שטענדיג פלעגט די באָבע שאָקלען מיט׳ן קאָפּ. זי האָט געמאַכט זאָקען פאַר בעלי־בית׳טעס. פלעגט זי זיצען מיט די פיס אונטער זיך אין בעט, דרעהען אויסנעווייניג די שפּיזלעך און ריידען:

– אַזוי גרויס אויסגעוואַקסען, אויף צרות...

ליפע האָט געמיינט, אַז ער איז שולדיג, וואָס ער איז „אויף צרות", און פלעגט זיין אויסער זיך און פערענטפערן זיך.

– אָט אַז איך בין אַגראָבער קאָפּ, בין איך! אָט גאָר נישט קאָן איך ניט, גאָר נישט, קיין שמיד אויך ניט, אַגראָבער קאָפּ...

די באָבע פלעגט געלאַסען אויסהערען און נאָכדעם ווייטער אָנהייבען ציהען:

– הערסטו, מיין מזל! וואָס זאָג איך דען, – אַמענש? אַודאי קיין מענש ניט, אַזוי גרויס אויסגעוואַקסען, ניט צו גאָט, ניט צו לייטען...

און אַלץ מיט אַנאָגענדען קול. ליפען פלעגט שניידען איבער׳ן הארצען פון די רייד. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאַרף ער טון, אַז ער איז קיין מענש ניט. ער פלעגט אונבעהאָלפען הערען, ציטערן פון אינווייניגסטער אויפרעגונג און אוועק פון שטוב.

טאָמער פלעגט ער זיך פערקלייבען ערגעץ אין אַשטילען ווינקעלע און וועלען טראַכטען וועגען דעם, וואָס ער איז קיין מענש ניט, האָט ער געקנייטשט דער שטערן און גאָר נישט פערשטאַנען. איהם פלעגט זיך אָנהייבען עפּעס אָבדאַכטען – אַ פליג איז דורכגעפלויגען, אַמוק האָט אַזשום געטון... און דאָס האָט ער אויך ניט פערשטאַנען. וואונדער איבער וואונדער האָבען זיך בעהעפט אין זיין הארצען, און דאָס אָנגעלאָדענע הארץ האָט איהם געריסען און געשלעפּט פון אָרט ערגעץ וואוהין אַנדערש. ליפע פלעגט זיך לאָזען איבער די גאַסען פון שטעטעל.

אַניאומעדינער, מיט דורשטיגע בליקען נאָכקוקענדיג אַלעמען, פלעגט ער שפּרייזען איבער די גאַסען. פאַרביי אַ ווערקשטאַט געהענדיג, פלעגט ער זוכען אין די פענסטער, ווי אַרבייט זיך דאָרט. ער פלעגט זיך פיהלען זעהר אָראָבגעפאַלען, זעהענדיג, ווי די בעל־מלאכות זיצען ביי דער אַרבייט. ניט זיכער פלעגט ער שטעלען די פיס, און ווי בגנבה רוקען זיך ווייטער. יעדע רגע גרייט אַוואָרף טון זיך צו אַנטלויפען.

אויב מ׳װעט איהם בעמערקען, מיט דער זעלבער אראָבגעפּאַלענקײט פלענט ער זיך גנב׳ען פּאַרבײ אַ חדר, װאו קינדער פלעגען זיצען בײם טיש און לערנען. טאָמער פלעגען איהם די קינדער דערזעהן און אָנהײבען שרײען:

— ליפּע! אױפ׳ן פידעל ריפּע! —

פלענט ער אין טויט־שרעקעניש אַנטלױפען. דאָס קלענסטע יונגעל האָט איבער איהם געהאַט די איבערהאַנט.

און אַזױ פלענט ער אײנער אַלײן, פאַר אַלעמען דערנידערינט, נאָר נישט פערשטעהענדיג, אַרומגעהן, ביז ער פלענט קומען צום מאַרק. דאָרט זענען שטענדיג געװען קרעמער, װאָס פלעגען זיצען אױף די טרעפּליך נעבען די קראָמען און שמועסען צוזאַמען. ליפּע פלענט זיך אַװעקזעצען פון דער װײטען, אָבגעפּנען מויל און אױערן, לאָזען די שמײע רינען איבער דער אונטערשטער ליפּ און, דורשטיג בעװעגענדיג די אױערן װי אַ פערדעל, הערען:

— אַט יענקעל רעדט איצט, אַט בערל רעדט, אַט לאַכען זײ, — פלענט ער פאַר זיך מאַכען בעמערקונגען װעגען אַלץ, װאָס ער האָט געזעהן.

און אַ ביטער סך הכל פלענט ער מאַכען דערפון, װאָס ער האָט געזעהן און געהערט בײ „מענשען": אַט זײ רײדען, אַלע רײדען זײ... און דאָס האַרץ פלענט בײ איהם צאַפּלען פון אָנשטרענגונג. און אַזױ חײט, און אַזױ ניט צוטריטליך, האָט ער געפיהלט, זענען די „מענשען" װאָס רײדען דאָרט אַלע...

ניט אַלע טאָג פלעגען די קרעמער ליפּען לאָזען זיצען אַזױ פון דער װײטען.

װען מ׳פלענט דאַרפען אַראָבטראָגען פון די פוהרען אין קראָם אַרײן שװערע זעק אָדער פולע פעסער, אָדער גלאַט אַזױ טון עפּעס װאָס שװערעס, האָט מען גערופען ליפּען. די קרעמער האָבען געקוקט,

ווי ליפע טראָגט אַ פּינפּפּודיגען זאַק נאָר אָהן אָנשטריינגונג, גלייך אַ „בערעלע״ וואָלט מען איהם צו „איבה״ אָנגעשטעקט אויפ׳ן פּלייצע, און האָבען זיך געוואונדערט:

– אַ אַ, ס׳אַראַ כ׳וואָט דו ביזט, ליפע!

און ליפע האָט געמיינט, אַז ער דאַרף זיך פערענטפערן:

– אָט אַז עס איז ניט שווערער, אָט גאָר ניט שווערער...

אַנ׳אַנדער קרעמער, אַליין אַ דאַרער, אַ מוק, פלעגט בשעת מעשה מיט בעזונדער הנאה אַראָבלאָזען די האַנד מיט דעם גאַנצען כח אויף ליפעס פּלייצע, כדי צו פיהלען, ווי שוואַך דער דאָזיגער אייזערנער בחור איז קעגען זיינע טרוקענע הויט און ביינער.

– וואָס, עס טוט דיר גאָר ניט וועה, ליפע? – פלעגען די קרעמער פרעגען.

– ס׳טוט וועה... – פלעגט ליפע ענטפערן, ווי ער וואָלט געווען אין עפּעס שולדיג, נאָר פערטיידיגען זיך איז איהם קיין מאָל אויפ׳ן זין ניט נעקומען.

אין מיטען וואָך ווען דער פּדיון איז שוואַך, פלעגט די קרעמער מיאוס ווערען שמועסענדיג צווישען זיך, און ס׳איז נאָך אַלץ געגוג צייט געווען צו געניצען. זענען זיי צופרידען געווען, וואָס עס איז מעגליך אַ ביסעל צו פערברייענען מיט ליפען, און האָבען איהם גערופען צו זיך.

ליפע האָט געוואוסט, אַז זיי לאַכען פון איהם, נאָר ענטזאַגען זיך צו געהן האָט ער ניט געקענט. ליפע האָט געהאַט אָבשיי פאַר מענשען, און געמוזט פאָלגען אַלעמען און אַלץ. וואָס מ׳האָט איהם געהייסען. אַז מ׳פלעגט איהם אַרוף טון, פלעגט ער אָנהייבען ציטערן מיט אַלע איברים פון אויפרעגונג, און צוגעהן מיט אַזאַ גאַנג, גלייך ער וויל גאָר שטעלען די פיס אויף צוריק, נאָר מ׳שלעפּט איהם אויף אַ שטריקעל. מיט חשד אין די שפּיציגע אויגען האָט ער געקוקט אויף די, וואָס האָבען איהם צוגערופען. אַ מורא האָט ער געפיהלט, ניט וויסענדיג, וואָס וועלען זיי מיט איהם טון, און אַ יאוש האָט איהם געדריקט דאָס האַרץ, ווי ער וואָלט זיך ניט קענען אָבוועגדען פון אַ פּאַטש, וועס הענגט איבער זיין באַק...

— נו וואָס, ליפּע? דער הימעל איז נאָך ניט אַראָבגעפאַלען? — פלעגט מען איהם געוועהנליך דאָס ערשטע פרעגען.

און ליפּע פלעגט ענטפערן ערנסט:

— ניין, אָט ער הענגט, אַלץ הענגט ער...

— פאַר וואָס האָסטו ניט חתונה? — איז געווען די צווייטע פראַגע.

— אָט איך וויים ניט, איך בין נאָך אַ קליינער, די באָבעשע הייסט ניט. — פלעגט ער ענטפערן.

— ווייסט ליפּע, אַז די באָבעשע וועט איבער הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר שטאַרבען? — פלעגט זיך נאָך עמיצער חכמ'ען.

— אָט זאָל נאָט היטען, אַ רחמנות! — פלעגט ליפּע אויסשיסען אַ דערשראָקענער.

און נאָכדעם פלעגען זיך שיטען אַנדערע פראַגען און ליפּע פלעגט אַלץ אַזוי ערנסט ענטפערן. אַנדערש האָט ער ניט געקענט ענטפערן, ווי מיט דער גאַנצער אויפריכטיגקייט פון זיין פשוט'ער נשמה.

און נאָך יעדען ענטפער פלעגט דער עולם לאַכען — האַ האַ האַ! זיי פלעגען הנאה האָבען, וואָס זיי אַליין זענען ניט גלייך צו איהם, און דאָס דער „טיאַטער" קאָסט זיי אַזוי ביליג.

— אָט אַז איהר לאַכט פון מיר! — פלעגט זיך ליפּע אונבעהאָלפען בעטען.

נאָר אַוועקגעהן אין מיטען האָט ער זיך ניט דערוועגט. ווען די קרעמער האָבען איהם אַליין אָבגעלאָזט, האָט ער זיך נאָך אַרומגעקוקט אויף הינטער, צי מען פאָדערט איהם ניט צוריק.

און האָטשי ער האָט געציטערט פון מורא, און אַ צער האָט איהם געדריקט דאָס הארץ פון אזעלכע געשפּרעכען מיט „מענשען", וואָס לאַכען פון איהם, פונדעסטוועגען פלעגט ער אויף מאָרגען ווייטער קומען אויפ'ן מאַרק. ליפּען האָט געצויגען צו מענשען, וועלכע זענען איהם דאָך פערשטענדליכער פון אַלץ, וועלכע קענען ריידען, דערצעהלען זיינע חברים. פלעגט ער זיצען און קוקען אויף מענשען, האָטש פון דערווייטען, האָטש ריידען מיט זיי האָט ער מורא געהאַט.

גוט האָט זיך ליפּע געפֿיהלט, ווען אין שטעטעל פֿלעגט זיין אַרעפּעטיציע פֿון די פּייערלעשער. ער האָט דעמאָלט פֿערלאָרען זיין שרעקעדיגקייט, זיין נידעריגקייט, און מוטיג האָט ער געקוקט מענשען גלייך אין די אויגען אַריין.

— אָט איהר ווייסט? — היינט איז אַרעפּעטיציע! — פֿלעגט ער אַ פֿערשמייעטער אַרומלויפֿען איבער׳ן שטעטעל און אָנזאָגען אַלעמען, וועמען ער האָט נאָר בעגעגענט.

טאָמער האָבען איהם די קרעמער געוואָלט צורופֿען, אַ ביסעל אַלאַך טון, פֿלעגט ער זיך ניט לאָזען:

— ניין, אָט איך דאַרף געהן, איך האָב ניט קיין צייט...

און ער פֿלעגט לויפֿען אויפ׳ן שוהלהויף צום שפּייכלער פֿון די פּייערלעשער, וואו די מאַשינען מיט די פֿעסער זענען געשטאַנען. ער פֿלעגט זיך אַוועקשטעלען און מיט התפּעלות קוקען אויף די פֿערשלאָסענע טויערן פֿון שפּייכלער, און אַז עמיצער פֿלעגט פֿאַרבייגעהן, פֿלעגט ער גיכער אָנזאָגען:

— ניין, אָט איצטער נאָך ניט. אַז עס וועט פֿאַרנאַכט ווערען, וועט זיין אַרעפּעטיציע.

און פֿאַרנאַכט, ווען די פּייערלעשער אין מעשענע היטלען און דאָס גאַנצע שטעטעל פֿלעגען זיך צונויפֿקלייבען צום שפּייכלער, פֿלעגט ליפּע אַרומגעהן צווישען עולם אַ פֿערעסק׳טער, ווי אויף אַן׳אייגענע שמחה. איהם איז גוט געווען, וואָס אַזוי פֿיעל מענשען זענען דאָ, און ער — מיט אַלעמען, אַלע טומלען און ער שטעלט זיין קול אויך אַריין. אַלע טוען און ער טוט אויך. די פּייערלעשער מאַרשירען, אַלע געהען זיי נאָך — ער אויך. די יונגלעך שפּאַנען זיך איין אין אַ פּאַס, און רופֿען איהם אויך צו זיך:

— גיכער, ליפּע! לאָמיר לויפֿען! האַ — אַ — אַ!..

און ליפּע בויגט אָן דעם קאָפּ, פֿערקיילעכיגט דעם האַלז, הירזשעט אין אַלגעמיינעם טומעל, בריקעט מיט די פֿיס, לויפֿענדיג ווי אַן׳אמת׳ער פֿערד. און ער איז דוכט זיך גאָר, גאָר גלייך מיט אַלעמען. אַלץ איז איהם פֿערשטענדליך, גאָר נישט דוכט זיך איהם ניט; פֿערגעסען, אַז די באָבע שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אַז ער איז קיין מענש ניט. און איהם איז גוט.

אויף אַ שרפה איז איהם אויך גוט געווען. נאָר אויף אַ שרפה פלעגט איהם וועה טאָן דאָס האַרץ הערענדיג דאָס געוויין פון די נשרפים.

– אַט אַ רחמנות, – פלעגט ער זיך פלוצלינג אָבשטעלען מיט דעם פעסעל.

און דער עיקר, אויף אַ שרפה פלעגט זיך איהם רק דוכטען.

– אַט זעהט, אז ער שפרינגט, און שפרינגט, דער פייער, און אַלץ בלייבט ער און שפרינגט... – פלעגט ער זיך אָבשטעלען און קוקען מיט בייזען וואונדער אויף דאָס פייער.

געלאַכט האָט פון איהם דעמאָלט קיינער ניט, נאָר אין קאַרק האָט ער געקריגען, דערפאַר וואָס ער שטעלט זיך אָב מיט'ן פעסעל, ווען „דאָרט" דאַרף מען אַזוי נויטיג וואַסער.

–נעה, משוגע! –

ליפע פלעגט אַוועקלויפען ווייטער, נאָר יעדע רגע אומקוקען זיך אויפ'ן פייער וואָס שפרינגט און שפרינגט און שפרינגט ניט אַוועק. אויפ'ן האַרצען פלעגט איהם ווערען שווער, און זיין שמחה פלעגט שוין זיין אַ ביסעל צעשטערט.

נאָר די טעג פון אַ רעפעטיציע האָבען זיך בעגעגענט, ווי זעלטענע אַזויסען אין אַ וויסטעניש, וואו ליפע האָט געהאַט אַ קורצע רוה – כדי נאָכדעם ווייטער צו בלאָנזען אין אומעט און איינזאַמקייט. ער פלעגט אַרומגעהן איבער שטעטעל, זוכען מיט די שפיציגע אויגען, אַלץ זעהן און קריגן זאַך ניט פערשטעהן, האָט געבענקט נאָך מענשען, צו וועלכע ער זאָל זיך קענען צוטוליען און האָט מורא געהאַט פאַר זיי; ביז אין חלום פלעגט ביי איהם אַמאָל אויפלעבען דאָס בילד פון אַמאָליגע יאָהרען, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער און האָט געהאַט חברים, געלעבט מיט מענשען, ווי אַלע.

נאָך אַזעלכע חלומות פלעגט ער לויפען צום שוהלהויף, צום

טייך, זוכען די אמאָליגע חברים, אָבער זיי זענען ניט געווען. אַנדערע קינדער האָבען דאָרט געשפּילט, וואָס פלעגען איהם טרייבען, פרעמדע. און אַ פינסטערער תהום איז געווען אויסגעשפּרייט צווישען חלום און וואַהר: אָט זענען זיי געווען אַלע — און אָט זענען זיי ניטאָ, גאָר נישט, קיינער...

אַ פערוואונדערטער, אַ בענקענדער פלעגט ער זיך אַוועקשטעלען ערגעץ פון דערווייטען, קוקען, ווי די פרעמדע קינדער שפּילען זיך אין די זעלבע שפּילען, וואָס אַמאָל האָט ער געשפּיעלט, און דעמאָלט פלעגט זיך אַ שווערע, נאָר אַ ברענעדיגער ווי פלאַם פייער געדאַנק אָנהייבען בעווענען אין זיין קאָפּ, ווי גרויסע שווערע מילשטיינער.

— אָט אַז אַלע האָבען חברים, אַלע... אַז מענשען זענען זיי...

אין אַזעלכע טעג פלעגט ליפּען אַמאָל איינג ווערען אין זיין געבורטס־שטעטעל, וואו אַלץ איז איהם געווען אַזוי אייגען און אַזוי פרעמד, אַזוי נאָהענט און אַזוי שרעקליך ווייט און הויך איבער איהם. און ער פלעגט אַוועק פון שטעטעל.

אַז ער איז אַוועק, פלעגט זיך די באָבע דערוויסען ערשט בּיי דער נאַכט דערפון, וואָס ער איז ניט געקומען נעכטיגען. די קרעמער אויפ׳ן מאַרק פלעגען בעמערקען, אַז ליפּע איז ניטאָ, ווען זיי האָבען געדאַרפט אַראָבטראָגען שווערע זעק אין שפּייכלער, און ליפּעס געזונטער רוקען האָט געפעהלט.

נאָר אַזוי אומגעריכט, ווי ער פלעגט נעלם ווערען, אַזוי אומגעריכט פלעגט ער יעדעס מאָל צוריק קומען. אין אַ טאָג, צי אין צוויי, אַמאָל אין אַ גאַנצע וואָך אַרום, נאָכדעם אַז ער איז נעלם געוואָרען, פלעגט ער זיך פלוצלונג בעוויזען אויפ׳ן מאַרק — אַ ליכטיגער אַ שיינענדיגער, ווי אַ נייער.

— נוט מאָרגען, נוט מאָרגען, — פלעגט ער אַלעמען בעגעגנען אַ געריהרטער מיט שטראַהלענדע אויגען.

און אַז מ׳פלעגט בּיי איהם אָנהייבען נאָכפרעגען, וואו איז ער געווען, און פאַר וואָס איז ער צוריקגעקומען, האָט ער זיך אָנגעהייבען אויספרעגען און פלאָנטערן אַ לאַנגע מעשה, פון וועלכער אַלע פלעגען לאַכען:

— אַט אַז אַלע זענען דאָרטען פרעמדע, נאָר אַלע. אַט קיינער ניטאָ. דער מאַרק אויך. די שוהל אויך. און אַלץ וועלדער און פעלדער. אַלץ פרעמדע. אַט קיין באָבעשע אויך ניטאָ, קיינער ניט, נאָר קיינער ניט...

און איהם פלעגט ניט אַארען וואָס מ׳לאַכט פון איהם — אַזוי צעקאָכט איז ער געווען פון זיין מעשה. און עטליכע טעג נאָכאַנאַנד פלעגט ער אומלויפען ווי אַ בעגייסטער איבער שטעטעל, בעקוקען אַלע בעקאַנטע ערטער און מיט אַ שמחה ענטפערן אַלעמען, ווער ס׳האָט איהם נאָר געפרעגט:

— אַט אַלץ, ווי פריהער, אַלע, אַלע, אַט אומעטום, ווי פריהער...

נאָר איין מאָל איז ליפע אַוועק און מעהר שוין צוריק ניט געקומען.

דאָס איז געשעהן אום זומער. ליפע איז ארומגעגאַנגען איבער די גאַסען און בענקענדיג געקוקט אייף אַלע זייטען. פּלוצלונג זענען צו איהם צוגעגאַנגען צוויי יונגלעך, וועלכע ער האָט אין שטעטעל קיין מאָל ניט בעגעגענט. ליפע האָט זיך אינסטינקטיוו אָבגעוואָרפען אויף הינטער, אָבטרעטען זיי דעם וועג, ווי זיין שטייגער איז געווען. נאָר דער עלטערער פון די צוויי יונגלעך מיט אַ קלומעקעל אויפ׳ן פּלייצע האָט זיך צו איהם געווענדט:

— זייט אַזוי גוט, וואו איז דאָ דאָס הכנסת-אורחים שטיבעל?

ליפע האָט קיין מאָל ניט געהערט, מ׳זאָל צו איהם מיט אַזאַ טאָן ריידען ער איז געבליבען אַ צוטומעלטער און האָט ניט געענטפערט.

— דער הקדש — איהר ווייסט ניט? — האָט דאָס יונגעל געמיינט, אַז מ׳פערשטעהט איהם ניט.

און ליפע האָט ענדליך דערפיהלט אין דעם יונגעלס ווערטער עפּעס אַ בעקאַנטען טעם. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. נאָר ער איז איהם געווען בעקאַנט, דוכט זיך פון אַמאָליגע קינדערשע

יאָהרען, דוכט זיך, ווי אַ חבר פון אַמאָל וואָלט צו איהם גערעדט, און חשד האָט ער אין איהם געוועקט, און פרייד, אַלע איברים האָבען ביי איהם אָנגעהייבען ציטריג צו בעוועגען זיך, און די אויגען – צובליצען.

– אָט קומט, אָט איך וויים, – האָט ער אָנגעהייבען, און די צונג האָט זיך ביי איהם געפּלאָנטערט פון אויפרעגונג. – אָט קומט, וועל איך אייך שוין בעווייזען.

און ער איז אַוועק איילענדיג איבער׳ן גאַס. די יונגלעך זענען איהם נאָכגעלאָפען. דער עלטערער, מיטן קלומעקעל אויף די פּלייצעס, מיעד און שוועהר; דער יונגערער האָט געהאַט זיין פּיסעל אַ פּער־־־אָ־מעטע, איז ער פרעהליך אונטערשפרונגען. ליפע האָט זיך יעדע רגע ארומגעקוקט אויף הינטער און אַלץ צוגעזאָגט:

– אָט אין הקדש, איך וויים. באַלד. אָט שוין גאָר באַלד.

אין קאָפּ איז ביי איהם געשטאַנען אַ גרויסער אַ ברייטער געדאַנק – אין הקדש. ער האָט איהם אינגאַנצען איבערפילט און בעגייסטערט ווי אַ רעפּעטיציע פון די פייערלעשער. און ער האָט זיך געפיהלט, אַזוי ווי ער וואָלט געטון אַ גרויסע זעהער אַ וויכטיגע אַרבייט.

– אָט איז שוין דער הקדש, אָט דאָס איז ער שוין, – האָט ליפע זיך אָבגעשטעלט, ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ שטוב מיט צעבראָכענע פענסטער אין עק פון שטעטעל.

די יונגלעך זענען אַריין אין שטוב, און ליפען איז פּלוצלונג זעהר אומעדיג געוואָרען. אָט ערשט איז עפּעס געווען אַ גרויסער אַ וויכטיגער ענין, פול מיט ליכטיגקייט און נאָהענטקייט פון מענשען – און שוין איז עס ניט געוואָרען. דאָס האַרץ איז געבליבען לעדיג, אויסגעלעערט, פון דער אויפרעגונג איז גאָר נישט געבליבען, וואָס זאָל האָבען עפּעס אַ ממשות. און דער בעקאַנטער טעם, וואָס האָט זיך איהם געלאָזט פיהלען, איז נאָך אַלץ געבליבען, אויף דער שפּיץ צונג, דוכט זיך, איז עס געהאַנגען, און ס׳איז שווער געווען אָנצוגרייפען...

ליפען האָט זיך ניט געוואָלט אַוועקגעהן פון דאַנען, ער איז פערבליבען שטעהן און האָט מיט בענקעניש געקוקט אויף דאָס שטוב, וואו די צוויי יונגלעך זענען נעלם געוואָרען.

נאָר שפּעטער אַ ביסעל זענען די יונגלעך אויך אַרוים אין דרויסען מיט שטיקער ברויט אין די הענט, אָהן דעם קלומעקעל, און געזעצט זיך אויפ'ן פריזבע נעבען הקדש עסען.

אין דעם זעלבען טאָג פאַרנאַכט איז שוין ליפּע געזעסען מיט די צוויי יונגלעך אויפ'ן פריזבע, ווי מיט חברים. דער עלטערער פון די יונגלעך האָט פערטראַכט געקוקט אויף דעם רויטען הימעל אין מערב-זייט, וואו די זון איז אונטערגעגאַנגען; ער איז געזעסען שטיל, אין זיך פערשלאָסען. דער יונגערער האָט געקליבען שטיינדלעך פון דער ערד און געוואָרפען אין פאַרקאַן, וואָס איז געשטאַנען דערביי.

ביי ליפּען איז דער היטעל געווען פערדרעהט אויף אַ זייט, דער פנים – רויט. אַ נערוועזער ציטער פלעגט איהם אָפט איבערגעהן איבער'ן פנים. ער האָט זיך געמאַטערט ריידענדיג, געקנייטשט דעם שטערען, געוואָרפען מיט די הענט און געשיקט שפּיציגע בליקען דאָ אויף איינעם, דאָ אויפ'ן צווייטען יונגעל. לאַנג האָט ער גערעדט, וועגען אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט; ער האָט געוואָלט אויסריידען אַלץ, וואָס ביי איהם האָט זיך פאַר אַזוי פיל יאָהרען אָנגעקליבען אויפ'ן האַרצען. נאָר ער האָט קיין ווערטער ניט געפונען אויסצודריקען זיינע געפיהלען. די געדאַנקען האָבען זיך צעגאָסען ווי וואַסער, די בילדער האָבען רק געזונקען אין אַ ים פון שאָטענס. ליפּע האָט אַרום זיך געזוכט ווערטער און בילדער.

– אָט אַ הימעל העענגט אין דער הויך, – האָט ער געזאָגט קוקענדיג אַרויף אין דער הויך און זעהענדיג דעם רויטען הימעל, – אָט איצט איז ער אַ רויטער, איז ער. און ער העננט דאָרטען אין דער הויך העענגט ער. אָט אַלע מאָל אַזוי, אַז ער וויל אַראָבפאַלען, העענגט ער אויך. און פאַלט ניט. אָט קיין מאָל פאַלט ער ניט, ער העננט אַלץ, אַלץ העענגט ער...

פון אַיילעניש און פערבלינענדיג זיך האָט ער יעדעם וואָרט איבערגעחזר'ט אָהן אַ שיעור מאָל.

דער יונגערער יונגעל האָט זיך געוואָרפען שטיינדלעך, און דוכט זיך, נאָר ניט געהערט; דער עלטערער האָט געהערט און געשוויגען, שטאַרק פּערטראַכט אין זיך. און ענדליך, אַז ליפּע איז אויף אַ רגע אַנשווייגען געוואָרען, אָנקוקענדיג דעם נייעם חבר זיינעם מיט נרויסע דערשראָקענע אויגען, ווי ער וואָלט פון איהם געוואַרט אַ בעשיידונג צו די שרעקליכע וואונדער וואָס ער דערצעהלט, האָט זיך דער עלטערער יונגעל ווי פון חלום ערוואַכט, און האָט שטילערהייד, כמעט שעפּצענדיג, געזאָגט:

— גאָט מאַכט עס אַלץ...

און דער קלענערער האָט פון זיין זייט צוגעפּסק'נט.

— אודאי גאָט...

ביי ליפּען האָבען זיך די אויערן אַ טרייסעל געטון פון דעם בראָך, וואָס זיין מוח האָט פּלוצלינג בעקומען... די פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט דאָ דערהערט, האָבען זיך, ווי אַ דונער, אַריינגעריסען אין זיין מאַרך און צוטומעלט איהם. אַ רגע איז ער געזעסען ווי אַ פערשטיינערטער, און באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען און אַוועקגעשטעלט זיך. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס. דער נייער געדאַנק, וואָס די קינדער האָבען איהם געגעבען, איז געווען אַזוי ברייט, און ווייט, און טיעף, אַז ער האָט עס פאַר איין מאָל ניט געקענט בעגרייפען. און אַ פּער־וואונדערטער האָט ער זיך ווי פערלאָרען אַקעגען דער מאַכט, מיט וועלכער דער נייער געדאַנק פערטיעפט זיך אַלץ מעהר, בעלייכט אַלץ ווייטערע און פינסטערערע ווינקעלעך אין זיין נשמה.

— אָט גאָט! — האָט ער ענדליך אויסגערעדט, ווי ער וואָלט ערשט אָבגעאָטעמט נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט געפּונען אונטער וואַסער. — אָט גאָט!..

— וואָס זשע מיינסטו? — האָט דער קלענערער ווייטער געזאָגט.

— אָט גאָט! — האָט ליפּע זיך געמאַטערט בעגרייפען. — אַלץ מאַכט ער? אָט אַז די וואַנד שטעהט און שטעהט — אויך מאַכט גאָט? און אַז אָט אַ פייער שפּרינגט און וויל אַוועקשפּרינגען — אויך מאַכט גאָט? אַלץ מאַכט ער, גאָט?..

— אודאי גאָט, — האָבען די יונגלעך צוגעפּסק'נט.

– און אז אַט אַלע זענען מענשען – מאַכט אויך גאָט, – האָט ליפּע ווייטער געגרונטעוועט די טיפענישׁ פון זיין נייעם געדאַנק, – און אז די באָבעשע שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אָט שטענדיג אַזוי שאָקעלט אַזוי און רעדט – מאַכט אויך גאָט?

– אַלץ מאַכט גאָט, – האָט דער עלטערער יונגעל געזאָגט.

יענע נאַכט איז ליפּע ניט געקומען נעכטיגען אַהיים צו דער באָבען. ער האָט גענעכטיגט צוזאַמען מיט די יונגלעך אין הקדש אויף דער ערד. זיי זענען גיך איינגעשלאָפען, נאָר ער האָט ניט געקענט אנשלאָפען ווערען. ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען אין דער פינסטער און צוגעהערט זיך, ווי די ווענט ווערען ניט, עס ווערט ווייט אַרום, וויסט און לעער און ווייט, און אויפ'ן סאַמע גרעניץ פון דער ווייטקייט „רעדט" זיך דאָרט... נאָר ער האָט געוואוסט, וואָס דאָס איז.

– גאָט מאַכט עס, – האָט ער געטראַכט, און האָט מיט יעדען חוש געפיהלט די נאָהענטקייט פון די צוויי יונגלעך נעבען זיך.

שטיל-שטיל, גאָר פּאַמעלעך און מיט אַ געפיהל פון גרויסער איבערגעבענקייט און יראת הכבוד פלעגט ער אַרויפלעגען די האַנד אויף זיי און גלעטען. זיין האַרץ איז געווען פול; איהם איז געווען גוט.

אויף מאָרגען אין דער פריה זענען די קינדער אַוועק איבער די הייזער. ליפּע איז אויך מיט זיי געגאַנגען. ער האָט זיי געוואָלט אַרומנעמען, ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ קליינער, פלעגט ער אַרומנעהמען זיינע חברים אַרום האַלז און שפּאַצירען; איז ניט אַרויסגעקומען גוט, ער איז געווען צו הויך.

– אָט אַז איך בין שוין אַ גרויסער! – האָט ער געזאָגט מיט צער און איז אַוועקגעגאַנגען ניט אַרומגענומען.

ווען די קינדער פלעגען אַריין אין אַ שטוב נאָך אַ נדבה, האָט ער אויף זיי געוואַרט אין דרויסען. און געהענדיג מיט זיי, האָט ער געפיהלט

אזא שטייפקייט, ווי אין דעם טאָג פון אַ רעפּעטיציע, און אזא דרייסטקייט, ווי אין דעם טאָג וואָס ער פלעגט זיך צוריקקערן אין שטעטעל נאָך אַ פּאָר וואָכען ארומבלאָנדזשען איבער פרעמדע שטעטלעך און דערפלעך.

– אָט זענען זיי, מיינע חברים, – האָט ער זיך פאַר אַלעמען בעריהמט.

אויפ'ן מאַרק האָבען איהם די קרעמער צוגערופען:

– קום אהער, ליפּע! –

האָט ער זיך ענטזאָגט:

– ניין, אָט אַז איך האָב קיין צייט ניט, האָב איך ניט. איך האָב שוין חברים! – און איז אַוועק ווייטער.

און פון איין שטוב ביז דעם צווייטען, פלעגט ער גערן געבען די קינדער און מיט התלהבות ריידען:

– אָט אַלץ מאַכט גאָט, אַלץ...

און נאָך האַלבען טאָג, אַז די קינדער זענען דורכגעגאַנגען אַלע הייזער פון שטעטעלע, האָט ליפּע אָנגעטון זייער קלומעקעל צו זיך אויפ'ן קאַרק, האָט גענומען זיינע חברים פאַר די הענט און איז מיט זיי אַוועק. פאַרבייגעהענדיג דער באָבעס דירה, האָט ער אַריינגעשריען אין אָפענעם פענסטער.

– באָבעשע! אָט זיי שוין געזונט! איך געה שוין אַוועק, געה איך! זיי געזונט!

און אַלעמען, וועמען ער האָט בעגעגנט, האָט ער געוואונשען, ערנסט און מיט גרויס חשיבות:

– זייט געזונט, זייט!

– וואָהין איז דאָס, ליפּע! האָט מען איהם געפרעגט.

און ליפּע האָט געדרעהט מיט'ן קאָפּ אין דער זייט פון וועג:

– אָט מיר געהען אין דער וועלט, געהען מיר!

נאָכדעם איז דאָס שטעטעלע געבליבען פון הינטען. ס'איז ניט געווען מיט וועמען צו זעגנען זיך מעהר. ליפע האָט אַ העב געטון דעם קאַרק, העכער אָנגערוקט דאָס קלומיקעל און אָנגעהייבען רעדען:

— אָט אַלץ מאַכט גאָט, אַלץ. אָט דעם טייך אויך, אָט דעם וואַלד אויך. און אַז איך מאַך אָט אַזוי „אָ—אָ—אָ" ...

ליפע האָט הויך אויפגעהייבען די שטים —

— איז מאַכט עס אויך גאָט, — האָט ער ווייטער גערעדט. — און אַז איך מאַך אָט אַזוי — „אָ—אָ—אָ" ...

ער האָט עס שטיל־שטיל אויסגערעדט, כמעט ניט צו הערען —

— מאַכט עס אויך גאָט!..

דער עלטערער יונגעל איז געגאַנגען סאָליד און האָט געהערט ערנסט, ווי אַ גרויסער; דער יונגערער — איז אונטערגעשפרונגען אויף איין פיסעל.

— אָט אַלץ מאַכט גאָט, — האָט ליפע גערעדינגט.

פון פרעמדע וועלטען.

III.

און אַ לאַנגען מילטענעם מלבוש, וואָס איז איהר נעהאַנגען
אַ זאַק פון קאָפּ ביז די פיס, איז זי אַ גאַנץ ווינטער געזעסען אויף
אַ נידריג בענקעלע צווישען אויבען און טהיר ביים אַריינגאַנג פון פּאָרהויז,
און געשפּילט זיך מיט אַ שטיק האָלץ אין די הענד. דער שטיק האָלץ
איז געוועזען פון איין זייט פערוויקעלט מיט אַ שמאַטע, פּונקט ווי אַ טיכעל
איבער'ן קאָפּ פון אַ ליאַלקע; און דאָס מיידעל האָט עס מוטערליך
געדריקט צום האַרצען, געקוסט און געהאַלוט. עס האָט זיך געדוכט, אַז
דער שטיק האָלץ לעבט ביי איהר אין די הענט, רעדט איהר עפּעס
און האָט אַ לעבעדיגע נשמה,—מיט אַזאַ קלוגען אויסדריקליכען שמייכעל
האָט זי געקוקט אויף איהם. נאָר ווי פערנומען זי איז מיט איהם
ניט געווען, האָט זי דאָך קיין איינציגע בעוועגונג אַרום זיך ניט דורכ-
געלאָזען אָהן אויפמערקזאַמקייט. אז די מוטער פלעגט פאַרבייגעהענ-
דיג אויף איהר אַ קוק טהון, פלעגען זיך זייערע בליקען שטענדיג בעגעג-
נען. נאָר דאָס מיידעל פלעגט דעמאָלט דעם שטיק האָלץ שנעל פער-

שמעקען הינטער׳ן רוקען און קוקען אויף די מוטער מיט אזא שמייכעל, גלייך זי וואלט װעלען זאגען: ניטא, א צוציע צוגעכאפּט...

און ווי די מוטער, אזוי פלעגט זי יעדען בעגעגנען מיט איהר בליק, נאר קיינער האט איהר בליק ניט געקענט אריבערטראגען. מאדנע אויגען האט דאס מיידעל געהאט, גרויסע, ניט געוועהנליך אפענע; א נאקעטע נשמה, מיט קיין נעבעל ניט פערדעקט, אונטער קיין פאר־האנג ניט בעהאלטען, נאר אנ׳אפענע נשמה האט פון זיי ארויסגעקוקט: נאט, זעהט, איננאנצען... אפשר האט דאס מיידעל ניט געקענט בע־האלטען, אפשר האט זי ניט געוואלט בעהאלטען איהר נשמה. נאר מענשען זענען דערצו ניט געוועהנט, זיי פערשטעהען ניט, וואס רעדט אנ־אבגעעפענטע נשמה; פלעגט זיי אנגעהמען אנ׳אומרוהיגקייט, פלעגט ביי זיי א ציטער איבער׳ן רוקען געהן, און זיי האבען זיך געמוזט אבווענדען. דאס מיידעל פלעגט דעמאלט שטיפעריש און דוכט זיך שפאטיש לאכען. עס האט זיך גערוכט, אז איהר געפעהלט דער שפּיל צו שרעקען מענשען מיט איהרע אויגען, און זי טוט עס בכיון.

אויסגעזעהן האט זי א יאהר זיעבצעהן, און די פארמען פון איהר קערפּער זענען געווען אזוי ענטוויקעלט, אז דער ברייטער און לאנגער מלבוש פון מולטע, וואס איז עהנליך געווען אויף א זאק, האט זיי ניט געקענט בעהאלטען, אבער קיין מענשליך ווארט האט נאך פון איהר קיינער ניט געהערט. אפשר האט זי ניט געוואלט ריידען, אפשר האט זי ניט געקענט ריידען, נאר איהר גאנצע שפּראך איז בעשטאנען פון דריי איינזילביגע ווערטער, וועלכע קיינער האט ניט פערשטאנען:

— קרא — א — א! קרי — י — ! קרא — א — א! — — —

לאנג און אויסגעצויגען פלעגט זי עס ארויסלאזען פון איהר מויל, אמאל העכער, אמאל נידריגער, אמאל גאנץ שטיל. אין די דאזיגע זילבען האט זי געזאלט אויסדריקען איהר פרייד און איהר לייד, איהר צופריעדענהייט און איהר כעס. א חוץ די דאזיגע קולות פלעגט מען נאך פון איהר הערען א געלעכטער, ווען מענשען פלעגען דערביי זיין, און א ווילדען מאטיוו פון האלז, ווען מענשען פלעגען דערביי ניט זיין.

אין די פינסטערע ווינטערדיגע טעג און נעכט, פלעגען די ווינטען אויפקלייבען זיך גרויסע מחנות און בעלאגערן דאס שטוב. מיט בייזען כעס פלעגען זיי רייסען די לאדען פון די פענסטער און די שינדלען

פון דאך. עס פלעגט זיך דוכטען, אז די ווינקלען פון די ווענט צעטריי־לען זיך אונטערן דראנג פון די ווינטען. דעמאלט פלעגט דאס מיידעל אהעקלעגען דעם שטיק האלץ אויף די קניה, צודריקען איהם נערוועז מיט די פינגער און אנהייבען ציהען איהר לידעל,—אמאל העכער, אמאל נידריגער, צוזאמען מיט דעם פייפען אין קוימען. אמאל פלעגט זי בלייבען זיצען שטיל א רגע, מיט ברייט געעפענטע אויגען, וועלכע האבען אין ערגעץ ניט געקוקט, און פלוצלינג ווידער אנהייבען. עס האט זיך געדוכט, אז זי הערט עמיצען און ענטפערט איהם. אמאל פלעגט זי ציהען לאנג אהן א סוף און אהן אנ'עק, גלייך זי דארף אפילו דעם אטעם ניט חאפען. און דעמאלט האט זיך געדוכט, אז צוזאמען מיט דעם קלאנגען פון קוימען רופט זי אויף די בייזע כחות, וועלכע בושעווען אין דרויסען. און קיינער האט ניט געוואוסט, צי זי קלאגט, צי זי פרעהט זיך, זי האט מורא, צי זי בייזערט זיך; און קיינער האט ניט געוואוסט, וואס פאר א אינווענייגסטער בונד עס איז דא צווישען דעם מיידעל מיט דעם ווילדען שטורם אין דרויסען.

די שטובינע פלעגען מיינען, אז בייזע גייסטער, נשמות פון לאנג פערשטארבענע מענשען, שאטענס פון א לאנג פערגעסענעם אמאליגען לעבען זאמלען זיך ארום דעם מיידעל בשעת זי זינגט. און פלעגען זיך פער־דריקען אין די ווינקעלעך. נאר אז זיי פלעגען צוגעהן צו איהר און הייסען איהר שווייגען, פלעגט זי אויף זיי קוקען מיט אזא בליק, גלייך זי זעהט דורך זיי, און זיי ניט; ווי פון אנ'אנדער וועלט, ווי דורך טויזענדער יאהרהונדערטען האט זי אויף זיי געקוקט, און זייער פערזאג ניט גע־הערט, און זינען איהר לידעל ניט אויפגעהערט. עס האט זיך געדוכט, אז נאר איהר קערפער איז דא פערבליבען אין איצטיגען לעבען, און איהר נשמה איז ערגעץ ווייט־ווייט פון דאנען. טיפע אהן א גרונט פלעגען ווערען איהרע אויגען, גלייך די נשמה איז פון זיי אוועק־געפלויגען, אדער זי איז געווארען אזוי פרעמד, אזוי ניט עהנליך אויף די איינענע נשמות פון די מענשען, וואס האבען זיך ארום איהר געפונען, אז זיי האבען זי נאר ניט געקענט בעמערקען.

נאר ווי די ווינטען פלעגען אין דרויסען שטיל ווערען, אזוי פלעגט זיך ביים מיידעל איהר שמייכעל אויסלייטערן; צוזאמען מיט די שפילענדיגע שטראהלען פון דער זון, פלעגען זיך איהרע אויגען אוסקעדרען צום ארומיגען לעבען. זי פלעגט נעמען דעם שטיק האלץ

אויף די הענט און דריקען עס צום הארצען, און קושען און האלזען און ריידען דערצו:

– קרי–י–י! קרא–א–א! קרא–א–א! – – –

אזוי צארט, און אזוי ליבליך, אמאל אזוי לעבעדיג־פרעהליך מיט אזא קלוגען־ריידענדען שמייכעל, אז עס האט זיך נעדוכט: א ליבער חבר איז איהר דער שטיק האלץ, ער פערשטעהט אלץ, וואס זי רעדט צו איהם, און זי פערשטעהט אלץ, וואס ער מיינט. און אפשר האבען זיין זיך טאקי איינער דעם צווייטען פערשטאנען...

און פלעגט עמיצער פארבייגעהן – פלעגט זי איהם נאכלויערן מיט די אויגען. און אז עמיצער פלעגט פון איהר אבקעהרען דאס געזיכט, בעגעגענדיג זיך מיט איהר בליק – פלעגט זי לאכען, גלייך עס איהר געווען לעכערליך, וואס מ'האט פאר איהר מורא. און אפשר זענען איהר טאקי די מענשען געווען לעכערליך...

קיינער האט ניט געוואוסט, וואס פאר א לעבען עס לעבט אין אן'אבגעשפענטער נשמה; קיינער האט ניט געוואוסט, וואס פאר א בונד עס פערקניפט דאס מיידעל מיט דעם שטורעם און מיט דער זון...

ווען די בייזע ווינטערדיגע ווינטען זענען פערשוואונדען, און ליבע לייכטע פריהלינגס־ווינטלעך האבען אנגעהייבען בלאזען, איז דער שטיי צעגאנגען, די ערד האט זיך אנגעטון אין גרינס, און די זון האט א פולע־פולע שטראהלען געשאטען פון הימעל אראב. דעמאלט האט דאס מיידעל פערלאזען איהר בעגקעלע אין ווינקעל ביים אויבען און איז ארוים אויפ'ן גאס. נאר דעם שטיק האלץ, וואס איז פון איין זייט געווען אין א שמאטע פערוויקעלט, האט זי מיט זיך גענומען. פארביי פארקאן פון גארטען נעבען טאטענס שטוב פלעגט זי שטענדיג ארומשפאצירען, דריקענדיג דעם שטיק האלץ צום הארצען, קושען עס, און האלזען עס, און ארומקוקען זיך יעדע רגע ארום זיך מיט אזא שטיפערישען שמייכעל, ווי א געליבט קינד, וואס אלע דארפען דערויף שטענדיג קוקען און וואונדערן זיך...

יעדער קול, וואָס פלעגט זיך דערהערען פון גאַס, האָט זיך אָבגערופען אין איהר קערפּער מיט אַ לעבּהאַפטער שנעלער בּעוועגונג. זי פלעגט זיך אויסגלייכען אַזוי ווייך און גראַציעז, ווי אַ שלאַנגעל, און אָנשטרענגען דעם קאָפּ פאָראויס, ווי אַ ווילדע חיה, וואָס האָט עפּעס דערשפּירט און זוכט, וואָס איז דאָס אַזוינס, און פון וואנען נעמט זיך עס אַזוינס.

און אַלעמען האָט זי בּעדאַרפט, צו אַלעמען אַנ׳עסק געהאַט. צו יעדען פויגעל, וואָס איז פאַרבּייגעפלויגען, האָט זי געצויגען די הענד מיט דעם שטיק האַלץ איהרען; צו יעדען הונט, וואָס איז פאַרבּייגעלאָפען האָט זי געשמייכעלט מיט אַ ליבּליך שמייכעלע, ווי צו אַ גוטען בּעקאַנטען; פאַר יעדען מענשען, וואָס איז פאַרבּייגעגאַנגען האָט זי זיך געפלייסט מיט חן=מינדעלעך. וואָס פאַר אַ מינע עס גיט איהר צו חן – האָט זי, דוכט זיך, זעהר גוט געוואוסט, און האָט זיך דערמיט געקענט בּענוצען גלייך, ווי אַלע מיידלעך פון איהר עלטער. אַנ׳אַנדערש מאָל, ווען עמיצער פלעגט פאַרבּיי איהר דורכגעהן, פלעגט זי זיך מאַכען אַזוי ווי זי אַנטלויפט, כּלומר׳שט, זי וויל זיך שפּילען אין נאָכיאָגעניש. עטליכע טריט פלעגט זי אָבּלויפען, דער נאָך אַרומקוקען זיך אויף הינטער מיט אַזעלכע אויגען און מיט אַזאַ שמייכעל, וואָס האָבּען אויסגעדריקט: נו, פאַר וואָס זשע יאָגסטו זיך ניט?.. אפשר האָט זיך איהר געדוכט, אַז אין דער זייט, וואוהין זי לויפט, וויל מען זיך נאָך איהר ניט יאָגען, פלעגט זי אָנהייבּען לויפען אין אַנ׳אַנדער זייט. אָדער פלוצלינג אַ וואָרף טון זיך לויפען אַקעגען, גלייך איצט וויל זי שוין נאָכיאָגען, און מען זאָל פון איהר אַנטלויפען.

אַנדערע מענשען פלעגען זיך דעמאָלט אינסטינקטיוו, איידער זיי האָבּען זיך נאָך בּעטראַכט, וואָס איז מיט זיי, כאַפּען צו עטלויפען. וואָרום אַ שמייכעל האָט דאָס מיידעל דעמאָלט געהאַט אויף די ליפּען, פון וועלכען עס האָט זיך געדוכט, אַז זי מיינט עס אויף אַנ׳אמת. עס איז קלאָר געווען, אַז ווען זי דעריאָגט – כאַפּט זי, נעמט אַרום, דריקט צום הארצען. נאָר די מענשען, וואָס זענען פון איהר ניט געלאָפען, האָט זי אפילו מיט אַ פינגער קיין מאָל ניט אָנגעריהרט. זי פלעגט זיי נאָר פון וויטען ווינקען און שפּרייטען צו זיי די הענט, גלייך זי וואָלט זיי וועלען מוטיגען: האָבּ ניט מורא, גאָר נישט... נאָר נאָך די, וואָס פלעגען ענטלויפען, פלעגט זי זיך טאַקי נאָכיאָגען און מיט טריאומף, גלייך זי פערגעהט זיך פון פערגניגען, נאָכשרייען פון הינטען:

— קראַ־אַ־אַ, קרי־י־י!.. — — —

און פלעגט זיך לאָזען נאָכיאָגען.

נאָר תּכף פלעגט זי דעם אַנטלאָפענעם פערגעסען, און אָהײבען שפּילען מיט אַנ׳אַנדערן פון די פאַרבײגעהער. אויב קײנער איז ניט געװען – פלעגט זי זיך נעמען קוסען און האַלזען איהר שטיק האָלץ. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלע זענען איהר גלײך, און אַלץ איז איהר אײנס, מענשען װי חיות, לעבעדיגס, װי דער שטיק האָלץ, טאָג װי נאַכט.

װאָרום דעם טאָג פלעגט זי פערברענגען װי די נאַכט – אונטער פרײען הימעל. קײנער האָט ניט געװאוסט, װען שלאָפט זי, און בײ דער נאַכט, אין די בלױע לבנה־נעכט פון פריהלינג פלעגט זי טאַנצען און לאַכען אַקעגען דער לבנה.

דאָס שטעטעל פלעגט שטעהן װי אויסגעשטאָרבען; װיסט דער הימעל אויבען, לעער די פעלדער אונטען, די געסלעך – אין שאָטען פון די הײזער פערבאָרגען. נאָר די לבנה בלאָנזשעט אין הימעל, און שפּרײט, דוכט זיך, אויך אַ בלאָנזשענדיגע שײן אַרום זיך, און דאָס מײדעל טאַנצט אויף דער ערד און שפּרײט אַ הילכיגען געלעכטער אַקעגען דער לבנה. שנעל בײט זי די פיס מיט קלײנינקע טריטעלעך, איהר קערפּער בעװעגט זיך ריטמיש צו יעדען טריט, די אויסגעשפּרײטע הענט מיט דעם שטיק האָלץ הײבט זי אויף און לאָזט אַראָב צום טאַקט. דערנאָך שטעלט זי זיך אָב און לאַכט הויך און קלינגענדיג פון פולען האַרצען. אַ װײלע װערט זי שטיל, ציהט אויס דעם האַלז און האָרכט... פלוצלינג לאַכט זי זיך װײטער פונאַנדער פרײדיג און הילכיג. קוקען – קוקט זי װײט אין פעלד אַרײן, און אַריבער פעלד צו דעם הויכען שאָטען פון דעם װאַלד. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָרט אין די געדיכטעניש פון די בוימער בעהאַלט זיך עמיצער, װאָס מיט איהם לאַכט זי זיך דורך. אַזױ װי אַ כּשוף פלעגט דעמאָלט אַראָבנידערן אויף דער נאַכט, דאָס געװעהנליכע לעבען פלעגט פערשװאונדען װערען, און אַנ׳אַנדער לעבען פון אַנ׳אַנדער װעלט האָט פון דעם מײדעלס געלעכטער אָבגעלעבט איבער שטעטעל און איבער די פעלדער... אַמאָל פלעגט זיך דוכטען: אָט קומט אָן פון פעלד אַ װילדע בעשעפעניש, אַ נאַקעטער, מיט אַ נידריג בעװאַקסענעם שטערן, מיט לאַנגע הענט, מיט ברײטע גראָבע ליפּען; אײנער פון די מענשען, װאָס האָבען אַמאָל, אין נאָר פאַרצײטיגע דורות געלעבט אויף דער ערד... לאַכענדיג

געהט ער צו איהר, ער ענטפערט איהר; איהם האט זי גערופען, צו איהם שפרייט זי די הענט...

און טאמער פלעגט דעמאלט עמיצער ארויס פון די שאטענס צווישען די הייזער און בעוויזען זיך פאר דעם מיידעל, פלעגט זי איהם לויפען אַקעגען מיט טריאומף פון נצחון און מיט אפענע ארעמס, גלייך אויף איהם האט זי עס געווארט, איהם האט זי עס גערופען פון די פערצייטיגע לאנג־פערשוואונדענע דורות...

אויגען זענען ביי איהר דעמאלט געווען אזעלכע, וואס האבען גאר נישט איבערגעלאזען הינטער זיך; אלץ וואס זיי האבען געהאט אין זייער טיפענישׁ האבען זיי ארויסגעשעפט ארויף. אקעגען די דאזיגע אויגען פלעגט דער גרעניץ, וואס טיילט געוועהנליך אב מענשען איינעם פון דעם אנדערן, פערשוואונדען ווערען צווישען מיידעל און דער אויסערער וועלט. און ווער עס פלעגט אין די אויגען דעמאלט אריינ־אריינקוקען פלעגט פיהלען פונקט דאס, וואס איז ביז איצט ארום איהם געווען, ווערט פערזונקען אין א תהום, און א וויסטע, א פרעמדע וועלט שפרייט זיך אוים ארום איהם; אין דער דאזיגער וועלט איז ער איינער מיט דעם מיידעל, און מעהר איז גאר נישטא אחוץ זיי ביידען, און מעהר איז ניטא, וואוהין צו געהן, און מעהר איז ניטא, צוליב וואס צו געהן... ענג פלעגט זיך פערשליסען ארום די וועלט, און עס פלעגט זיך ווילען אראבלאזען דא אויפ'ן ארט, און בלייבען זיצען...

די נאכט, ווען דעם מיידעלס געלעכטער האט זיך פלוצלינג אבגעריסען, איז געווען איינע פון יענע זומערדיגע נעכט, ווען ערד און הימעל בעהאלטען זייער אטעם, די לופט האט מורא צו בעוועגען זיך, מענשען געהען אויף די שפיץ פינגערריידען מיט איינגעהאלטענע קולות, און ווען אלע ערדישע בעשעפענישען פערזינקען אין א טיפען שלאף, עפנען זיך אב די טויערן פון הימעל, און שטילע מלאכים נידערן אראב אויף דער ערד און שפאציערען און שפילען זיך פאר דער שיין פון דער לבנה.

קיין פיפס פון א פויגעלע האט זיך ניט געהערט צווישען די בוימער אין די סעדער, קיין וואכענדיגער קול פון א קינד – הינטער די

נעשלאָסענע טיר און לאָדען פון די הייזער; נאָר דער געלעכטער פון דעם מיידעל אַליין האָט געטריבען די יום טוב'דיגע שטילקייט פון דער נאַכט און געוועקט אומרוהיגע גייסטער צווישען די שאָטענס. פרעמד און אומרוהיג האָט געקלונגען איהר געלעכטער, ווי אַ נשמה, וואָס האָט פערבלאָנזשעט אין אַ פרעמדער וועלט און זוכט און געפינט ניט איהר היים.
דאָס מיידעל האָט זיך געוואָרפען רעכטס מיט אויסגעשפרייטע הענט און האָט קיינעם און גאָר נישט ניט געפונען; זי איז געלאָפען לינקס מיט אָבגעעפענטע אָרעמס, און קיינער איז אין די אָרעמס ניט געגאַנגען. האָט זי לאַנג אָהן אַ שיעור געלאַכט; זי האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן האַרצען און פאַר די זייטען, און אין דרייען געבויגען זיך פון געלעכטער, גלייך מעהר איז גאָר נישט פערבליבען אויף דער וועלט, אויסער צו לאַכען. און דעמאָלט איז פון די שאָטענס אַרויס אַ מענש מיט אַ באָרד און מיט וואָנסען...
דאָס מיידעל איז איהם פערלאָפען פון פאָרענט און געסטאַרעט זיך אַריינקוקען אין די אויגען. ער האָט זיך אָבגעקעהרט, איז זי איהם פערלאָפען פון הינטען, און דערנאָך ווידער פון פאָרענט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעשפאַרט מיט די הענט אָן די אייגענע קניה און פון טיפען האַרצען פונאַנדערגעלאַכט זיך... נאָר אין דער רגע, וואָס דער מענש האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט זי פּלוצלונג איבערגעריסען איהר געלעכטער און האָט איהם ערנסט-ערנסט און טיעף אַריינגעקוקט אין די אויגען אַריין. ער האָט איהר אויך געקוקט אין די אויגען... און נאָכדעם האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד.
מיט אַראָבגעלאָזטען קאָפּ איז ער געזעסען, און האָט מיט קיין איבר ניט גערידערט, און האָט זיין בליק ניט אַראָבגענומען פון דעם שטויב, וואָס אונטער איהרע פיס. דאָס מיידעל האָט זיך געזעצט אַקעגען איהם אויף די שפּיץ פינגער, ווי קליינע קינדער, און האָט איהם געקוקט אין געזיכט אַריין מיט פאָרשענדען בליק. אַ טרויער איז געווען אין איהר בליק. אפשר האָט זי זיך געוואָלט איבערצייגען, צי איז דאָס ריכטיג יענער, וואָס האָט בעדאַרפט קומען אויף איהר רופען; אפשר האָט איהר באַנג געטון, וואָס ער שווייגט און ווענדט זיינע אויגען אָב פון איהר... דערנאָך איז די לבנה אַרונטער אַ וואָלקען אַריין און האָט זיך בעהאַלטען. דאָס מיידעל האָט אַ הויכען זיפץ געטון, און האָט אַליין אויך אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט נעבען איהם, ווי ער, און דעם שטיק האַלץ אָוועקגעלעגט אויף זיינע קניה.

— קראַ-אַ-אַ, קרי-י-י, — האָט זי ווייך און שטיל אַרויסגערעדט, גלייך זי וואָלט איהם דעם בעהאַלטענעם סוד פון איהר האַרצען ענטפּלעקט.

דער מענש האָט זיך אַ טרייסעל געטון, ווי אַ זודיגער ווינט וואָלט איהם אָבגעבּרענט דעם רוקען, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ פערפאַרענער, האָט זיך מיעד אויפגעהייבען און מיט אַנ׳אַרָאָבגעלאָזטען קאָפּ גענומען געהן צו די בּוימער, וואָס זענען געוואַקסען נעבען פּאַרקאַן פון גאָרטען. דאָס מיידעל איז איהם נאָכגעגאַנגען אַנ׳אונטערגעגעבענע, ווי אַ פערבּשופ׳טע, און ביידע האָבען זיי זיך בעהאַלטען אין דעם שאָטען פון פּאַרקאַן.

שטיל האָבען זיך די בּוימער אָנגעהייבען שעפּטשען, גלייך זיי האָבען אָטעם געכאַפּט נאָכדעם, אַז זיי האָבען זיך פון דעם כּשוף בעפרייט. נאָר די לבנה איז צוריק אַרויסגעשוואומען פון אונטערן וואָלקען, און די בּוימער זענען ווידער שטעהן געבּליבען פערבּשופ׳טע און שטומע. דאָס מיידעל איז אַרוים פון שאָטען און האָט זיך גענומען אין אַ שטילען טאַנץ דרעהען אין דער שיין פון דער לבנה. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַ פּאַרצייטיגע געצענדינערן טאַנצט איהר הייליגען טאַנץ פאַר דעם מזבח פון איהר אָבגאָט.

דער מענש איז געזעסען פון ווייטען אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די הענט, און די עלענבויגענס אויף די קניה און האָט געבּלאָנזשעט אַרום מיט די אויגען...

ווען די הענער האָבען אין שטאָט אָנגעהייבען קרעהען, האָט ער זיך אויפגעהייבען און איז אַוועק מיט מיעדע לאַנגזאַמע טריט, ניט אַרומקוקענדיג זיך אויף הינטער.

דאָס מיידעל האָט איהם מיט נייגיעריגען בּליק נאָכגעקוקט, גלייך זי האָט געפרעגט: נו, וואָס דער סוף?.. און געלאָזען געהן ביז ער האָט זיך הינטער ווינקעל פון גאָרטען בעהאַלטען. דעמאָלט האָט זי זיך געלאָזט לויפען נאָך איהם. נאָר דער מענש איז שוין ניט געווען. דאָס מיידעל האָט אין אַלע ווינקעלעך געזוכט, אין אַלע קוסטיקלעך אַריינגעקוקט... אויף איהר פּנים איז געווען אויסגעגאָסען אַ פרייער שטיפערישער שמייכעל; זי האָט מסתמא געמיינט, אַז דאָס שפּילט זיך איהר חבר מיט איהר אין בעהעלטעניש.

— קראַ-אַ-אַ! — — האָט זי לאַנגזאַם אויסגעצויגען, אַזוי ווי זי וואָלט איהם גערופען.

און זי האָט זיך צוגעהערט, צי איז ניטאָ קײן ענטפער.

אַ לײכטער גערויש האָט זיך דערטראָגען פון די בּוימער. דאָס מײדעל האָט זיך פלינק אויסגעגלײכט און אַ שנעלען בּליק געטון צו די בּוימער.

קראַ! — — האָט זי פרײדיג אויסגעשריען, אַזוי ווי זי וואָלט שוין געהאַט געפונען, וואָס זי זוכט, און האָט געגעבּען צו וויסען: אַהאַ, אָט בּיזטו!..

נאָר קײנער איז פון די בּוימער ניט אַרויס... דאָס מײדעל האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט, — דאָס לעצטע מאָל אין דער דאָזיגער נאַכט, — און אָנגעהײבּען צוהאָרכען צו דער שטילקײט. עס האָט זיך געדוכט, אַז זי מײנט איהם װײטער אַרויסרופען מיט איהר געלעכטער פון די שאָטענס, ווי פריהער, נאָר ער איז ניט געקומען.

גרויע פאַרטאָגיגע נעבּלען האָבּען זיך שוין אָנגעהײבּען וויקלען צווישען הימעל און ערד. אַ לופטיגער ווינטעל האָט זיך געבּראַכט צוטראָגען פון פעלד און רײדענדיג געמאַכט די בּוימער, עס האָט זיך געדוכט, אַז דער צויבּער פון דער נאַכטיגער מיסטעריע ווערט אַראָבּגענומען, די ראַמען פון דער וועלט רוקען זיך פונאַנדער, און דער ניכטערער טאָג־לעבּען הײבּט זיך אָן צו בּעווײזען. דאָס מײדעל האָט זיך צוגעדריקט מיט'ן רוקען צום פאַרקאַן פון גאָרטען און אָנגעהײבּען זינגען איהר לידעל. שטילע און פולע מיט געפיהל האָבּען זיך די טענער אָהן אויפהער געגאָסען פון איהר האַלז. דאָס איז געווען אַ ווילדער מאָטיוו, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט מעהר עהנליכעס צו דעם נוס פון אַ לויפענדיגען וואַסערל, אײדער האַרמאָניע פון מענשענגעזאַנג, אפשר האָט דאָס מײדעל געזונגען בּענקשאַפט נאָך אַ נפש, וועלכען זי האָט פערלאָרען, און אפשר האָט זי געזונגען אַ לויבּ דעם יונגען טאָג, װאָס האָט געהאַלטען אין געבּוירען ווערען. פויגעל פון די נעסטער האָבּען איהר פון דערווײטען אונטערגעהאַלטען...

און אָהן טומעל און רעש, ווי אַ חיה אין וואַלד, האָט דאָס מײדעל געבּוירען. גרוים איז געווען איהר ענטציקונג, ווען די שוואַכינקע ליפּעלעך האָבּען אָנגעהײבּען ציהען איהר בּרוסט.

– קרא–א–א, קראָ–אָ–אָ! – האָט דאָס מיידעל געלאָזען פון האַלז, גלייך זי האָט געוואָלט זאָגען: זעהט ס'אַרא וואונדער עס קענען געשעהן!

און קיינעם האָט זי צו דעם עופ'לע ניט געלאָזט צוגעהן אויסער די מוטער, און נאָך די מוטער האָט זי אויך געלויערט אויף יעדען טריט, ווען זי פלעגט נעמען דאָס קינד. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער מוטער קאָן זי אויך איינגאַנצען ניט געטרויען.

ווינטער איז דאָס געווען. האָט זיך פון אָבענד אָנגעהייבען אַ שטורעמווינט אין דרויסען. אַ גאַנצע נאַכט האָט עס געריסען די לאָדען פון די פענסטער, די ווינקלעך פון די ווענט, האָט קלעגליך געפייפט אין קוימען. דאָס מיידעל האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, האָט גע-האָרכט, וואָס טוט זיך אין דרויסען. און ביי יעדען נייעם ריס פון שטורם האָט זי זיך אַ צאַפּעל געטון, און געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט, גלייך זי איז גרייט לויפען בעהאַלטען זיך דערמיט... זי האָט געקוקט מיט אזעלכע צעשראָקענע אויגען אַרום זיך, גלייך צוליב איהר מיט איהר קינד נאָר שטורמען די ווינטען אין דרויסען; נאָר כדי צו רויבען פון איהר דעם וואונדער, וואָס זי האָט בעקומען, רייסען זיך די ווינטען אין שטוב אַריין.

און אַ ווילדע האַרצרייסענדע מעלאָדיע האָט זיך געגאָסען פון איהר האַלז אין דער אומרוהיגער שטילקייט פון דער נאַכט. בייזע חלומות האָט דער קלעגליכער נגון געשפּרייט איבער די שלאָפענדיגע אין אַלע צימערן פון שטוב; בייזע געשפּענסטער האָבען זיי געשראָקען און געוואָרגען און אָנגעפולט זייערע הערצער מיט אַ געפיהל פון אַ גרויּ-סען אומגליק, וואָס שטעהט זיי צוקאָפּענס. ווי פון די נענעל פון ווילדע חיות האָבען זיי זיך אַרויסגעריסען פון זייער שלאָף:

– וואָס איז? וואָס איז געשעהן? — —

אפשר האָט דאָס מיידעל ניט פערשטאַנען, וואָס מען פרעגט זי, אפשר האָט זי ניט געהערט וואָס מען פרעגט זי; זי האָט דוכט זיך קיינעם ניט געזעהן, אויסער בייזע רוחות און שרעקענדיגע גייסטער, פאַר וועלכע זי האָט זיך געוואָלט בעהאַלטען און האָט ניט געפונען קיין בעהעלטעניש.

און פאַרטאָג איז שוין דאָס עופ'לע געלעגען אַ קאַלט קערפּערל אָהן אָטעם און בעוועגונג, געלב און מיט איינגעצויגענעם הויט... אַ טויטס...

ווייבער זענען געקומען ארומוואַשען דאָס קערפּערל, האָט זי דאָס מיידעל בּענענעט מיט שאַרפע נעגעל און ציינער... זי האָט זיי ניט צוגעלאָזען צו דער בּעט... איהר מאַמע אַליין האָט געמוזט צורעכט מאַכען דאָס קליין בּר־מינן. דאָס מיידעל איז געזעסען מיט די פיס אויפ'ן בעט און האָט קיין אויג ניט אַראָבגענומען פון דער מוטערס הענט. אַ בייזע אימה האָט געקוקט פון איהרע אויגען.

– קראַ–אַ–אַ! קראָ–אָ–אָ! – האָט זי שטיל געצויגען, גלייך זי האָט זיך געבעטען, מ'זאָל איהר דערקלערען, וואָס טוט זיך עם אַזוינס מיט איהר.

– קרי–י–י! קראַ–אַ–אַ! – האָט זי קלעגליך געצויגען, נאָר שטיל אַזוי, איינגעהאַלטען, ווי זי וואָלט דעם טיפסטען און צאַרטעסטען טרויער פון איהר האַרצען אויסדערצעהלען.

דערנאָך איז געקומען דער שמש פון חברא קדישא מיט דעם שוואַרצען געוואַנט אונטער'ן אָרעם. דאָס מיידעל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, ווי דאָס האַרץ וואָלט איהר געזאָגט, אַז אַן'אומגליק שטעהט פאָר, מ'דאַרף דעם גרויסען שונא מקבל פנים זיין... זי האָט הויך אַ ברום געטון. דער שמש האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דער ברום בּעטייט... דעמאָלט האָט זיך דאָס מיידעל אויף איהם אַוואַרף געטון מיט פויס־טען, און מיט פערשצירעטע ציינער... דער שמש האָט זיך אָבגערוקט צום טהיר.

דער מיידעלס מוטער איז געקומען נעמען דאָס קינד. די מוטער האָט געוואָלט אַרויסנאַרען דאָס בר־מינן. זי האָט געבראַכט דעם שטיק האָלץ, וואָס איז געווען פערוויקעלט אין אַ שמאַטע, און האָט עס דער־לאַנגט דעם מיידעל.

– קראַ–אַ–אַ! קרי–י–י! האָט זיך דאָס מיידעל אָנגעהייבען בעטען.

דערשראָקען און צוטומעלט האָט זי זיך גערוקט אויף הינטער, ווייטער פון דעם האָלץ.

נאָר די מוטער האָט זי ניט אָבגעלאָזט. זי האָט דעם האָלץ אַלץ נעהענטער, נעהענטער צוגערוקט צו דעם מיידעל, וועלכע האָט זיך שוין מעהר ניט געהאַט וואוהין אָבצוווענדען, די וואַנט איז שוין געווען הינטער איהר... דעמאָלט האָט דאָס מיידעל אַרויסגענומען מיט איין האַנט דעם האָלץ פון דער מאַמעס הענט און אַראָבגעלאָזט איהם אויף דער ערד.

די מוטער מיט דעם שמש זענען אַוועק נאָך מענשען. און ווען זיי זענען צוריק געקומען, איז שוין דאָס מיידעל געזעסען אויף דער בעט. דאָס געשטאָרבענע קינד איז ביי איהר געלעגען אין שויס. מיט ציטרענדיגע פינגער האָט זי דאָס פערקיהלטע קערפערל צוגעהאַלטען און מיט לאַנגזאַמען טעמפּ געצויגען איהר ווילדע מעלאָדיע. שרעק און אימה האָט די מעלאָדיע געשפּרייט אין צימער, גלייך אַלע אַנגסטען פון טויט האָבען זיך דאָ צונויפגעזאַמעלט אַרום דעם מיידעל. גרויסע, טיעפע אָהן אַ גרונט, גלייך די נשמה איז פון זיי אַרויס און זיי זענען נאָר לעַדיגע פערבליבען, האָבען געקוקט דעם מיידעלס אויגען; זיי האָבען געקוקט צו די מענשען, וואָס זענען אַריין אין צימער, נאָר זיי האָבען געזעהן דורך די מענשען, און די מענשען – ניט.

ניט קיין טאטע.

IV.

– זאָלסטו זשע ניט וויינען, פעסינקע, זאָלסט זיין אַ שען מיידעלע; וועל איך דיר דערפאַר ברייגנען דעם טאַטען פון גאַס.

אַזוי זאָגט מייטע די אַמעריקאַנערין צו איהר פיצינקער טאָכטער, אנטהוּענדיג די פאַטשיילע.

– דו ביזט דאָך אַ קלוגינקע, מיין טאָכטער, וועסט ניט וויינען, יאָ?

– יאָ, שטימט איין דאָס מיידעלע.

– און דעם טאַטען האָסטו האָלט? זאָג, מיין טאָכטער?

– יאָ, ענטפערט דאָס מיידעלע.

– און זעהן ווילסטו איהם, האַ, זאָג, מיין לעבען?

– יאָ.

– נו, טאָ זיץ דאָ נאָר רוהיג, וועל איך דיר באַלד ברענגען דעם טאַטען.

און מייטע לויפט פרעהליך אַרויס פון שטוב.

פעסעלע העבט אויף איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען צו דער סטעליע, און אַ גליקליך שמייכעלע בעשיינט איהרע ליפען.

די מאַמע איז אַוועק ברײנגען דעם טאַטען... עס ווילט זיך אַזוי דער קלײנעטשקער האָבען אַ טאַטען... איהר חברה׳ס פיגעלע האָט אַזעלכען. אָט זיצט ער אינ׳ם צווייטען צימער און פערקלאַפּט הילצער־נע טשוועקלעך אין אַ שטיוועל. אַנ׳אַנדערש מאָל זעצט ער פייגעלען צו זיך אויף די קניה און קיצעלט איהר אונטער׳ן הערצל, אונטער דער מאָרדעטשקע – און פייגעלע לאַכט, לאַכט, לאַכט.

ס׳איז אַזוי גוט צו האָבען אַזאַ טאַטען מיט אַ שוואַרצען געדיכטען באָרד; אַ טאַטען, וואָס זינגט שבת זמירות, מאַכט קדוש און הבדלה און גיט זיין „טאָכטערקע״ אויסטרינקען דאָס לעצטע פון בעכער.

איצט איז די מאַמע אַוועק ברײנגען דעם טאַטען.

און דעם מיידעלס אויגען בלאַנקען אַרום איבער׳ן צימער גרויסע, פערחלומ׳טע...

– אָט איז ער, דער טאַטע דיינער! – שרייט אוים מייטע, קומענ־דיג פון גאַס. און זי שטעקט אַריין פעסעלען אין הענטעל אַ גראָבען קאַרטאָן.

– דאָס איז פאַר דיר אַליין, מיין טאָכטער, – זאָגט מייטע מיט בלישצענדיגע אויגען. – אַזוי שרייבט ער, דער טאַטע: „איינע – פאַר מיין ליעבע טאָכטער, פאַר פעסעלען אַליין״. קוק זשע, זעהסטו? – אָט איז ער, דער טאַטע דיינער, אָט איז ער, – הערט מייטע ניט אויף צו קלאַפּען מיט דער צונג.

פעסעלע דערזעהט דאָס בלישצענדיג בילדעל און הייבט פרעהליך אָן צו פּאַטשען מיט די הענטלעך.

– אָט אַ נעזועלע! – זאָגט זי און שטעלט אַוועק איהר ראָזען פינגערל אויף דעמזועלבען אָרט, וואו זי האָט ענטדעקט אַ „נעזועלע״.

און די מוטער רעדט איהר נאָך מלא־שמחה.

– אַ נעזועלע, אַ נעזועלע, מיין טאָכטערקע!

– און אָט – אַנ׳עווערעל, אָט נאָך, – מאַכט דאָס מיידעלע נייע ענטדעקונגען.

– יאָ, טאָכטערקע, צוויי עווערלעך, – האַלט אונטער די מוטער.

– אױנגעלעך אױך...
– אױנגעלעך, אױנגעלעך, מײַן טהײַערער אוצר.
– און אַ מײלעלע...
– אַ מײלעלע אױך.

און מעהר איז גאָר נישט ניטאָ אױפ'ן טאַטען. דאָס מײדעלע איז געבליבען שטיל.

די מוטער רעדט און רעדט. זי רעדט מיט די שכנים, מיט די שכנות מיט זיך אַלײן, זי איז בערױשט פון שמחה – נאָך צװײ יאָהר שײדונג האָט זי לסוף בעקומען אַ „פּיקציע" פון מאַן – דעריבער רעדט זי אָהן אַן'אױפהער.

נאָר פעסעלע שװײגט. זי זיצט אין װינקעלע אױף איהר קלײן שטוהליכעל און בעטראַכט איהר טאַטען.

איהר געזיכט איז ערנסט, די אױגעלעך איהרע – ברײט געעפענט. זי קוקט פערװאונדערט.

– אַ שענער טאַטע? – טוט זי אַ פרעג די מאַמע.

– אַ שענער, – גיט זי אַ װאָרף אַזױ זיך, קאַלט, און געהט אַרױס אין צװײטען צימער.

דאָרט זיצט פײגעלע אױף דער ערד און שפּילט זיך נעבען איהר מאַמענס װערקשטאַט מיט שטיקלעך פעל.

פעסעלע װאַרפט אַ בליק אױף פײגעלעס טאַטען און אױף איהר אײגענעם טאַטען.

– פײגעלע! – זאָגט זי צו איהר חברת'ע, – אַט האָב איך אױך אַ טאַטען!

פײגעלע שפּרינגט אױף און לױפט צו דער חברת'ע.

– װאו? – פרעגט זי.

– אַט – אָ...

פײגעלע מיט פעסעלען שטעקען בײנאַנד אַרײן די אױגען אין „טאַטען".

– אַי – אַי – ס'אַראַ שענס, – ציהט אױס פײגעלע ענטציקט.

נאָר פעסעלע רײסט אַרױס איהר טאַטען פון דער חברת'עס הענד און געהט צוריק צו דער מאַמען.

– מאַמע! – װענדעט זי זיך צו איהר.

– װאָס מײַן לעבען?

– דער טאַטע קאָן זמירות?

– ער קאָן, אַודאי קאָן ער, מיין טייערינקע, ווי זשע אַנדערש?
– און הבדלה מאַכען – אויך?
– אַודאי, אַודאי, מיין טאָכטער.
– און קיצלען דאָ און דאָ – אויך?
– נעווים, מיין ליעבינקע.
– אָט דער טאַטע?
– אַודאי דער, ווער דען זשע?...
פעסעלע טרעט אומעטיג אָב. זי דרעהט דעם טאַטען צווישען איהרע ראָזע פינגערלעך, און קוקט אונצופרידען אין אַ זייט.
– מאַמע? – קומט זי ווייטער אַ ביסעל שפּעטער.
– וואָס, מיין טאָכטער?
– דער טאַטע האָט ניט קיין פיס...
– וואָס באָלבעסטו, נאַרעלע! – שרייט אוים די מאַמע פערוואונדערט.
– און קיין הענט האָט דער טאַטע אויך ניט – – –
– ווער האָט עס דיר געזאָגט, נאַרישע קינד מיינס! – שרייט אוים די מאַמע נאָך מעהר פערוואונדערט.
– קיין באָרד אויך ניט, – רעדט דאָס מיידעלע ווייטער איינגעשפּאַרט.
– אַ באָרד? –
און די מוטער פערשעמט זיך, ס'איז דאָך טאַקי אַ'אמת... ווייל זי דאָס פערגלעטען. מאַכט זי:
– זעה נאָר, ס'אַראַ צדקנית...
נאָר דאָס מיידעלע הערט זי ניט.
– ער האָט גאָר נישט, – זאָגט זי מיט אַ ציטריג קול. – און ס'איז אלינען! ער קאָן גאָר ניט זינגען זמירות, און הבדלה אויך ניט!..
– וואָס?! – ווערט די מאַמע נאָר צוטומעלט.
– דאָס איז ניט קיין טאַטע! – זאָגט פעסעלע מיט פעראַכטונג.
און זי טוט אַ שליידער די פּיקציע אָן דער ערד.

דער ערשטער בראָך.

V.

אַ היבשע צייט איז שוין אַריבער, זינט חנה איז געקומען פון דאַנטיסט, וועלכער האָט ביי איהר אַרויסגעריסען אַ קראַנקען צאָהן, און זי האָט נאָך אַלץ געפיהלט, אַקוראַט ווי בשעת זי איז געזעסען אונטער אַבצוועגע, אַז מ׳רייסט, דוכט זיך, דעם צאָהן ניט פון מויל, נאָר פון סאַמע מיטען מאַרך. דעריבער האָט זי אַלע ווײַלע אַ שוידער דורכגענומען.

פון מויל איז געלאָפען נאָר אָהן אויפהער. אויף דער פאָדלאָגע איז נעבען חנה׳ן געשטאַנען אַ שיסעל מיט וואַסער. חנה האָט געשפּיט אין שיסעל, און יעדעס מאָל אײַנגעקוקט זיך, צי געהט נאָך בלוט פון דער וואונד. די שפּייעכץ איז שוין כמעט גאָר ריין געווען. האָלט זיך שוין חנה בערוהיגט, נאָר די פוסטקייט אין מויל...

דער דאַנטיסט האָט געזאָגט: לעקט ניט מיט דער צונג. נאָר זי האָט ניט געקאָנט; די צונג קעהרט זיך אַליין איבער צו יענער זייט און גלעט און בעלעקט די וואונד. און די גאַנצע צונג, ווי ברייט זי איז, לעגט זיך אויס אויף דעם לעדיגען אָרט, וואָס איז געבליבען צווישען די צייהן.

פון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיגע פוסטקייט? איין צאָהן נאָר פעהלט דאָך, און דוכט זיך, אַז דער גאַנצער מויל איז לעדיג געוואָרען. אַן'עקעלהאַפטער געפיהל איז געוועזן פון דער פוסטקייט. עס פעהלט, ס'פיהלט זיך, אַז ס'איז פוסט, יעדע ווײַלע פיהלט זיך דאָס, אונמעגליך צו פערגעסען.

קאָן דאָס זיין, אַז עס וועט זיך ניט אַרויסזעהן, ווען זי וועט, למשל, רעדען אָדער לאַכען?

פריהער האָט זי מורא געהאַט, אַז די באַק וועט אַיינפאַלען אויף דעם אָרט, וואו דער צאָהן וועט פעהלען. אַזוי האָט זי געהערט: די באַקען פאַלען אַיין, וואו צייהנער פעהלען. האָט זיך דער דאַנטיסט אויסגעלאַכט: ווייבערשע זאַבאַבאָנעס. נאָר זי האָט גאָר אינגאַנצען פערגעסען דערויף, אַז ס'וועט זיך, קאָן זיין, אַרויסזעהן, וואו דער צאָהן פעהלט. אָט דאָס וועט עס אַ ביסעל זיין אַנ'אומגליק, אויב זי האָט זיך דאָס געזיכט גע'פטר'ט! ס'וועט דאָך שוין אייביג, אייביג אַזוי פערבלייבען...

חנה איז אַ דערשראָקענע צוגעגאַנגען צום שפיגעל, האָט זיך איינגעקוקט מיט אַ האַלב אָבגעעפענטען מויל; ס'האָט זיך גאָר ניט געזעהן. זי האָט זיך געשטעלט אַ ביסעל אַנדערש, אַ בליק געטון פון דער זייט — ס'האָט זיך אַלץ ניט געזעהן. זי האָט ברייט פונאַנדערגעעפענט די ליפען, געמאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט לאַכען... ניין, ס'האָט זיך גאָרנישט, גאָרנישט געזעהן.

דאָס מיידעל האָט אַ זיפץ געטון. אַ משא האָט זיך אַראָבגעקייקעלט פון איהר האַרצען.

אָבער די פוסטקייט... ס'לאָזט ניט רוהען. דער דאַנטיסט האָט געזאָגט: ניש'קשה, מיהד וועט זיך צוגעוועהנען, נאָר ווי אַזוי האָט עס געקאָנט זיין אַזאַ ברייטער צאָהן...

חנה האָט ברייט אָבגעעפענט דעם מויל און אַקעגען שפיגעל איינגעקוקט זיך טיעף אינוועניג, אויף דעם אָרט, וואו נאָך גאָר ניט לאַנג האָט זיך אין דער אונטערשטער שורה פון דער רעכטער זייט געפונען אַ צייהנדעל, אַ שענער און אַ קיילעכדיגער צייהנדעל, ווי אַ פערל, איז איצט געוועזן אַ טיעפע [illegible], פול מיט שוואַרצען בלוט, וואָס האָט זיך נאָך ניט גוט פערגליוערט.

דאָס האַרץ האָט זיך בײַ איהר צונויפגעדריקט. ס'איז איהר אַ שאָדען געוועזן דער גלײַכער צייל צייהן, וואָס איז שוין איצט ניט

שעֶן: ס׳ציהט זיך אַ קײלעכדיג שנירעלע פון גלײַכע װײסע בלישצענ־דיגע צײהנדליך, פּלוצלינג רײסט זיך עס איבער – אַ שװאַרצער בראָך, אַ פולע װאונד מיט בלוט. דערפון איז איהר געװען אַזױ טרױעריג.

– אַזױ װי...

און זי האָט ניט געװאוסט, צו װאָס קען מען עס צוגלײכען.

אַז גרישע װאָלט דאָ געװען, װאָלט ער גלײך געפינען אַ בילד צו פערגלײכען דערמיט דאָס, װאָס עס זעהט זיך פון שפּיגעל בײ איהר אין מױל. אַהאַ, דער גרישע... ער איז נאָך טאַקע אַ גימנאַזיסט פון זיבעטען קלאַס, אָבער געלײענט האָט ער מעהר, אײדער אַ װאָסער סטודענט. ער װעט געװיס זײן אַ פּאָעט.

און פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט – „אַ הורבן!". זי האָט אַ ציטער געטון.

אײנמאָל זענען זײ אַלע געגאַנגען שפּאַצירען הינטער שטאָדט אין װאַלד, אַרום דעם אַלטען שלאָס. די הױכע פינסטערע סאָסנעס, און די נאָך פינסטערערע טענען־בױמער מיט די צװײגען, װאָס האָבען אַראָב ביז דער ערד, האָבען זיך אַזױ געדריקט צו דעם שטיקעל פעלד, אױף װעלכען עס זענען געלעגען אָנגעװאָרפען צעבראָכענע ציגעל, און אײנ־געפאַלענע װענט, בענעצטע פון רעגענס און בעװאַקסענע פון װינטען, מיט אַלטע סימנים פון אַ שרפה. גרישע האָט אַזױ גוט דערצעהלט װעגען דער חורבה. ס׳איז אַרױסגעקומען אַזױ שעֶן: דאָס, װאָס די בױמער שאָקלען די קעפּ – בעקלאָגען זײ דאָס דעם חורבן, װאָס איז דאָ געשעהן; דאָס, װאָס די צװײגען שעפּטשען – דערצעהלען זײ דאָס אַ געשיכטע פון פּאַרצײטען, װען אױף דעם דאָזיגען אָרט האָבען גע־בליהט לעבען און יוגענד. ער האָט אַזױ געזאָגט: פון אָנהײב איז דאָס געװען אַ הערשער־שלאָס, דערנאָך איז אָבגעפאַלען אײן ציגעל, און נאָך אײנער, דערנאָך אַ גאַנצע װאַנט, און װײטער אַזױ, און װײטער, ביז עס איז פערבליבען אָט די דאָזיגע חורבה...

דאָרט, אין װאַלד נאָך, האָט חנה געפונען, אַז דאָס בילד איז גרױס און װאונדערליך. אָבער דעם גאַנצען זינען, װאָס ליעגט אינ׳ם בילד, האָט זי דערפיהלט ערשט איצט. ערשט איצט האָט זי אָנגעהױבען פער־שטעהן, װאָס איז אַזױנס אַ חורבן...

האָט זיך דען אין איהר אַלײן שױן ניט אָנגעהױבען דער הורבן?

דערװײל האָט ער אױף איהר אַרױפגעלעגט נאָר אײן קלײן פינגערל. אָבער ער װעט זי דאָך שױן מעהר פון די הענד ניט אַרױסלאָזען.

חנה האָט זיך אַ דערשראָקענע אַרומגעקוקט, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט הילף פון עמיצעך אַרום, און געפונען האָט זי נור איהר איינענעם בילד אין שפּיגעל — אַ בלאַסען און אַ דערשראָקענעם. זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און האָט זיך מיט אַ געוויין אַראָבגעלאָזען אויפ׳ן סאָפקע.

שפּעטער אַביסעל איז חנה געזעסען נעבען דער מוטער, וועלכע האָט זי געוואָלט בערוהיגען, און האָט גערעדט מיט אַ קול, וואָס האָט נאָך געציטערט פון פערשטיקטען געוויין.

— אַך מאַמע, ס׳איז אַ אומגליק דאָס איז! איין צאָהן פעלט שוין. דער אָנהייב — איז שוין פאַרטיג. איצט פערבלייבט נאָר זיצען און וואַרטען אויפ׳ן סוף.

— וואָס רעדסטו, קינד איינע! — האָט זי די מאַמע נעגלעט איבערן קאָפּ, — וואָסער אָנהייב, וואָסער סוף?

— אָה, מאַמע, דו פערשטעהסט ניט! — האָט חנה געזאָגט מיט צער.

— וואָס איז דען דאָ פאַרהאַן צו פערשטעהן? — האָט די מאַמע געטרייסט. — דאַנקען גאָט, וואָס דו ביסט אַריבערגעקומען. איצט וועסטו לפּחות קאָנען שלאָפען רוהיג, עסען אָהן יסורים. און דו רעדסט נאָר עפּעס אַזעלכע זאַכען: אָנהייב, סוף. וואָס האָסטו זיך איינגערעדט, נאַרעלע מיינע.

אָבער חנה האָט געוואוסט, אַז זי איז קיין נאַרעלע ניט און רעדט ניט קיין נאַרישקייט. זי האָט דאָך אַזוי קלאָר געפיהלט דעם וועהטאָג אין האַרצען און די ביטערניש פון חורבן אין אַלע איהרע גלידער. אַז זי וואָלט געקאָנט בעסער ערקלערען, וואָס זי פיהלט, וואָלט שוין די מאַמע אויך פערשטעהן, אַז דאָס איז אַן אמת׳ער אומגליק, ניט קיין נאַרישקייט.

האָט זי אויפגעהעבען דעם בליק אויף דער מאַמען און בעטראַכט זי דורך די פערטרערטע אויגען. חנה׳ס האַרץ איז פול געוואָרען מיט רחמנות אויף די דאָזיגע מאַמע, וואָס איז געזעסען ווי אַ

לעבעדיגער ביישפיעל פון דעם חורבן, וואָס דערוואַרטעט איהר אַליין נאָך אין אַ פּאָר יאָהר אַרום. אין דער מאַמעס געלבען פּנים זענען נאָך פערבליבען שוואַכע סימנים פון אַמאָליגער שענקייט. לאַנגע קנייטשען האָבען גערונצעלט איהר הויט, וואָס איז אַראָבגעהאַנגען ווי אַן׳אויסגע-לעדיגטע פון אינעווייניג, אונטער די באַקען; די האָר אויפ׳ן קאָפּ זענען געווען קורצע, שיטערע, און ווייסע פעדים האָבען שוין צווישען זיי אַפּולע געבלישצעט.

חנה׳ן האָט נאָך אַ גרעסערער רחמנות אָנגענומען אויף דער מאַמען דערפאַר, וואָס זי פערשטעהט ניט דעם ביטערן אמת פון איהר אַליין. זי האָט זיך צוגעדריקט צו דער מאַמען:

– אַך, מאַמע! ניט עסען, ניט שלאָפען וועט שוין דאָ ניט העלפען. דאָס איז דאָך נאָר דערווייל איין צאָהן. נאָכדעם וועט פעהלען נאָך איינער, און נאָך איינער, און אַפּולע. דערנאָך – אַ געלער פּנים, אַ צע-קנייטשטער, ווי אַלטער פּאַרמעט; די הויט אַבגעהאַנגען, ווי ליידיגע זעקלעך; אונטער די אויגען – אויך זעקלעך; די אויגען אַליין – איינ-געפאַלענע, שטענדיג פערטרערטע, די האָר – גרויע און שיטערע...

אַ חורבן איז דאָך דאָס!

די מאַמע האָט זיך איינגעקוקט אויף די טאָכטער און האָט זיך געוואונדערט: דאָס לייענט אַלץ אוים די טאָכטער פון דער מאַמעס איינענעם בילד! אַזוי איז שוין דאָס?

– מיינע שבחים דערצעהלסטו עס אַזוי פיין? – האָט זי ברוגז געפרעגט.

– דו פערשטעהסט נאָך אַלץ ניט, מאַמע! – האָט חנה אויסגעשריען מיט נייע טרערען און אַ פערצווייפעלטע, וואָס די מאַמע קאָן זי בשום אופן ניט פערשטעהן. – דו פערשטעהסט ניט! איך אַליין בין שוין אויך אַ חורבה, איך אַליין!

די מאַמע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

– אַלע בייזע חלומות צו אונזערע שונאים׳שע קעפּ! האָט איהר געהערט? – אַ חורבה! ווי געפעהלט עס אייך? קוים זיעבצעהן יאָהר אַלט, און שוין אַ חורבה!

זי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

– איך האָב געמיינט אין דער׳אמת׳ן עפּעס וואָס, ערשט נאָר – נאַ-דיר – אַ חורבה! טפוי!

זי האָט אויסגעשפּיעט און ברוגז אַ קוק געטאָן:

– שעמען זיך האָסטו זיך געדאַרפט ווייט אין האַלז אַריין, נאַרישע מויד! ענדיגט שוין גימנאַזיע, וויל פאָהרען אויף קורסען, – אַזאַ מויד האָט פערקנייטשט די נאָז און וויינט, זעהר שעֶן!

און זי איז בייז אַרויס פון צימער.

דער מאַמעס כעס האָט נאָך צוגעגאָסען מעהר גאַל אין חנה'ס פערביטערט האַרץ אַריין. חנה האָט זיך ערשט צעוויינט אויפ'ן קול.

מעהר האָט די מאַמע גאָרנישט געפונען דערין, וואָס – „ניט שעֶן" און „פערקנייטשט די נאָז".

דאָס איז אַנ'אַכזריות!..

ס'איז חנה'ן אַליין אויף זיך אַרחמנות געוואָרען, וואָס אַפילו בײַ דער מאַמען האָט זי ניט געפונען קיין מיטגעפיהל אין איהר גרויסען צער, אויב די מאַמע, איהר אייגענע מאַמע, וויל ניט מיטפיהלען, ווער-זשע זאָל שוין יאָ וועלען?

איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז הילף איז אַזוי ווייט פון איהר... דוכט זיך, זי זיצט איינינקע אַליין ערגעץ אויף אַ וויסטען אינזעל, ווייט פון מענשען... דאָרט, ערגעץ אויף דער וועלט, איז פאַראַן אַ גימנאַזיע, פאַראַן חבר'טעס, אַ טעאַטער, אַ גרישע, דאָרט איז פאַראַן לעבען – נאָר זי איז איינע אַליין, אָהן הילף פון גוטע, אָהן ליעבע פון נאָהענטע, זי האָט אַפילו ניט קיין האָפנונג צו הערען אַ טרייסט-וואָרט פון אַ לעבעדיגען מענשען.

און מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון אַ זיבצעהן-יאָהריגער מיידעלס פאַנטאַזיע האָט זי זיך געזעהן, ווי זי זיצט איינזאַם אויף אַ שטיין, אַ פער-וואַקסענעם מיט מאָך, ערגעץ אויף אַ ברעג ים, וואָס ברויזט און וואַרפט גרויסע אינדען, – אַ קליינינקע, אַ שוואַכינקע, אַנ'איינגעבויגענע, אַ צע-טורשטע, אַנ'אַלטינקע – אַ חורבה...

אַ טרויעריגעס בילד... לאַנג האָט זי איהם אָנגעקוקט... זי האָט שוין קיין כח ניט געהאַט מעהר צו וויינען... ביז זי האָט געמאַכט דעם סך-הכל:

– און היינט איז געווען די התחלה...

און חנה׳ן האָט זיך פערוואָלט נאָך אַמאָל אַ בליק טון אויף דער בייזער התחלה. די טרערען זענען שוין אַליין געלאָפען, און דאָס גע־זיכט איז שוין געווען ווי פערשטיינערט אין דער וויינענדיגער תנועה, ווען זי האָט אַקעהר געטון דעם קאָפּ צום שפּיגעל, און האָט פון וויטען מעהר ניט געזעה, ווי איין טייל פון איהר רויטען פערוויינטען געזיכט אין אַ ראַם פון צעוואָרפענע האָר.

שווער איז געווען צו ריהרען זיך פון אָרט, נאָר זי האָט זיך פאָרט אויפגעהעבען, פיהלענדיג דעם חורבן אין אַלע איהרע אברים, און האָט זיך געשטעלט גלייך קעגען שפּיגעל. איהר געזיכט איז געווען פער־קוויטינט פון די טרערען, וואָס האָבען זיך איבער איהר געגאָסען. די קנייטשען, וואָס לאָזען זיך אַראָב צווישען נאָז און די באַקען צו די ווינקלען פון די ליפען, זענען פול געווען מיט אַ טריבער פייכטקייט. נאָר אויסער די צוויי קנייטשען צווישען נאָז און די באַקען, זענען נאָך געווען אַפּולע אַנדערע קנייטשען איבער דער ברייט פון נאָז צווישען די אויגען, און אויך פולע מיט פייכטקייט...

חנה׳ן האָט עפּעס אַ שטאָך געטון אין הארצען, ווען זי האָט דער־זעהן איהר בילד. זי האָט פערגעסען, אַז זי האָט געוואָלט בעטראַכטען נאָך אַמאָל די וואונד אין מויל, זי האָט אויפגעהערט וויינען; האָט מיט די פינגער אַ פיהר געטון איבער׳ן נאָז, פערווישט די טרערען... די קנייטשען זענען ניט געוואָרען.

און אָט מעהר ניט ווי דאָס האָט די מאַמע געזעהן, ווען זי האָט פאַר דער טאָבטערס טרויער אין איהר מוטער־האַרץ מעהר גאָרנישט געפונען, ווי „פערקנייטשט די נאָז".

פון פערדרוס אויף די מאַמען, האָבען זיך ווייטער טרערען בע־וויזען אין די אויגען.

און אין דער זעלבער רגע, וואָס איהר פנים האָט זיך פערקרימט אין אַ תנועה פון געוויין, האָט זיך די נאָז איהרע ווייטער אויסגעקנייטשט, און די קנייטשען — פולע מיט פייכטקייט.

מאָדנע קנייטשען... אַזעלכע קנייטשען...

וואָס איז דאָס אַזוינס?

לכתחלה האָט זי אַליין ניט געקאָנט פערשטעהן. וואָס פיהלט די אַקעגען שפּיגעל, נאָר ענדליך איז עס איהר קלאָר געוואָרען:

— ס׳אַראַ מאָדנע נאָז — טפוי!...

זי האָט גיכער אָבגעווישט דעם פנים מיט אַ טיכעל — אויפ׳ן

האַרצען איז איהר נאָר לייכטער געוואָרען: ניטאָ קיין קנייטשען. דער פּנים האָט בעקומען אַנ'אויסזעהן אַ געוועהנליכען, ווי אַלע מאָל; רויטער נאָר אַביסעל, און די ברעמען אַביסעל אויפגעלאָפען.

אָבער ווי גיך איהר פּנים האָט זיך איבערגעביטען! אָט ערשט אַזוי, שוין -- אַנדערש. ס'איז דאָך אינטערעסאַנט. זי האָט קיין מאָל ניט געוואוסט, אַז ביי איהר איז אַזאַ פּנים!

חנה האָט זיך גענומען בייטען דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט. האָט געמאַכט אַנ'ערנסטע מינע... מאָדנע! זי האָט געמאַכט אַ דער־שראָקענע מינע... האָט זיך פערקרימט צום וויינען... און לאַנגע קנייטשען האָבען זיך אויסגעצויגען איבער'ן נאָז – דינינקע, נאַרישע קנייטשעלעך...

ניין, אַזעלכע קנייטשען האָט זי שוין ערגעץ געזעהן. ווער האָט עס אַזאַ נאָז פון איהרע בעקאַנטע, וואָרט אַקאָרשט – ווער האָט עס אַזאַ נאָז?

ווער?

און זי האָט זיך דערמאָנט: די קלאַסנע דאַמע פון גימנאַזיע, אַז זי העבט אַרויף די ברילען אויפ'ן שטערן און קוקט שטרייג, וויל דער־שרעקען, – ווערט ביי איהר דעמאָלט אַזאַ נאָז.

חנה האָט זיך גענומען נאָכמאַכען די תנועות פון דער קלאַסנער דאַמע, דאָס איז שרעקליך! שרעקליך, ס'אַראַ וואונדער! פּונקט אַזאַ פּעטראָוונאַ. אָבער ריכטיג, צוויי טראָפּען וואַסער – זי, די ברילען פעהלען נאָר.

אָט וועט עס אַביסעל זיין אַנ'עסק, אַז די חבר'טעס וועלען דערזעהן!

און חנה האָט דערפיהלט, ווי אונטער'ן ברוסט הייבט ביי איהר עפּעס אָן ווי צו בעוועגען זיך ציטערן.

– אַז נרישע וואָלט עס זעהן!...

און זי קען זיך שוין מעהר ניט איינהאַלטען.

– חאַ־חאַ־חאַ! חאַ־חאַ־חאַ!

די מאַמע האָט דערהערט דאָס געלעכטער און האָט זיך איבער־

געשראָקען: וואָס איז געוואָרען דאָרט מיט דער מיידעל? זי איז געקומען צו לויפען.

– מאַמע! זעה ס'אַראַ נאָז! – איז חנה געלאָפען דער מאַמין אַנטקעגען. – אָט איז אַננאַ פעטראָווּנאַ! חאַ-חאַ-חאַ!

נאָר חנה האָט ניט געקענט בעווייזען, די העויה איז ניט אַרויס. דער געלעכטער האָט איהר געשטערט.

– נו? – האָט זיך די מאַמע בערוּהיגט, – וואָס וועט איהר זאָגען אויף אַזאַ חוּרבה? אָט לאַכט זי שוין נאָר!

דער מאַמעס בעמערקוּנג האָבען חנה'ן דערמאָנט דעם ערשטען בראָך איהרען. איין רגע האָט זיך איהר געוואָלט אַ זיפץ טוּן, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט איהר לעכערליכע נאָז מיט די קנייטשען, און האָט דעם זיפץ אַראָבגעשלוּנגען.

– חאַ-חאַ-חאַ! – האָט געקלוּנגען איהר געלעכטער.

עסען.

IV.

דאָס פּייערל אין לעמפּעל, וואָס הענגט אויפ'ן וואַנד, איז אויף דער העלפט אַריינגעדרעהט, אין קליינינקען שטיבעלע איז דונקעל און שטיל. קיינער רעדט קיין וואָרט ניט אויס. דער טאַטע זיצט נעבען טיש, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט דער האַנד. די מאַמע שטעהט איבער'ן וויגעלע און זויגט ריבה'לען.

יאָסעלע שטעהט נעבען דער מאַמען. ער הערט זיך צו, ווי ריבה'לע זויגט מיט די ליפּעלעך. ער וויל עפּעס זאָגען. נאָר די שטיל־קייט אין שטוב און די אומבעוועגליכקייט פון טאַטע־מאַמע זענען אַזוי מאָדנע, אַזוי שאַרף... ער דערוועגט זיך ניט אַרויסלאָזען אַ קול. ער הייבט אויף די אויגען און לאָזט זיי צוריק אַראָב, הייבט אויף און לאָזט זיי צוריק אַראָב... ענדליך גיט ער אַ ציה די מאַמען פאַר דאָס קלייד.

— וואָס, יאָסעלע? פרעגט די מאַמע.

— איך וויל עסען...— זאָגט ער שטיל.

דאָס לעצטע מאָל האָט יאָסעלע געגעסען ביי טאָג. אַ קליין שטיקעל ברויט האָט איהם די מאַמע געגעבען — מעהר איז פון אָנבייסען ניט געבליבען, — האָט דאָס יאָסעלע אויפגעגעסען מיט נישט, אַפילו אָהן

אַ שטיקעל קעז דערצו. און מעהר האָט ער שױן אַ גאַנצען טאָג אין מױל ניט געהאַט. איצט װיל ער עסען.

— װאַרט מײן זוהן, — זאָגט איהם די מאַמע און בלײבט שטעהן צונעדריקט מיט דער ברוסט צו ריבה'לעם מױל.

יאָסעלע װאַרט, דאָס הערצל ציהט איהם, ער פיהלט עס אַלץ מעהר. די שװאַכקײט צעגיסט זיך אַלץ ברײטער איבער די פיסלעך. און די מאַמע שטעהט אַלץ נאָך איבער'ן װיגעלע. ריבה'לע שמאַקצעט מיט די ליפּעלעך אָהן אױפהער, אָהן אַ סוף. יאָסעלען דוכט זיך, אַז ער װאַרט שױן אַ לאַנגע, לאַנגע צײט.

— מאַמע! — ניט ער שטיל אַרױף.

די מאַמע טוט זיך אַ טרײסעל.

— װאָס, מײן זוהן?

— עסען...

— באַלד, מײן זוהן, באַלד...

יאָסעלע װאַרט װײטער. אין שטיבעלע װערט פון דאָס נײ שטיל. דער טאַטע זיצט אַלץ אָנגעשפּאַרט, קוקט אַלץ אין דאָס זעלבע פּינטעל, טוט זיך ניט קײן ריהר מיט אַנ'אבר. די מאַמע שטעהט אַלץ אָנגעבױגען איבער'ן װיגעל. יאָסעלע זעהט נאָר, װי זי בײט אָפּט די פיס, װעלכע פער'חלש'ען איהר שטעהענדיג אין אַזאַ ניט בעקװעמע פּאָזע; זי שטעהט און קוקט גאָר ניט אױף איהר זוהן, זי האָט זיך פערגעסען, אַז זי האָט געזאָגט „באַלד". און יאָסעלען חלש'ט דאָס האַרץ.

— איך װיל עסען... — דערמאָהנט ער און זײן שטים ציטערט אָנגעזאָפּט מיט טרעהרען.

— חיים! — זאָגט די מאַמע צום טאַטען. — נעהם איהם, צי װאָס...

דער טאַטע מאַכט אַנ'אונצופריעדענע בעװעגונג, פונקט עס איז איהם שװער אָפּרײסען זיך פון זײנע מחשבות. ער ניט מיט זײנע גרױסע קדחת'דיגע אױגען אַ קוק אױף יאָסעלען, אױף דאָס װײב. ער הײבט עפּעס אָן אַזאָג צו טון. נאָר זײן שטים רײסט זיך איבער פון הײזעריג־קײט; ער הוסט זיך אָב.

— נעהם איהם דו, — זאָגט ער ענדליך אַרױס אַלץ נאָך הײזעריג.

— איך קען ניט, — זאָגט די מאַמע. — „זי" װעט זיך צעװײנען. דו מײנסט „זי" איז זאַט? איך האָב מיט װאָס צו זױגען, יאָ...

דער טאַטע גלײכט זיך לאַנגזאַם אױס.

— קום צו מיר, יאָסעלע! — זאָגט ער.

יאָסעלע קוקט אויף איהם מיט פערטרערטע פולע אויגען. דאָס הערצל פערדריקט איהם, ער הערט: מ'רעדט וועגען איהם און צו איהם, און וועגען עסען דערמאָהנט מען קיין וואָרט ניט.

– איך וויל עסען, – זאָגט ער מיט אַ פערשטיקטען קול.

– זעה, שטיל איהם איין, חיים, – בעט זיך די מאַמע.

און דער טאַטע הענבט זיך אויף, נעהמט יאָסעלען, זעצט איהם צו זיך אויף די קניה, גלעט איהם דאָס קעפּעל:

– שאַ, מיין זוהן, וויין ניט, וואָס ווילסטו?

– עסען...

דער טאַטע מאַכט אַ פערוואונדערט קול:

– עסען? אַ, עסען! ווילסט שוין עסען... נו וואָס זשע וויינסטו? מ'דאַרף אַ פּנים וויינען, אז ס'ווילט זיך עסען? זעהסט דאָך, אָט וויין איך אויך ניט, די מאַמע אויך ניט; מיר ווילען אויך עסען, און מיר וויינען ניט.

יאָסעלע הערט אויפמערקזאַם דעם טאַטענס ווערטער. דער טאַטע זעהט, אַז ווערטער העלפען, מיינט ער איהם פעררייידען און זאָגט ווייטער:

– זעהסטו, האַ? – מיר ווילען אויך עסען, איי, ווילען מיר עסען! און מיר האָבען אפילו ניט קיין טאַטען, ניט קיין מאַמען. מיר האָבען ניט בײַ וועמען צו בעטען. און דו האָסט אַ טאַטען און אַ מאַמען און אַ שוועסטערל, דאַרפסטו דאָך אודאי שווייגען. דערפאַר מאָרגען ווע'לען מיר אַלע עסען, מאָרגען פריה... און דיר וועט מען געבען אַ גרויסען שטיק ברויט, און בעשמירט מיט פּוטער, און אַ זיסע גלאָז טהיי, מיט מילך...

יאָסעלע בעלעקט זיך.

– און איך וועל דיר נאָך קויפען דערצו צוויי בייגעל, – האַלט אונטער דער טאַטע, – קיילעכדיגע, רויטינקע, צוגעברומטע בייגעלעך... האָסט האָלט בייגעלעך?...

– יאָ.

– און מיך האָסטו האָלט?

– יאָ.

– די מאַמען און ריבה'לען אויך?

– אויך...

און יאָסעלע דערשטיקט דעם זיפץ, וואָס רייסט זיך איהם פון

האַרצען. ער טוליעט זיך צו צום טאַטענס ברוסט. ער וואַרפט אויגען מיט טרעהרען אויף דעם טאַטענס געזיכט, אויף די מאַמעס, און שווייגט.

דער טאַטע פאַלט ביסלעכווייז אויפ׳ס ניי אַריין אין מחשבות. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן וואַנט. זיינע אויגען ווערען ווייטער גרויסע; זיי קוקען ווייטער אין איין פּינטעל פאַרביי די מאַמען אויף די אַנדערע וואַנט. די מאַמע שטעהט אַליין אָנגעבויגען איבער ריבה׳לען; איהר קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזען אויף דער צווייטער זייט ווינעלע. זי רידערט זיך ניט, ווי דער טאַטע. נאָר שטילינקערהייד בייט זי די פּיס און שטעהט.

און דאָס לעמפּעלע צאַנקט, דאָס פייערל שפּרינגט אונטער פּאַמעליך. די דונקעלהייט ציהט זיך. די שטילקייט דויערט, וואַקסט. ריבה׳לע זויגט שוין אפילו ניט מיט די ליפּעלעך. דוכט זיך, אין קליינעם שטיבעלע איז אַליץ אויסגעשטאָרבען. ס׳לעבען נאָר די שאָטענס. זיי וויגען זיך שוועהר און לאַנגזאַם אויף די ווענד און אויף דער סטעליע.

יאָסעלע קוקט אין די דונקעלהייט אַריין און דאָס הערצל צאַפּעלט איהם, די פיסלעך חלש׳ען. דאָס מײלכעל עפענט זיך אַליין אָב, די צײהנדלעך שליסען זיך פונאַנדער גרייט עפּעס בייסען, קײען, שלינגען. ער שלינגט דאָס שפּייעכץ, וואָס לויפט איהם אָן אין מויל, ווי פון אַ קוואַל, וואָס האָט ניט קיין גרונד. ער וואַרט, ווען וועט שוין קומען דער וואונדערליכער מאָרגען מיט די פרישע בייגעל. ער וואָלט כאָטש אַ כליפּ אַרויסלאָזען. נאָר ער זעהט די פערשטײנערטע טאַטע־מאַמע, — זיי שטעהען אָהן בעוועגונג, זיי וואַרטען אויך אויף מאָרגען; אָהן געוויין, שטיל. און ער האַלט זיך איין, פערדריקט די טרעהרען אין האַרצען.

אין שטיבעל איז אַזוי אומעדיג, אַזוי אָנגעזאַפּט מיט וועהטאָג, מיט שוואַכקייט, מיט צער — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

יאָסעלע הערט זיך צו צו דער שטילקייט... זיינע אויגען עפענען זיך ברייט פונאַנדער. זיי קוקען גלייך געגען זיך. ער זיצט אונבעוועגליך. אויף זיינע שלייפען נאָר, דאָרט וואו עס געהען דורך דינינקע בלויענקע אָדערלעך, ציטערט עס. עס בעוועגט זיך די הויט אויף דער לינקער באַק, אויף דעם אָרט, וואו עס פאַנגט זיך אָן דער קנייטש, וועלכער טיילט אָב די נאָז פון דער באַק. יאָסעלע האָט זיך ווי צונויפגעשמאָלצען מיט דער שטילקייט. ס׳דוכט זיך איהם, אַז ער וויעגט זיך צוזאַמען מיט די שאָטענס אויף די ווענד.

נאָר פלוצלונג רייסט זיך ביי איהם אַליין פון זיך אַרויס אַ זיפץ און ער דערפיהלט דאָס האַרץ וועלכעס נאָגט און מאָהנט:

– איך וויל עסען...

דער טאַטע בעוועגט זיך אונרוהיג.

– שאַ, יאָסעלע, - גלעט ער איהם איבער קאָפּ.

– לעג איהם נאָר שלאָפען, – זאָגט די מאַמע.

– קום יאָסעלע, – לעגט דער טאַטע פאָר, – מיר וועלען זיך לעגען.

און ער נעהמט יאָסעלען אויף די הענד און טראָגט איהם צום בעט.

יאָסעלע פערשטעהט נישט, וואָס טהוט מען מיט איהם; איהם דוכט זיך, אַז נאָר נישט דאָס, וואָס מ'דאַרף. ער דערשרעקט זיך, און וויל זיך אָפּוועהרען.

– איך וויל נישט שלאָפען... – פּראָטעסטירט ער נישט זיכער.

נאָר דער טאַטע הערט איהם נישט.

– שאַ, מיין זוהן, וועסט נאָך אויפוועקען ריבה'לען, – זאָגט ער – און לעגט יאָסעלען אויפ'ן בעט.

– טו איהם אוים, – זאָגט די מאַמע.

– אויסטון, יאָסעלע? – פּוילט זיך דער טאַטע.

יאָסעלע ענטפערט נישט. איהם איז אַלץ איינס, אין די זאַכען, צי אָהן די זאַכען.

אין האַרצען ווערט איהם אַלץ לעדיגער, אַלץ שוואַכער. אַ שטראָם היץ וואַרפט זיך איהם אַראָב פון קאָפּ צום רוקען און גיסט זיך פונאַנדער איבער גאַנצען קערפּער. אַ חלשות קומט איהם צו. ס'איז איהם נישט גוט. איהם ווילט זיך אַרויסשפּייען די נישט-גוטקייט, אַרויסטרייבען עס פון זיך. דאָס בעאונרוהיגט איהם, דאָס לאָזט איהם נישט אָטעמען טיעף. ער וויל זיך זעצען. אַז נישט, דוכט זיך איהם, וועט ער באַלד אָנהייבען וויינען.

– דערצעהלען דיר אַ מעשה? – האַלט איהם דער טאַטע אָב.

– יאָ, – ענטפערט יאָסעלע מיט אַ שוואַך קול.

– מיט אַ אינגעלע?

— מיט אַ אינגעלע.

דער טאַטע לײגט זיך נעבען איהם און הײבט אָן דערצעהלען:

— אַמאָל איז געװען אַ אינגעלע. האָט מען איהם גערופען יאָסעלע. האָט יאָסעלע געװאָלט עסען. האָט דער טאַטע יאָסעלען געזאָגט, אַז אין דער פריה װעט מען געבען; איצט זאָל ער שלאָפען. האָט דער אינגעלע פערמאַכט זײנע אױגלעך און איז אײנגעשלאָפען. איז ער אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפען. און אױף מאָרגען איז ער אױפגעשטאַנען האָט אָבגעגעסען, און איז געװאָרען רױט, און דיק, און געזונד, װי אַ מױער. דעמאָלט איז יאָסעלע אַרױס אין גאַס האָט זיך געשפּיעלט מיט אינגלעך אין פערדלעך, און אַלע אינגלעך האָבען פאַר איהם מורא געהאַט... אַ שײנע מעשׂה?

נאָר יאָסעלע ענטפערט ניט, ער ליעגט מיט פערדריקטע אױגען שױן פון מיטען מעשׂה אָן; ער האָט זיך צוגעטוליעט צום טאַטען און האָט זיך פערגעסען.

— ער שלאָפט, — זאָגט דער טאַטע שטיל.

— ש-ש-ש... — מאַכט די מאַמע.

און אין שטיבעל װערט װײטער שטיל, אַ געדיכטע, אַן׳אָנגעלאָדענע שטילקײט. יאָסעלע ליגט מיט פערמאַכטע אױגען. זײן געזיכטעל איז בלאַס, אָפט גיט ער זיך אַ טרײסעל און בלײבט װײטער רוהיג מיט אָבגעהאַנגענע הענטלעך.

דער מױל איז אָפען אױף דער העלפט, יעדע רגע מאַכט ער אַזאַ בעװעגונג מיט די יאַסלעס, אַזױ װי ער צעקײט עפּעס. דאָכט רײניגט ער פון שלאָף אָב די שפּײעכץ, װעלכע קלעבט איהם צונױף אין מױל די צונג מיט דעם גומען.

און די שטילקײט שלעפּט זיך, שלעפּט זיך —

פּלוצלינג לױפט דורך אַ שױדער איבער יאָסעלעס לײב, עס גיט איהם אַ צופּ פון קאָפּ ביז די פיס. ער גיט זיך אַ זעץ.

— עסען? — ברעכט ער אױס לאַנג און הױך, נאָר די שטים פאַלט איהר גלײך אַראָב מיט שװאַכקײט.

— שאַ, שאַ, יאָסעלע... — הײבט אָן דער טאַטע אַן׳אומרוהיגער און װיל נעמען יאָסעלען אױף די הענט, — שטילער, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, מאָרגען, מאָרגען...

נאָר יאָסעלע לאָזט זיך ניט נעמען אויף די הענט. ער ראַנגעט זיך אָב פון טאַטען:

איך וויל ניט מאָרגען! איצטער!

און מיט גרויסע אויגען קוקט ער זיך ארום; דאָס געוויין רייסט זיך בײַ איהם אַרויס פון האַרצען מיט ביטערניש און מיט כעס:

— עסען!... איצטער עסען!

וואס?

VII.

רחל איז געווען אַ מיידעל פון אַ יאָהר זיבּענצעהן־אַכצעהן. זי האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע בּלויע אויגען, און אַ פּאַרב אין געזיכט. וועלכע איז געלעגען ניט דורכאויס, נאָר איבּערגעריסען מיט מילך־ווייסע אָדערלעך אין עטליכע טיילען, ווי ראָזעווע וואָלקענדלעך, צעוואָרפען איבּער די בּאַקען. די אויגען פלעגט זי האַלטען אַראָבּגעלאָזט איבּער דער מאַשין, און די ראָזע שטיקער אין איהר געזיכט פלעגען זיך דעמאָלט אָהן אויפהער בּעוועגען, – אַמאָל העלער אויפשיינען, אַמאָל פערציהען זיך מיט אַ לייכטען נעבּעל, ווי גליהענדע קוילען אין אויווען: נאָר ס'פלעגט זיך טרעפען, אַז פּלוצלינג, נאָר אָהן אַ סבּה, פלעגען זיך די ראָזעווע טיילען צונויפגיסען אין איין צונטער און פערציהען זיך בּיז איבּער די אויערן און אַרום האַלז. דעמאָלט פלעגט רחל שנעל אויפהייבּען די אויגען – פולע מיט טרעהרען, – אַרומקוקען זיך, גלייך זי האָט מורא געהאַט, עמיצער זאָל עס ניט בּעמערקען, און תּכף צוריק אַראָבּלאָזען זיי, מעהר ניט אַבּיסעל נידריגער אַנבּויגען דעם קאָפּ.

ווייל רחל פלעגט מיט די מיידלעך בּיים טיש קיין מאָל ניט ריידען, ניט לאַכען, ווען מ'פלעגט דערצעהלען שיינע מעשׂות; ניט זינגען, בּשעת

אנ׳אומעט־ווינטעל פלעגט אַ ווײַה טון בײַ דער אַרבײַט, און אַלע פלעגן זיך צעזינגען, — האָבן די מיידלעך איינמאָל בעשלאָסן — „אַ שטיק פליישׂ״, און האָבן אויף רחל׳ען מעהר קיין אַכטונג ניט געגעבן.

אין דער היים מיט דער מאַמען פלעגט רחל יאָ ריידען. זי פלעגט אפילו אַמאָל איבערדערצעהלען, וואָס זי האָט געהערט ביים טיש פון די מיידלעך. די מאַמע פלעגט הערען און טראַכטען — אַ חכמה, זאָל איהר נאָר דער אויבערשטער עפּעס אַ נוטען מזל צושיקען״. דאָס רוב אָבער פלעגט זי אין דער היים אויך שווייגען, און, ווען ס׳פלעגט זיין שטיל אַרום, זיצען אַ פערטראַכטע, מיט אַזאַ פּנים, ווי זי וואָלט זיך צוהערען צו עפּעס, וואָס אינוועניג אין איהר. דערפאַר פלעגט זי די מאַמע רופען „שטילע טויב״; נאָר וויסען האָט זי אויך קיין מאָל ניט געוואוסט, פון וואָס די טאָכטער ווערט פלוצלינג רויט, פאַר וואָס די אויגען פילען זיך איהר פלוצלינג אָן מיט טרערען, בשעת זי ווערט רויט, און וואָס איז די סבה, וואָס זי קען אַ פרעמדען מענשען אין פּנים ניט קוקען. ביי דער נאַכט, ווען איהר פלעגט זיך דוכטען, אַז רחל שלאָפט ניט, פלעגט זי אַמאָל אַ פרעג טון.

— רחל׳ע, דו שלאָפסט ניט?

רחל פלעגט זיך שוין קיין רידהר ניט טון, נאָר ענטפערן — גאָר נישט. די מאַמע האָט געמיינט, אַז דאָס וואַרפט זיך די טאָכטער פון שלאָף, און פלעגט זיפצען: הייסע בלוט, יונגע בלוט...

ווען צו רחלים בעל־בית׳טע איז צוגאַסט געקומען איהר ברודער, אַ סטודענט פון פעטערבורגער אוניווערזיטעט, האָבן די מיידלעך אַ גאַנץ פריהמאָרגען גערעדט וועגען איהם. געקומען איז ער ביי נאַכט, האָט איהם דערוויילּ קיינער ניט געזעהן — ער איז נאָך געשלאָפען. נאָר די עלטערע מיידלעך האָבן איהם געדענקט פון פאַר צוויי יאָהרען, ווען ער איז אויך געווען ביי דער שוועסטער צו גאַסט; האָבן זיי דער־צעהלט, אַז ער איז אַ הויכער מיט דינע שוואַרצע וואָנסעלעך, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען — אַ ברען. און שטענדיג שמייכעלט ער, בשעת ער קוקט; און, דוכט זיך, ער לאַכט אוים.

צו רחל'ען האָט זיך קיינער רעדענדיג ניט געווענדעט. זי האָט קיינעם קיין פראַגען ניט געשטעלט, און ס'האָט קיינעם ניט געאַרט, צי זי הערט וואָס מ'רעדט, און וואָס טראַכט זי. זי האָט געקלאַפּט מיט דער מאַשין, דעם קאָפּ אָנגעבויגען, די אויגען אַראָבגעלאָזט און די פאַרב אין איהר געזיכט, האָט געגליהט און געשפּילט – ווי אַלע מאָל.

אַזייגער צוועלף האָט זיך די טהיר געעפענט, ס'איז אַריין די בעל־הבית'טע און נאָך איהר דער גאַסט, איהר ברודער. די מיידלעך, וואָס האָבען איהם אפילו קיין מאָל ניט געזעהן, האָבען איהם אויך תּכף דערקענט, אַזוי ריכטיג האָבען איהם די חבר'טעס אָבגעמעלט. מעהר ניט ווי די וואָנסען זענען ביי איהם געווען אַביסעל דיקער, איידער זיי האָבען געזאָלט זיין.

די בעל־הבית'טע איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט זיך גענומען פאַר א שטיק זיידענס. דער גאַסט האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען טהיר, בעגריסט און גענומען בעטראַכטען דעם עולם אַרום די טישען. אין צימער איז געוואָרען אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט; ס'איז נאָך שטיל געוואָרען תּכף, ווי די טהיר האָט זיך געעפענט. מעהר האָט זיך ניט געהערט, ווי דאָס קלאַפּען פון דער מאַשין אונטער רחל'ס פּיס. די מיידלעך האָבען בגנבה אַרום געוואָרפען בעהאַלטענע אויגען אויפ'ן גאַסט. שוואַכערע האָבען דערפיהלט די היץ אין די באַקען, שטאַרקערע האָבען געמאַכט א פּנים, אַז ס'אַרט זיי ניט. נאָר אַלע האָבען זיי געפיהלט, אַז ער איז דאָ; האָבען איהם געזעהן און בעמערקט, ווי זיין ערפאַהרע־נער בליק געהט רוהיג איבער די טישען אַרום צימער, ציהט זיך אַריבער פון איין מיידעלשען געזיכט אויף דעם צווייטען, פון צווייטען אויף דעם דריטען...

און רחל האָט געקלאַפּט מיט דער מאַשין. די ראָזעווע טיילען אין איהר געזיכט האָבען געשפּיעלט, ווי אַלע מאָל, קיין אויג האָט זי ניט אויפגעהעבען. נאָר ווען דעם גאַסטס אויג האָט זיך אויף איהר אָב־געשטעלט און פערבליבען, האָבען זיך איהרע אַקסלען צוזויפגעדריקט, גלייך ווי זי וואָלט געהאַט אויגען אין רוקען, און דער קאָפּ–נידריגער אָנגעבויגען איבער דער אַרבייט.

דערוויילע איז דער גאַסט אַביסעל אַזוי געשטאַנען, דערנאָך צוגע־גאַנגען צו דער שוועסטער און עפּעס געזאָגט איהר מיט א שמייכעל – קיינער האָט ניט געהערט וואָס, – נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט זיך און איז אַרויס פון צימער. דעמאָלט איז רחל אויפגעשטאַנען פון איהר אָרט,

האָט אַ זוך געטון אין קעשענע פון קליידעל, האָט ניט געפונען, און מיט אויגען, אָנגעשטרענגטע פאַראויס און אויף גאָר נישט, גלייך ווי זי וואָלט מורא האָבען עמיצען בעגעגענען מיט זיי, איז זי אַרויס אין קאָרידאָר. אין דער פינסטער האָט זי אַ זוך געטון אין קעשענע פון מאַנטעל, נאָכדעם אַרויסגענומען דאָס טיכעל ניט פון מאַנטעל נאָר פון קליידעל־קעשענע, אויסגעווישט די אויגען און צוריק אַוועק צום מאַשין.

פאַר נאַכט איז דער גאַסט ווייטער אַריין אין צימער, וואו די טיידלעך האָבען געאַרבייט. אַלע זענען פלוצלינג שטיל געבליבען. בײ רחל'ען איז געזיכט האָבען זיך די ראָזעווע טיילען אין איין שטיק צונטער צונויפגעגאָסען איבער די אויערן און אַרום האַלז. זי האָט גיך אויפגעהויבען גרויסע מיט טרערן פערלאָפענע אויגען אַרום זיך, גלייך זי וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, אַז קיינער בעמערקט ניט, ווי זי איז רויט געוואָרען; און איהר בליק האָט זיך בעגעגענט מיט דעם בליק פון דעם גאַסטס אויגען... שוואַרצע אויגען, – אַ ברען... און, דוכט זיך, געשמייכעלט האָבען זיי און, דוכט זיך, אויסגעלאַכט...

דאָס לעצטע ביסעל צייט, ביז די אַרבייטערקעס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז רחל געזעסען אומרוהיג. זי פלעגט רויט ווערען אָפטער ווי אַלע מאָל, און יעדע רגע אָבוואַרפען זיך פון מאַשין, גלייך עס איז איהר זעהר הייס געווען. אַ היים אַז זי איז געקומען, האָט זי דער מאַמען גאָר נישט דערצעהלט, האָט זיך פריה געלעגט שלאָפען. און איהר מאַמע האָט אַ גאַנצע נאַכט אַנ'אויג ניט צוגעמאַכט, עס האָט זיך איהר רק געדוכט עפּעס, און זי האָט געוועקט די טאָכטער:

– רחל'ע, דו שלאָפסט ניט?

רחל פלעגט זיך אויפהערען צו וואַרפען, נאָר ענטפערן – גאָר נישט.

אַ ווײַלע פלעגט זיין שטיל, און ווידער פלעגט זיך דער מאַמען עפּעס אָבדוכטען.

– רחל'ע, דו וויינסט?

און ווידער פלעגט רחל נאָר נישט ענטפערן.

אויף מאָרגען אַ זייגער צוויי ביי טאָג איז דער גאַסט אַריין אין מאַסטערסקאַיע מיט אַ האַלב טוץ זיידענע טאַשענטיכלעך אין האַנד. ער איז פאַרביי אַלע טישען דורכגעגאַנגען און האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען דער מאַשין, וואו רחל איז געזעסען. ער האָט איהר דערלאַנגט די טיכלעך און געבעטען אַרומזוימען זיי.

— זוימט אַרום די טיכלעך, — האָט די בעל־הבית׳טע איהר געהייסען.

רחל האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. דער גאַסט האָט זיך צוגעטראָגען אַ שטוהל און געזעצט נעבען דער מאַשין. געשטעפט האָט רחל גיך; ווי אַלע מאָל האָט זיך געלאָזט הערען דער גערויש פון דער מאַשין. דעם גאַסט האָט זיך געדוכט, אַז עס ציטערן די פינגער, מיט וועלכע דאָס מיידעל האַלט צו די טיכלעך אונטער נאָדעל. נאָר ער האָט גאָר נישט געזאָגט. ער האָט נאָר געקוקט, ווי די פאַרב שפּיעלט אין איהר געזיכט, און געסטאַרעט זיך אַריינקוקען איהר אין די אויגען, וועלכע האָבען געלויערט נאָך דעם זוים פולע מיט טרערדרען. און ער האָט געשוויגען.

ווען רחל האָט געענדיגט, האָט ער בעטראַכט די אַרבייט, און האַטש דער זוים איז געווען קרומליך און ערטערווייז אויפגעקנייטשט, האָט ער פונדעסטוועגען זעהר צופריעדען געזאָגט:

— אויסגעצייכענט!

דערנאָך האָט ער איהר געגעבען די האַנד — אַ דאַנק. רחל האָט איהם איהר האַנד אָבגעגעבען, ניט קוקענדיג אויף איהם. נאָר ווען ער האָט־זי געוואָלט אַ דריק טון, האָט זי איהר האַנד שוין אַרויסגענומען פון זיינער. און אין דער זעלבער רגע, וואָס זיין האַנד האָט זיך אויסגעלעדיגט אַנ׳אויסגעצויגענע, איז פון איהר אַרויסגעפאַלען אַ זילבערן האַלבער רובל און אוועקגעקויקעלט זיך איבער פאָדלאָגע.

עטליכע מיידלעך האָבען זיך איינגעבויגען אויפהעבען די מטבע. ער אַליין, דער גאַסט, האָט זיך אויך אָנגעבויגען זוכען. נאָר אויפגעהעבען די מטבע האָט איינע אַ מיידעל פריהער. ער האָט איהר בעדאַנקט און די מטבע דערלאַנגט רחל׳ען.

— נעמט... אויף קאָנפעטען...

רחל איז ניט רויט געוואָרען, נאָר די ראָזעווע וואָלקענדלעך אין די באַקען האָבען געציטערט מעהר איידער אַלע מאָל.

–נעמט, פאר וואס נעמט איהר ניט? – האט די בעל־הבית'טע שטרענג געפרעגט. זי האט זיך מסתמא באליידיגט וואס רחל נעמט ניט ביי איהר ברודער „אויף קאנפעקטען".

דעמאלט האט רחל צוגענומען דעם האלבען רובל.

–ס'ארא מאדנע מיידעל איהר זייט! – האט דער גאסט געזאגט, און האט איהר טיעף־טיעף אריינגעקוקט אין געזיכט.

רחל האט אויף איהם געמוזט א קוק טון; דאס פארב האט זיך איהר א רגע צופלאמט איבער די אויערן, תכף אבגעלאפען, און געלאזען דאס געזיכט בלאס.

עטליכע מאל איז נאכדעם רחל ארויס פון שטוב. זי פלעגט זיך שטעלען אויפ'ן שוועל, ארויסנעהמען דעם האלבען רובל און, גלייך ווי ער וואלט איהר געברענט די האנד, שנעל צוריק אראבלאזען איהם אין קעשענע אריין. ענדליך איז זי ארויס, האט דעם האלבען רובל ארויס־גענומען און צוריק אין קעשענע ניט אריינגעלעגט. זי האט זיך א דרעה געטון איבער'ן הויף און שטיל, ווי ניט ווילענדיג, פונאנדערגענומען די פינגער, וועלכע האבען ביי איהר געציטערט. איין רגע האט זי זיך א בויג געטון, גלייך זי וואלט עפעס וועלען כאפען צוריק. נאר האט זיך תכף אויסגעגלייכט און איז אוועק אין שטוב צו דער ארבייט, מעהר איז זי שוין ניט ארויס.

שפעטער אביסעל איז דאס לערענמיידעל אריינגעלאפען פון הויף:

–ווער האט פערלארען א זילבערנעם האלבען רובל?

–ווער האט פערלארען?

–ווער?

–דו אפשר, רחל? גיב אקארשט א קוק!

–איך האב ניט פערלארען – האט רחל געענטפערט.

איהר קול איז געווען א טרוקענער.

איז עס אזוי געבליבען – דער לערענמיידעלס מזל.

אויפ'ן צווייטען טאג איז דער בעל־הבית'טעס גאסט אוועקגעפאה־רען. אין דעם צימער, וואו די מיידלעך האבען געארבייט, האט מען

מעהר ניט גערעדט װעגען איהם. די מײדלעך האָבען דערצעהלט מעשׂות, געלאַכט און געזונגען. און רחל איז געזעסען בײ דער מאַשין, געקלאַפּט און געקלאַפּט און געשװיגען — אַ „שטיק פלײש״, װי געװען.

מעהר ניט, װען די טהיר פון דער בעל־הבית׳טעס צימערען פלעגט זיך אָבעפענען פלעגט זיך רחל אַ טרײסעל טון. אָפט פלעגט זי פּלוצלינג גאָר אָהן אַ סבּה בלאַס װערען. דעמאָלט פלעגט זי אױפהעבען די אױגען—מיט טרוקענעם גלאַנץ — און דורשטיג, דוכט זיך, זוכען אַרום זיך.

און אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז געגאַנגען. די ראָזע טײלען פון רחל׳ס געזיכט האָבען געגליהט און געאָטעמט, — נאָר װי אונטער אַ שיכט פון אַש. בײ דער נאַכט האָט זי אױפגעהערט צו װאַרפען זיך אױפ׳ן געלעגער, דערפאַר פלעגט זי אָפט װײנען פון שלאָף. די מאַמע איהרע האָט געטראַכט, אַז בעסער װאָלט שױן איהר „שטילע טױב״ געװאָרפען זיך, אײדער געװײנט, און פלעגט זיפצען. װען רחל פלעגט אָנהײבען װײנען, פלעגט זי די מאַמע אױפװעקען; פלעגט אַראָב פון בעט, אָנצינדען אַ לעמפּעלע און צװעצען זיך צו דער טאָכטער.

— װאָס הלומ׳ט זיך דיר, רחל׳ע, װאָס איז דיר געשעהן?

רחל פלעגט אױפהעבען אױף די מאַמען גרױסע גלאַנציגע, דערשראָקענע אױגען:

— גאָר נישט, מאַמע, גאָר נישט...

דער אלטער קברן.

I.

דער קברות'מאַן איז געווען מיינער אַ קרוב, און איינמאָל, ווען איך האָב געמוזט אויף אַ צייט נעלם ווערען פון דערהיים, בין איך אַוועק נעכטיגען צו איהם אין זיין שטיבעל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרעניץ צווישען די בית־עלמין־בוימער און צווישען פעלד, אויף אַזאַ אָרט, וואו דעמאָלט, ווינטערצייט, האָט זיך אַ זייטיגער נפש ניט געקאָנט געפינען.

מיינע קרובים האָבען מיר זעהר פריינדליך צוגענומען, אַפילו מתעסק געווען זיך אַרום מיר, אויף אַ רגע ניט אָבגעלאָזט.

– שטאָטיגע זענען דאָך ניט געוועהנט צום בית־עלמין, האָבען מורא פאַר מתים, – האָבען זיי אַלץ געזאָגט און געסטאַרעט זיך פערריידען מיך, איך זאָל ניט מורא האָבען און פערגעסען, ווי נאָהענט איך בין פון די מתים.

יענעם אָבענד האָב איך פאַר לעבעדיגע מורא געהאַט מעהר, אידער פאַר טויטע. פונדעסטוועגען האָב איך די שכנות פון די לעצטע אויך ניט גאָר גלייכגילטיג איבערטראָגען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָב איך גענעכטיגט צווישען אַזאַ מענגע קברים.

ס׳פערשטעהט זיך, געשראָקען האָב איך זיך ניט. דאָס וואָס איך האָב געפיהלט, איז גאָר ניט געווען קיין שרעק; נאָר גאַנץ רוהיג בין איך אויך ניט געווען. ניט ווילענדיג האָב איך זיך מיט בעזונדער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו דעם, וואָס קומט פאָר אין דרויסען אויף יענער זייט פענסטער.

איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וואָס פון אינווענינ הערט זיך, גלייך אין פעלד פאַטשט זיך און ברומט – איז עס דער ווינט. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וואָס דאָרט קלאַפּט זיך טרוקען און דראָבנע – זענען עס די הוילע אָנגעפּראָרענע צווייגען, וואָס שאָקלען זיך פון ווינט. נאָר טיעף אין הארצען האָב איך זיך ניט געקאָנט בענוגענען מיט דעם, וואָס איך האָב געוואוסט, איך האָב אַנאַליזירט און אויסגעפאָרשט יעדען שאָרך, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען פון דרויסען. פאַר וואָס, צוליב וואָס? – האָב איך אַליין ניט געוואוסט.

און די דאָזיגע נוטע מענשען האָבען געזעהן, ווי אויפמערקזאַם, אָנגעשטרענגט איך בין, און האָבען מיך געטרייסט:

– אָ, ס׳איז גאָר נישט, ס׳איז אַ ווינט, קלאַפּען זיך די צווייגען. שטענדיג איז שוין אַזוי אין פעלד, וואו די בוימער זענען פאַרהאַן.

מיר האָט זיך פערוואָלט זעהן, וואָס טוט זיך אין פעלד, און חאָטש איך האָב זיי פערזיכערט, אַז איך האָב ניט מורא, האָבען זיי דאָך מיך אַליין ניט אַרויסגעלאָזט.

– זעהסטו? – האָבען זיי מיך געמוטיגט, ווען מיר זענען געבליבען אין דרויסען, – גאָר נישט: פעלדער – ווי אַלע פעלדער, און בוימער – ווי אַלע בוימער.

די פעלדער און די בוימער זענען טאַקי געווען ווי אַלע. נאָר איך בין ניט געוועהנט געווען צו זעהן אום ווינטער אַזעלכע ברייטע פעלדער בעדעקט מיט אַזוי פיעל ווייסען שניי, און אַזאַ מאַסע בוימער–הוילע אָהן בלעטער. אין שטאָט האָב איך קיין מאָל אַזוי דייטליך שאַרף ניט געפיהלט יעדע בעוועגונג פון דער לופט, איך האָב אַזוי לויטער ניט געהערט יעדען שאָרך פון די ווינטען; אין שטאָט האָב איך קיין מאָל ניט געזעהן אַזאַ ברייטען הימעל פערצויגען מיט אַזאַ מאַסע דיקע וואָלקענס. און חאָטש שטיל איז געווען אין פעלד, חאָטש דער ווינט איז געווען אַ גאַנץ לייכטער, די בוימער האָבען גאַנץ רוהיג געשאָקעלט די צווייגען, און פון די וואָלקענס זענען ניט געגאַנגען ניט קיין רעגען, ניט קיין בליצען, – פונדעסטוועגען האָט זיך מיר אין דעם אַלעמען געלאָזט

פיהלען עפּעס אַ מין ברוגז, אַ שווערער און אַ בייזער, אַקעגען די שטיינער פון די מצבות. איך האָב אַ רגע ניט געקאָנט פערגעסען, אַז אונטער די דאָזיגע שטיינער ליגען בעהאַלטען קערפּערס פון מענשען; צעפראָרענע, אָהנבעוועגליכע קערפּערס, קאַלטע און טויטע. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די רוהיגקייט, וואָס הערשט דאָ, איז צופיל שאַרף פאַר אַ לעבעדיגען מענשענהאַרץ.

II.

ביי מיין קרוב איז געווען אַ שווער, אַ זקן פון אַ יאָהר אכטציג.

דעם גאַנצען אָוועגד איז ער געלעגען אויפ׳ן אויבען און געשוויגען. ער האָט שוין דערגרייכט יענעם גרעניץ פון עלטער, ווען דער מענש הייבט אָן חלומ׳ען אויפ׳ן וואָהר און וואַכען - אין שלאָף. דער אויבען איז געווען זיין איינציגע ליידענשאַפט אום ווינטער, אַזוי ווי זומער איז עס געווען דער שטיין אין הויף אויף דעם אָרט, וואו אַ גאַנצען טאָג שוואַכט קיין שאָטען ניט אָב די היץ פון די זונענשטראַהלען.

דאָס איז געווען דער אַלטער קברות־מאַן, וואָס האָט זיין כּוח געפּטר׳ט אין אַרבייט אַרום די קברים, און האָט צו דער עלטער זיין שטעלע איבערגעגעבען דעם איידעם, מיין קרוב.

אַ גאַנץ לעבען האָט ער געהאַט עסקים מיט דעם טויט, און דער טויט האָט אויף איהם פערגעסען צו דער עלטער, ווען ביי איהם איז קיין כּוחות ניט געבליבען מעהר צו אַרבייטען.

וועטשערע האָט מען איהם דערלאַנגט אין זיין ווינקעל, ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן ברעג אויבען, אַראָבגעלאָזט די פיס אַראָב און אָנגע־הייבען לאַנגזאַם שעפּען מיט׳ן לעפעל, וואָס האָט ביי איהם געציטערט צווישען די פינגער, פון שיסעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אויף די שאַרפע שפּיציגע קניה זיינע.

און קוים האָט ער זיך געזעצט, האָט ער שוין פערגעסען צוריק לעגען זיך. ער האָט שוין אָבגעגעסען, אָבגעבענשט און איז דאָך ווייטער פערבליבען זיצען אויפ׳ן ברעג אויבען, האַלטענדיג דעם קאָפּ אַראָבגע־

לאָזט אַקעגען ברוסט, גלייך ער האָט געוואָלט גוט אַריינקוקן זיך זײַן זיין אויסגעטריקנטען הארצען.

די שטובינע האָבען זיך דערוויילע צולעגט שלאָפען. מיר האָט מען אויסגעבעט אויף בענקלעך אַקעגען אויבען און אויפגעהאַנגען צו־קאָפּענס אַ קליין לעמפּעלע אויפ׳ן וואַנט.

— פאַר פייער איז די מורא ניט אַזוי, — האָט מיין קרוב׳ס ווייב ערקלערט, אַ זיכערע, אַז אָהן פייער וועט די מורא זעהר גרויס זיין.

איך האָב מיך אויסגעטון און געלעגט; דער אַלטער איז נאָך אַלץ געזעסען.

נאָך דער אַרבייט פון אַ גאַנצען טאָג זענען מיינע קרובים גלייך איינגעשלאָפען, עס האָט זיך שוין אַפילו געלאָזט הערען אַ שנאָרכען פון זייער ווינקעל. איבער מיין קאָפּ האָט דאָס לעמפּעלע שטיל געזשומט. דער גערויש פון די בוימער און דאָס ברומען פון ווינט האָבען ניט אויפ־געהערט הינטער וואַנט. נאָר זיי האָבען זיך נעגאָסען אַזוי גלייך און רוהיג, אַז די שטילקייט אין שטיבעל אינוועניג איז ניט געשטערט געווען. פון מיין נעלעגער האָב איך קלאָר געהערט, ווי ביי דעם אַלטען אין האַרצען האָט נעפייפט מיט אַ חריפ ווי פון אַ צעבראָכענער פאָרטע־פּיאַנע.

וואָס זעהט ער אין חלום, אויב ער שלאָפט, און וועגען וואָס טראַכט ער, אויב ער וואַכט? — האָט זיך מיר געוואָלט וויסען.

איך האָב מיר פאָרגעשטעלט זיין לעבען, — אַ לאַנג־לאַנג לעבען הינטער שטאָט, צווישען פעלדער און בוימער, קברים און מצבות, אַזוי נאָהענט פון מתים, אַזוי וויט פון לעבעדיגע.

די צייט געהט. שיינע ליכטיגע טעג בייטען זיך אויף פינסטערע רעגענדיגע; און ער, דער אַלטער, זעהט שטענדיג מעהר ניט, ווי געלבע פנים׳ער פון מתים. יאָהרען נעהען פולע מיט לעבען, מיט מעשים, געשעהענישען, און ער הערט מעהר ניט ווי די קדישים, אויסגעהייקטע אין טרעהרען און ליידען אויף די פרישע קברים. זיינע געדאַנקען — זענען די קברים, זיינע דאגות — די קברים, די קברים זענען זיין הונה...

און דאָס בילד פון דעם דאָזיגען לעבען האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי אָרעם און פינסטער, — וואָס האָט ער געזעהן, וואָס האָט ער געהערט?

און אַ גרויס רחמנות איז מיר געוואָרען אויף דעם אַלטען, וועלכער האָט פערבראַכט אַזאַ אומעטיג לעבען, און מוז דעריבער האָבען חלומות און מחשבות אודאי אויך אַזעלכע פינסטערע און אומעטיגע, אָנגע־זעטיגטע מיט טויט...

III.

איך האָב ניט געקענט אַנשלאָפען ווערען, איך ווייס ניט פאַר וואָס־צי דערפאַר, וואָס איך בין ניט געווען געוועהנט צו לעגען זיך אַזוי פריה, ווי מ'האָט זיך געלעגט ביי מיין קרוב, אָדער ווייל איך האָב זיך אַזוי ניט געוועהנליך געפיהלט. ס'איז מיר עפּעס מאָדנע געווען: אַלץ האָט מיר דערמאָנט, אַז איך בין אויפ'ן בית־עלמין. אַלע מיינע געדאַנקען זענען געווען וועגען די מתים, און אפשר האָב איך טאַקי מורא געהאַט אויך... בין איך געלעגען מיט אָפענע אויגען.

דערווייל איז אין דרויסען פאָרגעקומען אַנ'ענדערונג, דאָרט האָט זיך עפּעס אָנגעהייבען. דאָס וואָס פון אָנהייב אָבענד האָט זיך געלאָזט הערען, ווי לייכטע שמיץ פון ריטער, איז שטאַרקער געוואָרען: דאָ האָט עס ערשיענען נאָהענט, נאָר נאָהענט געבען שטוב, איז אַריבערגעשפּרונגען פּלוצלינג אין דער ווייטען, און דאָרט צעשאָטען זיך אין טויזענדער שמיצלעך איבער גאַנצען פעלד.

די בוימער האָבען זיך שטאַרקער געשאָקעלט, אונרוהיג געטומעלט און געסקריפּעט. די צווייגען האָבען זיך געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע, ווי מרוקענע ביינדלעך.

איך האָב אָנגעשטרענגט געהערט, פון אינוועניג האָט זיך מיר גע־דוכט, גלייך הינטער'ן וואַנט מאַכען זיך הכנות צו עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז גרויס און סוד'יג. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער אָבגרונד צווישען הימעל און שני אויף דער ערד פילט זיך ביסלעכווייז אָן מיט גערויש און בעוועגונג.

פון אָנהייב האָט זיך דאָס אַלץ געלאָזט הערען שטיל, בעהיטזאַם, גלייך די גרויסע מאַכט, וואָס איז געוואַקסען אין פעלד האָט זיך גע־סטאַרעט איינהאַלטען, האָט זיך ניט געוואָלט געבען פאָלקאָמע פרייהייט, האָט פאַר זיך אַליין געציטערט, האָט זיך זעלבסט ניט געטרויט.

נאָר פלוצלינג האָט עס אויסגעבראָכען. די לאָדען און די ראַמען פון די פענסטער האָבען זיך אַ טרייסעל געטון, עמיצער האָט, דוכט זיך, מיט גרויסע נאַסע טיכער אָנגעהייבען וואוטיג פּאַטשען איבער׳ן דאַך, רייסען די קלעצער פון וואַנט, דער שטורמווינט האָט מעהר ניט געקענט פערשטיקען זיין דראַנג, האָט זיך אַרויסגעריסען מיט אַ כוואַליע פון אימה אין פעלד אַריין.

איך האָב זיך געזעצט אויף מיין געלעגער. דער אַלטער אויפ׳ן אויבען האָט אויפגעהייבען דעם קאָפּ און אויסגעשטעלט ברייט געעפענטע טריבע אויגען אין דער לופט אַריין.

מיר צווייען נאָר אין גאַנצען שטוב האָבען געוואַכט און געהערט דעם שטורמווינט.

און דער שטורמווינט האָט זיך שוין געגעבען פאָלקאָמע פרייהייט. מיט צאָרן האָט ער זיך אַלאַז געטון איבער די בוימער און איבער דעם שניי פון פעלד. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל פערוויסטען און פערניכטען אַלץ, וואָס שטעהט איהם אויפ׳ן וועג. עס האָט זיך געהערט, ווי די צווייגען ברעכען זיך אויף קליינע שפּענדלעך און פאַלען צו דער ערד. איך האָב געהערט, ווי זיילען שניי טראָגען זיך אַרום אין פעלד און שטורמען די ווענט פון שטיבעל. איך האָב גע־פיהלט, ווי דער פונדאַמענט פון שטיבעל ציטערט, און ס׳האָט מיר גע־דוכט, אַז די ערד אַליין טרייסעלט זיך פון דער זאַווערוכע.

און אין פעלד, צווישען די בוימער, אין קוימען, און אומעדום האָט געהודזעט אַ לאַנג־אויסגעצויגענער פיעלשטימיגער גערויש, ווי איין גרויסער מעכטיגער קרעכץ. צייטענווייז פלעגט איבער דער געדיכטער מאַסע פון דער ברומערייַ דורכפליהען אַ דינער געשווינדער קלאַנג, תּכף נעלם ווערען און איבערלאָזען אַ געפיהל, ווי פון אַ רויטען שטרוימדעל בלוט אויף אַ ווייסער נאַקעטער ברוסט.

דאָס האָט דער שטורמווינד אַזוי געוויינט. איך האָב געוואוסט, אַז ער. נאָר אַ געדאַנק איז ביי מיר דורכגעפלויגען אין קאָפּ, אַז די מתים זענען עס אויפגעשטאַנען פון די קברים אונטער די שווערע מצבות און וויינען: בעוויינען זייער טויט, און בעקלאָגען זייער אָרים לעבען, וואָס איז שוין אויך ניטאָ...

איך האָב געוואָלט לאַכען פון דער דאָזיגער פאַנטאַזיע. נאָר ס׳איז קיין שמייכעל ניט אַרויסגעקומען, די ליפען האָבען געציטערט. עפּעס אַ קעלט איז מיר צוגעקומען צום האַרצען. אימה איז דאָס געווען.

און דער אַלטער איז געזעסן און געהערט, ווי דער שטורם רוישט, גלייך ער האָט מורא געהאַט דורכצולאָזען אַ פּיפּס פון דעם גערויש, און וואָס לענגער ער האָט זיך צוגעהערט, אַלץ שטרייגנער און בייזער און אונרוהיגער איז געוואָרען זיין געזיכט.

פלוצלינג האָט זיך עפּעס ווי אַ לאַך הוכנעשניטען אינ׳ם טומעל און געפּילדער, וואָס אין דרויסען.

– דו הערסט? – האָט דער אַלטער אַ פרעג געטון.

IV.

איך האָב זיך אַ טרייסעל געטון.

– ווער איז דאָס? – האָב איך געפרעגט.

נאָר דער אַלטער האָט ניט געענטפערט. ער האָט ניט געהערט, אַ פּנים, אַז איך פרעג. עס האָט זיך געדוכט, אַז מיט דער גאַנצער נשמה זיינער איז ער געווען געפאַנגען אין דער מאַכט פון דעם שטורם־ווינט. יעדער רים פון ווינט האָט זיך אָבגערופען מיט אַ ציטערדיגער תנועה אויף זיין צעקנייטשטען פּנים. יעדעס מאָל, וואָס דער געוואַלד אין פעלד פלעגט ווערען שמאַרקער, צי שוואַכער, פלעגט זיין קאָפּ קומען אין בעוועגונג, – דאָ אויפהעבען זיך, דאָ ווידער אַראָבלאָזען זיך.

– דו הערסט? – האָט ער ווייטער אַ פרעג געטון.

און תכף נאָך דעם, ווי ער האָט עס אויסגערעדט, גלייך ווי ער וואָלט שוין פערנומען און געוואוסט, וואָס עס וועט זיין, פריהער, איידער ס׳האָט זיך נאָך געלאָזט הערען, – האָב איך אויך דערהערט אין דער מהומה פון טומעל און גערויש עפּעס אַ מין הייזעריגען און ווילדען קול, וואָס ס׳איז שווער געווען אונטערצושיידען, צי לאַכט עס אַ מענש, צי בילט עס אַ הונט.

אַ קעלט איז מיר אַ דורך איבער׳ן רוקען.

– ווער זשע איז דאָס? האָב איך ווייטער געפרעגט.

– ווייסט נאָר ניט? – האָט זיך דער אַלטער געוואונדערט, ד איז דאָס, די משומדת׳טע... יאָ.

און ער איז שטיל געבליבען.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָך דעם אַלטענס עטליכע ווערטער, איז דער שטורמווינט צוויי מאָל בייזער געוואָרען.

– ווער איז זי די משומדת'טע? – האָב איך געפרעגט.

– ווער? – האָט ער איבערגעפרעגט, און פערטראַכט זיך.

און אַזוי איז ער געבליבען זיצען אַ פערטראַכטער, ווי אַ שטומער. ער האָט זיך נאָר אָנגעהייבען אונרוהיג צו בעוועגען אויף זיין אָרט, גלייך ער האָט געוואָלט צוזאַמען מיט'ן גאַנצען קערפּער ברענגען אין בעוועגונג אויך זיין אַלטען מוח, כּדי אַרויסצוטרייסלען פון איהם דאָס, וואָס האָט זיך אין איהם אָבגעזעצט אויפ'ן גרונט, נאָך אַזוי פיעל יאָהרען פון לעבען.

און אויסגעוויזען האָט עס, אַז די בּילדער, וועלכע ער רופט אַרויס פון זכּרון, זענען בּייז ניט וועניגער, איידער דער קלאָג פון שטורמווינט אַליין. דעם אַלטענס געזיכט איז אַלץ שטרייננער און טריבער געוואָרען, און אַלץ אָנגעשטרענגטער האָט ער זיך צוגעהערט, ווי דער ווינט שטאַרקט זיך אין פעלד.

– ווער איז זי – ווייס איך ניט, – האָט ער ענדליך אָנגעהייבען ריידען, – ניט קיין היגע. מ'האָט געזאָגט: עפּעס פון אַ דאָרף, פון דער־ווייטען. איך ווייס ניט... נאָר איך האָב זי געזעהן. יאָ, געזעהן האָב איך זי. שוין לאַנג, אַמאָל איז עס געווען. אַמאָל...

און ער האָט זיך אָבגעשטעלט, שווער אָטעמענדיג, מיעד פון דעם לאַנגען שמועס.

דער שטורמווינט גאָר האָט קיין מיעדיגקייט ניט געוואוסט. עס האָט אויסגעוויזען, גלייך אין זיין אייגענעם צאָרן, שעפּט ער נייע כּוחות, נייעם כּעס און נייע אַכזריות. ער האָט געריסען און געבּראָכען די ווענט; איך האָב געמיינט: אָט־אָט ווערט דאָס שטיבעל צעשאָטען אין אַ בּאַרג דינע שפּענדלעך.

V.

– יאָ, איך האָב זי געזעהן, – האָט דער אַלטער ווייטער אָנגעהייבען, נאָכדעם אַז ער האָט אָבגערוהט און אָנגעקליבען כּוחות פּאַר

א לעגנערען שמועס. — א יאָהר צוועלף בין איך דעמאָלט אַלט געווען. נאָך גאַר א יונגעל, א קינד, — האָט ער זיך דערמאָנט און געזיפצעט. גלייך עס האָט איהם באַנג געטון, וואָס יענע צייט, ווען ער איז נאָך א יונגעל געווען, איז אַריבער, און וועט שוין מעהר ניט צוריקקומען. — אָך־אָך־אָך, א קליינער יונגעל...

אָבער דעם טאַטען, אונז צו לאַנגע יאָהר, האָב איך שוין געהאָלפען אין דער אַרבייט. ביידע פלעגען מיר שטעלען מצבות, אַרוממויערן קברים, פעררכטען דעם פּאַרקאַן, איך האָב אַלץ געקאָנט. און כח האָב איך געהאַט מעהר פאַר דעם טאַטען. אין חדר נאָר האָב איך נאָך געלערנט. יאָ...

אַמאָל פלעגט דער טאַטע קיין צייט ניט האָבען, פלעג איך געהן בעקוקען דעם בית־עלמין. אַזוי איז שוין ביי אונז געווען איינגעפיהרט — אַלע אָבענד געהען מיר דורך דעם בית־עלמין. מורא האָב איך ניט געהאַט. איך בין געוועהנט געווען צו מתים און צו קברים. און דורכגעהן זיך אין א זומערדיגען פאַרנאַכט ביי אונז צווישען די בוימער — דאָס איז דאָך א פערגעניגען. אַזא בית־עלמין איז שוין ביי אונז — שענער איידער וואָסער סאָד...

מאַכט זיך איין מאָל, אַז דער טאַטע דאַרף אין שטאָט. זאָגט ער מיר:

— געה זעה, וואָס הערט זיך דאָרט.

געה איך, געווען איז דאָס ווענסנע־צייט. די בוימער בליהען. דאָס פעלד בליהט — איין בינטעל בלומען, דוכט זיך מיר און ס'שמעקט. ס'יונגע גראָז אונטער די פיס — אויך א פערגניגען, — ווייך, לופטיג. און שטיל איז, רוהיג, וואָרעם, דער סאָלאָוויי זינגט... איך האָב דאָס ליב געהאַט, ווען איך בין געווען א קליינער, זעהר ליב געהאַט. גאַנצע נעכט הערען דעם סאָלאָוויי האָב איך געקענט. היינט איז עפּעס קיין סאָלאָווייען, דוכט זיך, שוין אויך מעהר ניטאָ ווי אַמאָל...

מאָדנע איז געווען צו הערען, ווי דער זקן רעדט וועגען זיין קינדהייט; רעדט וועגען וואַרעמע פריהלינגס־נעכט, בעת א זאווערוכע שטורמט אין דרויסען; רעדט וועגען סאָלאָוויי־געזאַנג און שמעקענדיגע בלומען — אויפ'ן בית־עלמין.

— דונערן, בליצען האָב איך אויך ליב געהאַט, — האָט ער ווייטער געזאָגט. — אַז ס'איז יונג און געזונט, איז אַלץ שיין, אַלץ גוט, אַלץ ליב...

און ער איז ענטשװוּנדען געװאָרען, װי פערזונקען זיך אין די בילדער פון זײן יוגענד, אין בלומען און זונענשטראַהלען; גלײך װי פון דער װאַרעמקײט, מיט װעלכער די דאָזיגע בילדער האָבען אויף איהם געאָטעמט, איז זײן פערגליװערט האַרץ אָבגעגאַנגען און בעקומען אַ כּוח פון דאָס נײ צו בעלעבען זײן יוגענד.

לאַנג איז ער אַזוי געזעסען און געשװיגען. איך האָב געמײנט, אַז ער איז אײַנגעשלאָפען. דעם סאָלאָװײס לידער פון אַמאָליגע פערגאַנגענע צײטען האָבען איהם פערװיגט. נאָר ער האָט ניט געשלאָפען. אין זײן גרױען קאָפּ האָט ער, װי ס'װײזט אויס, געמאַכט אַ רעכנונג פון דעם, װאָס ער האָט געהאַט אַמאָל, און װאָס ער האָט איצט; און פערענדיגענדיג די חשבּונות איז איהם אַ פּנים אין סך הכּל איבערגעבליבען – מעהר ניט װי אַ זיפץ.

– אָך–אָך–אָך! – האָט דער זיפץ צעטרײסעלט זײן ברוסט, – גוט איז אַמאָל געװען...

VI.

– נעה איך מיר אַזוי, האָט ער װײטער דערצעהלט. – אַרום איז ליכטיג – העלער טאָג. נאָר זעהן זעהט זיך אַלץ – ניט װי בײ טאָג. ס'שטעהט אַ בוים. דוכט זיך דער זעלביגער, װאָס בײ טאָג, נאָר ניט גאָר דערזעלביגער, עפּעס אַנדערש. פאַר דער לבנה – אפשר, װײסטו אויך – װײזט אַלץ אַנדערש אויס, יאָ...

און איך בין דאָך אַ קלײן יונגעל. מײן איך, אַז מלאכים בעהאַלטען זיך צװישען די צװײגען, װאָרום קײן װינט איז ניטאָ און די צװײגען װיעגען זיך, איך טראַכט: איך װאָלט אויך װעלען זײן אַ מלאך, זיצען אַזוי אויף אַ צװײג אין דער הויך, קײנער זאָל מיך ניט זעהן, איך זאָל אַלץ זעהן, װיעגען זיך פּאַמעליך, שירה זאָגען...

דעמאָלט פלעגט מיר דער קאָפּ שטענדיג פול זײן מיט אַזעלכע מחשבות װעגען מלאָכים, מכשפים, װאונדער... אין יענעם אָבענד האָט זיך מיר אויך געװאָלט זעהן עפּעס אַ װאונדער.

און װי איך געה מיר אַזוי, קום איך אָן אויף אַ מענשען. אויפ'ן װעג נעבען די קוסטעס, װאו די קינדערשע קברים – װײסט! – נעבען

דער דעמבע, וואָס דער דונער האָט געטראָפֿען – מסתמא סט׳אָך גע־זעהן – דאָרטען זעה איך איהם. יאָ... ער זיצט אויפ׳ן גראָז, קוקט ביין...

קיין שכל האָב איך נים געהאַט, אַ קליין יונגעל, פערשטעהט זיך. אַ נאַרעלע נאָך... איך האָב זיך דערשראָקען, אָבגעשטעלט...

נאָר דער מענש האָט אַ רוף געטון:

– גע׳ה, גע׳ה, יונגעלע, – זאָגט ער, האָב נים מורא, איך בין אַ יוד,

איך האָב אַ בליק געטון – טאַקע אַ יוד, אַן׳אַלטער מאַן, אַ גרוי־ער באָרד. נו... אַבי אַ יוד איז נישקשה...

גע׳ה איך ווייטער, נאָר אינגאַנצען רוהיג בין איך נים, איך טראַכט אַליץ, וואָס טוט אַ יוד אַזוי שפּעט אויפ׳ן בית־עלמין? מיר איז דאָס אַ וואונדער... ערשט הינטער מיר, וואו איך האָב דעם יודען געלאָזען, הער איך, עמיצער, דוכט זיך, האָט אַ געשריי געטון:

– „אוי!"

יאָ... „אוי" – און מעהר נים... ווייטער שטיל.

לכתחלה האָב איך געוואָלט אָנהייבען שרייען, צי ענטלויפען, נאָר איך קאָן נים. איך מוז וויסען, וואָס טוט זיך דאָרט, צוליב דעם בין איך דאָך אַרוים פון שטוב.

גע׳ה איך און האָב מורא. גנב׳ע זיך פון איין קוסט צום צווייטען, אין שאָטען, איך קוק זיך אַרום... און פון הינטער אַ קוסט זעה איך, אַז דער אַלטער יוד איז שוין נים אַליין. עפּעס אַ נקבה איז דאָ מיט איהם, פון דערווייטען אַ ביסעל שטעהט זי.

ליבטיג איז געווען, האָב איך געזעהן, אַז ס׳איז אַ יונג מיידעל, קוקט דעם אַלטען גלייך אין די אויגען, קוקט אַזוי דערשראָקען, אַ בלאַסע, שיער זי פאַלט...

ביידע שטעהען זיי אַזוי איינע אַקעגען די אַנדערע און שווייגען. ער – אַ יוד ווי אַלע יודען; זי – אַ פערפוצטע, אין זיידענס, גאָר נים ווי אַ יודיש קינד – אַ פריצ׳טע, אַזאַ פאַרשוין...

און איך שטעה הינטער׳ן קוסט, און קען נים אַוועק... יאָ, איך קען די אויגען נים אָבּרייסען, און ציטער, אַלע איברים ציטערן מיר... דוכט זיך אַ וואונדער, ווי איך האָב געוואָלט; וואָרום אַזוי מאָדנע...

עפּעס נאַכט, שטיל, די לבנה, ביידע שווייגען זיי... מאָדנע, גאָר ניט ווי אין דר'אמת'ן...

דער אַלטער קברות־מאַן איז אַ רגע שטיל געזעסען.

— שען, — האָט ער ווידער אָנגעהייבען, גלייך ער האָט ערשט שווייגענדיג איבערגעקוקט דעם איינדרוק פון זיינע קינדערשע יאָהרען, און האָט אין איהם געפונען דעם זעלבען אינהאַלט, וואָס אַמאָל. — אָך־אָ, זעהר שען, אז עס וואָלט ווייטער גאָר נישט געווען...

VII.

דערווייל איז דער ווינט אַביסעל שטילער געוואָרען. ער האָט שוואַכער געריסען די ווענט פון שטיבעל.

דאָס לעמפּעל אויפ'ן וואַנט ביי מיר צוקאָפּענס האָט זיך שטיל געבּרענט און געוואָרפען אַ דונקלע שיין אויף דעם אַלטען'ס פּנים, וועלכער האָט צוליב דעם אויסגעזעהן נאָך געלער און מאָגערער. ער האָט אָוועקגעלעגט די הענט אויף זיינע שאַרפע ביינינע קניה און צונױפשאָקעלט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער און טאַקט צו יעדען וואָרט.

דעם רוקען האָט ער אָנגעבויגען, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען און געקוקט אַקעגען זיך גלייך, ווי ער וואָלט געזעהן פאַר די אויגען אַלץ, וועגען וואָס ער רעדט. איצט איז איהם אַ פּנים שוין ניט שווער געווען צו ריידען. זיין צונג איז שוין אויך פונאַנדערגעגאַנגען און האָט זיך בּעוועגט לייכט און גלייך. פון זיין זכּרון האָט זיך פונקט אַ דעקע אויפגעהייבען, און די געשעהענישען פון אַמאָליגע יאָהרען זענען שלאַנק און לייכט אַרויסגעטראָטען איינס נאָך אַנדערם אַקעגען זיינע אויגען.

ער האָט ווייטער דערצעהלט.

— דער ערשטער האָט אָנגעהייבען ריידען דער יוד. ער האָט געטאָוסט, זאָגט ער, אַז זי וועט קומען אויף דער מאַמעס קבר. דעריבּער האָט ער געלאָזען די שטוב, די קינדער, די מיהל, יאָ, די מיהל... און ער איז געקומען אַהער און געוואַכט, טאָג און נאַכט האָט ער געוואַכט, וואָרום איהם האָט זיך זעהר געוואָלט, זאָגט ער, זעהן זיך מיט איהר.

נאָר דאָס מיידעל האָט געשוויגען. געציטערט האָט זי אָבער, שטאַרק געציטערט. איך האָב געזעהן, ס'איז דאָך געווען ליכטיג.

און דער יוד האָט אַלץ גערעדט, ער האָט דערצעהלט, ווי איהר מאַמע איז געשטאָרבען. ווי ער אַליין איז געגאַנגען צום פריץ רופען זי — דאָס מיידעל, הייסט עס. נאָר מ'האָט איהם ניט צוגעלאָזען, זאָגט ער, אין די פּאָקאָיעס אַריין, ער האָט געשריען, זי זאָל דערהערען, האָט מען איהם אַוועקגעטריבען, און זי האָט ניט געהערט. יאָ...

נאָכדעם האָט ער זיך בײ איהר געפרעגט, פאַר וואָס איז זי ניט געקומען אַ קוק טון אויף די מאַמען חאָטש נאָכ'ן טויט. ער האָט זיך בשעת מעשה אָנגעבויגען צו איהר, און אַזוי געקוקט איהר אין די אויגען... אָך-אָך-אָ, איך האָב געמיינט, אָט-אָט וועט עפּעס באַלד געשעהן...

און דעמאָלט האָט שוין דאָס מיידעל אָנגעהייבען ריידען. מיט אַ שטילען קול האָט זי גערעדט, אַזוי אומעטיג, — זי האָט ניט געוואוסט, האָט זי געזאָגט.

און ווי זי האָט געזאָגט, איז דער אַלטער צוגעלאָפען צו איהר, האָט גיך אָנגעהייבען ריידען, גיך... מסתמא האָט ער זיך געאײלט... האָט אויך אַזוי געטראַכט, זאָגט ער, אַז זי האָט ניט געקענט וויסען. והראיה, זאָגט ער, ווען זי האָט בעקומען זיין בריעף, איז זי תכף געקומען אויפ'ן בית-עלמין.

—איך וויים, זאָגט ער, אַז דו האָסט די מאַמע ליב געהאַט. קענסט דאָך זי ניט פיינט האָבען, — ס'איז דאָך דיין מאַמע...

און נאָך האָט ער געזאָגט: זי, דאָס מיידעל, הייסט עס, איז שטענדיג געווען אַ גוטע, אַ פרומע, אַנ'ערהרליכע, זיין לעבען, זאָגט ער, זיין נחת... ס'איז שווער געווען צו פערשטעהן אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט. ער האָט זעהר גיך גערעדט, און עפּעס איז איהם דוכט זיך אין האַלז געשטאַנען... דערנאָך האָט ער אָנגעהייבען בעטען, זי זאָל איהם זאָגען, צי האָט זי אין דר'אמת'ן טאַקי ערשט פון זיין בריעף דערוואוסט זיך, אַז די מאַמע איז געשטאָרבען. דאָס מיידעל האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ. יאָ, הייסט עס.

דער אַלטער האָט זיך, אַ פּנים, זעהר דערפרעהט — דו האָסט דאָך ליב דיין מאַמען, זאָגט ער, און מיך האָסטו דאָך אויך ליב? פאַר וואָס, זאָגט ער, זאָלסטו אונז ניט ליב האָבען? וואָס האָבען מיר דיר געטון? — און חזר'ט אַלץ אַזוי איבער: — „האָסט ליב? האָסט ליב?"

און װען דאָס מײדעל האָט געזאָגט, אַז יאָ, איז ער צוגעלאָפֿן צו איהר און אָנגעהױבען: — „פײגעלע, פײגעלע, מײן טאָכטער!‟ און די הענט האָט ער צו איהר אױסגעצױגען.

אָך—אָך—אָך... דאָ האָב איך װײטער אָנגעהױבען ציטערן, יאָ... איך האָב געמײנט, אַז דאָס מײדעל װיל אַנטלױפֿ'ן, אַזױ האָט מיר גע־דוכט. נאָר זי האָט זיך פֿונאַנדערגעװײנט, און אַרױפֿגעפֿאַלען דעם אַלטען אױפ'ן האַלז. ער האָט זי אָנגעהײבען גלעטען, קוסען, האַלובען, און אַלץ מיט אַזעלכע גוטע רײד...

זי האָט גאָר נישט גערעדט, יאָ, גאָר נישט. נאָר געװײנט, אַזױ אומעטיג געװײנט. אַרום איז געװען שטיל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס װײן איך אַלײן... אַזאַ האַרציג װײנען איז דאָס געװען.

נאָכדעם האָט דער אַלטער יוד אױסגעטון זײן בגד, אַװעקגעלעגט אױפ'ן גראָז, דאָס מײדעל האָט זיך געזעצט. ער האָט זיך אױך געזעצט נעבען איהר. און אַלץ געלאַשצעט זי, געהאַלובעט, און אַלץ: „פײגעלע, פײגעלע מײנע‟.

נאָר מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ שטעל געטון. ער האָט זיך אַפּנים דערמאָנט עפּעס.

— „קום, זאָגט ער, פײגעלע, קום!‟

דאָס מײדעל איז אַ דערשראָקענע אױף גיך אױפֿגעשטאַנען... װײנען האָט זי אַפּילו אױפֿגעהערט — אַ פֿערציטערטע איז זי געװאָרען.

— װאוהין? — זאָגט זי, װאוהין?

און ער:

— אין שטאָט, אין שטאָט!.. אין דאָרף, זאָגט ער, װעל איך דיך מעהר ניט געהמען. איך װעל דיך בעהאַלטען אין אַ זיכער אָרט. דער פּריץ, זאָגט ער, װעט דיך ניט געפֿינען, מעגסט זײן זיכער.

און ער האָט זי אָנגעהײבען שלעפּען נאָך זיך. אַפּילו דעם בגד האָט ער פֿערגעסען אױפ'ן גראָז.

עטליכע טריט האָט ער זי אַזױ נאָכגעצױגען נאָך זיך. און פּלוצ־לינג האָט זיך דאָס מײדעל אָבגעשטעלט און אָנגעהײבען שרײען: „נײן, נײן!‟

אָך—אָ ס'אַראַ געשרײ דאָס איז געװען — אַ 'אימה. אפשר שרײט אַזױ אַ מענש, װען מ'װיל איהם קױלען... נאָר דער אַלטער האָט זי ניט געהערט, ער האָט זי אַלץ געשלעפּט.

– קום, – שרייט ער, – קום, קום!...

און זי לאָזט זיך ניט. זי שפּאַרט זיך איין מיט די פיס אין דר'ערד, רייסט זיך, זי וויל ניט.

ניין! ניין! ניין! – שרייט זי.

VIII.

דער אַלטער קברות־מאַן איז ענטשוויגען געוואָרען.

די בוימער הינטער וואַנט האָבען געהוידושעט גלייך זיי וואָלטען איינע איבער די אַנדערע זיך געאיילט דערשראָקענע און ערגענטע עפּעס אַרויסצוזאָגען, און קוימען האָט זיך געהערט אַ דינער ביטערער קלאָג. דאָס פייערל פון לעמפּעל איז לאַנגזאַם אונטערגעשפּרונגען, און דעריבער האָבען זיך די שאָטענס אויף דער וואַנט און אויפ'ן סטעליע געהייבען און אַראָבגעלאָזען, גלייך ווי מיט ברייטע פליגעל וואָלטען זיי אָנגעוועהט אַנ'אומעט, וואָס האָט אָנגעפּאַקט אַלע ווינקעלעך פונ'ם שטיבעל.

דער אַלטער קברות־מאַן האָט ווייטער אָנגעהייבען.

אַ מורא'דיגער געשריי איז עס געווען. איך האָב מורא געהאַט, יאָ...

דערווייל איז פון די קוסטעס אַרויסגעלאָפען אַ מענש, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגען דעם אַלטען מיט דעם מיידעל. אַ יונגער־מאַן איז דאָס געווען, אַ יאָהר פינפאונדרייסיג אַלט. אפשר ווענייגער אַ ביסעל, אַ פּריץ, אַ הויכער, לאַנגע וואָנסען, אַ שיינער. –

דער אַלטער האָט גלייך אָבגעלאָזט דאָס מיידעל און געבליבען אַזוי מיט אַראָבגעלאָזטע הענט. דאָס מיידעל האָט זיך אָנגעחאַפּט אָן דעם פּריצ'ס האַנט. און אַזוי זענען זיי אַלע דריי געשטאַנען.

שטיל זענען זיי געשטאַנען. אַלע קוקען זיי נור איינע אויף די אַנדערע... און דער פּריץ זאָגט:

– קום! – אויף פּויליש האָט ער גערעדט.

און ער האָט גענומען דאָס מיידעל און אָנגעהייבען אַוועקגעהן מיט איהר.

און דעמאָלט האָט דער אַלטער יוד אָנגעהויבען שרייען, — אָך, ווי ער האָט געשריען — בייז, און נאָך עפּעס אַזוי...

— וואַרט, פייגעלע, — זאָגט ער, — איך וויל דיך עפּעס פרעגען. האָסט איהם ליב, מעהר איידער מיך?

אויפ׳ן פריץ, הייסט עס, האָט ער געפרעגט.

און דאָס מיידעל האָט זיך אָבגעשטעלט. געזאָגט האָט זי גאָרנישט. געטרייסעלט האָט זי זיך נור, — איך האָב געזעהן, — די לבנה האָט געשיינט, ליכטיג איז געווען.

און דער יוד האָט געזעהן, אַז זי ענטפערט ניט, פרעגט ער ווייטער:

— ביזטו, הייסט עס, אַנטלאָפען מיט׳ן גוטען ווילען?

און עפּעס מאָדנע האָט ער דערביי אַ מאַך געטהון מיט׳ן האַנד איבער׳ן שטערן, יאָ... נאָר דאָס מיידעל שווייגט אַלץ... רעדט ער ווייטער.

— האָסטו אַליין, הייסט עס, אַזוי געוואָלט, — זאָגט ער, — האָסט געוואוסט, אַז די מאַמע וועט שטאַרבען, פון דעסטוועגען, — זאָגט ער, ביזטו אַנטלאָפען? צום פריץ ענטלאָפען?

יאָ, — אַזוי האָט ער געפרעגט... און די ווערטער האָבען אַ פּנים דעם מיידעל געטראָפען גלייך אין הארצען אריין. זי האָט זיך איינגעבויגען אַ בויג געטהון, אַזוי אויסגעבויגען זיך, גלייך מ׳וואָלט איהר דערלאַנגט מיט אַ שטיין... דעם מויל האָט זי אויפגעעפענט — נאָר גאָר נישט געזאָגט.

דער יוד האָט געקוקט... און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון אויף די קניה... דעם פריץ צו די פיס איז ער געפאַלען.

— פריץ, — זאָגט ער — אויף פּויליש, נאָר איך האָב פערשטאַנען, — פריץ, גיב מיר אָב מיין טאָכטער. וואָס דאַרפסטו זי? זי איז דאָך דיר אַ פרעמדע, זאָגט ער, זי האָט דיך ניט ליב, מיך, זאָגט ער, איהר טאַטען, האָט זי ליב! אייגאיינציגע, זאָגט ער, איז זי ביי מיר...

און ער האַפּט אַלץ דעם פריץ׳ס הענט, ער וויל זיי קושען, נאָר דער פריץ לאָזט זיך ניט.

— מיין ווייב, — זאָגט ער, — איז זי. זי קאָן זיך צו דיר ניט אומקעהרען.

און ער האָט דאָס מיידעל מיט זיך גענומען און איז אַוועק. און מיט איהם איז דאָס מיידעל געגאַנגען...

דער יוד איז אליין געבליבען – אויף די קניה איז ער געבליבען שטעהן. קוקט, ווי זיין טאכטער מיט איהר מאן דעם פריץ געהען אוועק, און שטעהט... שטעהט ער און קוקט.. נאכדעם גיט ער זיך א כאפ:

– פייגעלע, – שרייט ער, – איהם האסטו ליב?

זי האט ניט געענטפערט. פרעגט ער ווייטער:

– ביזטו שוין זיין ווייב?

און זי – געהען אלץ ווייטער.

– האסט זיך שוין געשמד'ט? – פרעגט ער ווייטער.

פייגעלע איז שוין דעמאלט געווען נעבען די קוסטעס. און דעמאלט האט זיך דער יוד פונאנדערגעלאכט... יא, הויך פונאנדערגעלאכט זיך...

– פייגעלע, זאגט ער, איז א משומדת'טע, פייגעלע א פריצ'טע!

און דעמאלט האט זי אומגעקעהרט איהר פנים צום אלטען און אויך אנגעהייבען לאכען...

IX.

עס האט אויסגעוויזען, אז דער אלטער קברות-מאן האט אויך איצט געפיהלט די אימה אזוי שארף ווי מיט זיבעציג יאהר צוריק, ווען ער איז נאך א קליין יונגעל א דערשראקענער געזעסען הינטער א קוסט און געהערט, ווי פאטער מיט טאכטער לאכען, און הענד און פיס האבען איהם געציטערט. ער האט געשוויגען.

אין דרויסען האט זיך דערווייל פון דאס ניי צושפילט די זאוועךוכע, און נאך שטארקער ווי פריהער, ס'האט זיך געדוכט, אז נאך א קורצער רוהה, האט זי געקראגען פרישע כוחות און האט געמורשט און געבראכען אלץ, וואס זי האט געפונען. דער אלטער איז געזעסען, צי ער האט צוגעהערט דעם שטורם פון ווינט, צי ער איז געווען פערטיעפט אין זיינע זכרונות, נאר ער האט געשוויגען.

איך האָב זיך מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָב איבערגעריסען זיין שווייגען.

– וואָס זשע איז געווען דער סוף? – האָב איך אַ פרעג געטון.

דער אַלטער האָט לאַנגזאַם אויפגעהייבען דעם קאָפּ און אַזוי ווי אָבגעשוואַכט געענטפערט:

– גאָר נישט. איך בין אַנטלאָפען, איך האָב מורא געהאַט. איך האָב דערצעהלט אין דער היים. איז מען געגאַנגען זעהן, איז שוין קיינער ניט געווען. דעם יודענס בגד נאָר האָט זיך געוואַלגערט אויפ׳ן גראָז...

– און מעהר האָט איהר זיי שוין קיינמאָל ניט געזעהן? – האָב איך ווייטער געפרעגט.

– אָה, איך האָב פערגעסען, – האָט זיך דער אַלטער ווי ערוואַכט, – איך האָב אָנגעהייבען דערצעהלען... יאָ, יאָ איך האָב זי געזעהן. איהר טאַטען האָב איך מעהר ניט געזעהן, אָבער זי האָב איך יאָ געזעהן.

ווינטער איז עס שוין געווען. אַזאַ נאַכט, ווי די. דער טאַטע, אונז צו לאַנגע יאָהר, האָט געדאַרפט דורכגעהן דעם בית־עלמין זעהן, האָט ער מיך מיט זיך גענומען. אַליין האָט איהם די מאַמע ניט געלאָזען, יאָ... אַ שרעקעדיגע איז די מאַמע געווען, אונז צו לאַנגע יאָהר.

זענען מיר ביידע געגאַנגען, פינסטער אַ מורא. און אַ מעטעליצע. דער שניי שמייסט אין פנים. די ביימער הודזשען. ערשט דער טאַטע מיינער האָט זיך אָבגעשטעלט. ער האָט עפּעס דערהערט. ער האָט זעהר גוט געהערט. אין דעם גרעסטען שטורמווינד האָט ער געקענט אונטערשיידען אַ מענשענס אַ קול פון אַ חיה׳ס און פון אַ ווינט. אַמאָליגע מענשען, פערשטעהסט זיך...

זאָגט מיר דער טאַטע: עמיצער וויינט, לאָמיר געהן זעהן, ווער איז דאָס.

געהען מיר אַהין, פון וואַנען דאָס געוויין הערט זיך. און עפּעס אויף אַ קבר אויפ׳ן נייעם בית־עלמין – ס׳הייסט דאַמאָלסט איז דאָס געווען דער נייער, יאָ, – דאָרט אויף אַ קבר שטעהען צוויי מענשען, אַ מאַנסביל און אַ נקבה.

אַ לאַמטערנע האָבען מיר געהאַט, האָב איך זיי גלייך דער

קענט. דאָס איז זי געווען, די משומדת'טע און ער, דער פּריץ. זי האָט עס געוויינט הויך, מיט טרערן.

איך האָב זיך דערשראָקען, און גענומען ציהען דעם טאַטען פאַר די פּאָלעס. ענטלויפען האָב איך געוואָלט. נור זי האָט אונז דערזעהן.

– אידר האָט דאָ אפשר בעגעגנט, זאָגט זי, מיין טאַטען?

דער טאַטע האָט איהר געזאָגט, אַז ער האָט קיינעם ניט בעגעגנט.

האָט זי ווייטער אָנגעהויבען, מיט אַזאַ קול, אַ מאָדנעם, אַזוי ווי אום לעבען נעהמט עס אידר:

– זאָגט מיין טאַטען, זאָגט זי, אַז איך קאָן ניט, בשום אופן, קאָן איך ניט אַוועק פון איהם. – ס'הייסט פון פּריץ; זי האָט אויף איהם געוויזען מיט דער האַנט – איך אָנהייב, זאָגט זי, גאָר איך אָנהייב וואָלט איך געקאָנט, ווארום דעמאָלט, זאָגט זי, האָב איך איהם ניט ליב געהאַט. מיט געוואַלד, זאָגט זי, האָט ער מיך צוגענומען, ער האָט מיך אַרויסגע'גנב'עט. ער האָט זיך פערליבט און אַוועקגע'גנב'עט. איך האָב איהם, זאָגט זי, ליב געקראָגען ערשט שפּעטער נאָכדעם...

און אַפילו מאָל האָט זי אַלץ אַזוי איבערגע'חזר'ט: ערשט נאָכדעם, נאָכדעם, נאָכדעם... אָבער די מאַמע, זאָגט זי, האָט ניט געוואָוסט, איז זי דעריבער געשטאָרבען.

און תכף האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט.

– אַז איהר וועט בעגעגנען דעם טאַטען, זאָגט זי, גיט איהם איבער, ער זאָל קומען צו אונז. ביי אונז, זאָגט זי, איז פרעהליך.

און לאַכט אַלץ.

– ביי אונז, זאָגט זי, איז מען זעהר פרעהליך. און דער טאַטע האָט ליב פרעהליכקייט. זי ווייס, – זאָגט זי, ער האָט ליב לאַכען, דער טאַטע קאָן לאַכען, ביי אונז וועט ער קאָנען לאַכען, זאָגט זי; ביי אונז איז גוט; אַפילו וועט ער לאַכען...

און אַזוי האָט זי אַלץ גערעדט. נאָכדעם האָט זי דער פּריץ אַוועקגעפיהרט. זי האָט ניט געוואָלט געהן, נאָר ער האָט זי אַוועקגעפיהרט. מיט גוטען האָט ער זי גענומען. יאָ...

פון דעמאָלט אָן האָב איך זי שוין מעהר ניט געזעהן. נאָר ווי זי וויינט און לאַכט האָב איך געהערט. אַפילו מאָל האָב איך געהערט..

ווי עס ווערט אַ בורע, און די בוימער הייבען אָן צו הודזשען,
אַזוי מישט זיך אַריין איהר געוויין אין טומעל.
פאַר אַ יאָהרען האָב איך נאָך געהערט... און איצט ווייטער...

X.

איך בין געזעסען. איך האָב ניט געוואָלט שלאָפען.

איך האָב זיך פאָרגעשטעלט די יונגע משומדת'טע אונטער דער לאַסט פון איהר גרויסען צער, אַ משוגע'נע אויפ'ן בית־עלמין, בענקט אין שטור־עמדיגע נעכט נאָך די מאַמען, רופט מיט אַ פערוואונדעטע נשמה דעם טאַטען, ער זאָל קאָנען לאַכען און פרעהען זיך מיט איהר. און דאָס הארץ האָט מיר גענאָגט און גענאָגט...

איך האָב ניט געקענט שלאָפען.

דער שטורם אין דרויסען האָט זיך פון מינוט צו מינוט געשטאַרקט. עס האָט זיך געדאַכט גאַנצע מחנות, גרויסע מחנות ווינטען פליהען אָן פון אַלע זייטען און שלאָגען זיך אָן איינע מיט די אַנדערע אין פעלד. די ווינטען וואָס פון איין זייט פערצוימען דעם וועג פאַר די ווינטען וואָס פון דער צווייטער זייט. און ווינטען טרעטען אַרוים אין אַ מלחמה אַקעגען ווינטען. אָבטרעטען פון דעם וועג קאָנען זיי ניט; וואָרום צוויי וועגען נאָר זענען פאַר זיי מעגליך: איינער – וועלכען זיי האָבען אויסגעקליבען, און דער צווייטער–דער וועג פון פערניכטונג. דעריבער איז זייער מלחמה – אַ בלוטיגע מלחמה, די וואונדען וואָס זיי מאַכען איינע די אַנדערע – טויטליכע וואונדען, זייער קרעכצען – וועה־געשרייען פון טויט־געפאַלענע... אזא בלוטיגע מלחמה, וואָס ווינטען האַלטען אַקעגען ווינטען – דאָס איז עס אַ שטורם.

איז דען מעגליך, אַז עס זאָל קיין שטורם ניט זיין, ווען ווינטען שלאָגען זיך אָן אין ווינטען?

איך בין געזעסען און געטראַכט.

דער אַלטער איז אויך געזעסען פערטראַכט. וואָס פאַר אַ מחשבות האָבען איהם ניט געלאָזען שלאָפען.

איך ווייס ניט. אַ שטרענגער און אַ סוד'יגער, האָט ער קיין

וואָרט ניט אַרויסגעלאָזען פון מויל. ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט ער איבערגעריסען די שטילקייט מיט אַ פּאָר קורצע ווערטער.

— אָך־אָך־אָך, אַלץ אויף דער וועלט בייט זיך, נור די שטורעמס בלייבען ווי געווען...

ער האָט עס געזאָגט און האָט זיך פון דאָס ניי פערזונקען אין שטילשווייגען.

און דער שטורם האָט גע'מעקיר'ט. דער בית־עלמין האָט גע־קרעכצט און געבראָכען זיך אונטער זיין דראַנג...

רבי מאיר'קע.

(זכרונות פון דער קינדהייט).

II.

ווי איהר נעהט אדורך דעם טויער פון בית־עלמין, אזוי נעהמט אייך תיכף ארום א געדיכטער שאטען פון ברייטע צווייגעדיגע קליאנעס און ליפעס, וועלכע לאזען ניט דורך קיין איינציגען שטראהל דורך זייער געדיכטעניש צו דער ערד. איהר געהט איבער'ן שמאלען ווענעלע צווישען די קוסטעס. אייערע אויגען זוכען קברים און מצבות, די אויערן שטרענגען זיך אן צו פערנעהמען קלאנג און זיפצען, דאס הארץ גרייט זיך אויף א טרויער־שטימונג, נאר די ערד אונטער אייערע פיס איז בעדעקט מיט פרישען גראז, פון די גרינס אין די געדיכטע צווייגען פון דער הויך שיט זיך אייך איבער'ן קאפ א טויזענד־שטימיגער כאהר פון פויגעלעך, א לעבעדיגער און א פרעהליכער, און ניט ווילענדיג דער־פיהלט אייער הארץ א פרייד. אייך דאכט זיך, אז איהר שפאצירט אין אן'אלטען ווילד־פערלאזענעם פארק, ערגיץ אין א מאיאראטנעם הויף פון אן'אלטער מיוחס'דיגער פריצישער משפחה; אייך דאכט זיך, אז אמאל האט דא צווישען די הויכע געזונטע שטאמען נעווים געראוישט א פרעהליך לעבען, און אייך אליין פערווילט זיך אויך לעבען, פרעה־ליך זיין. איהר פיהלט, אז איהר לעבט, און פרעהט זיך מיט אייער

לעבען. איהר פערגעסט, אַז דאָס יונגע גראָז אונטער אײערע פיס פערשטעלט מיט זײן בליהענדיגער פרישקײט אַלטע, אין דר'ערד פערזונקענע מצבות.

איהר געהט... נאָר אָט הױבען זיך אָן אינ'ם שאָטען אױפ'ן גראָז אױספלעכטען פערשידענע אװאָרען פון זונען=שטראַהלען, הונדערט=יעהריגע קליאָנעס און ליפּעס צאַמען אײך אַלץ זעלטענער איבער דעם װעג. װאָס װײטער — אַלץ מעהר נידריגע פלױמען=און קאַרשען=בױמער, אַלץ עפטער איבער=דער=ערד=קריכענדיגע קוסטעס. װאָס װײטער, אַלץ שיטערער, אַלץ װעניגער שאָטען, אַלץ מעהר זון.

אָט זענט איהר אַרױס פון שאָטען אונטער אַ גרופּע באַרען=בױמער, — און אַ דורכאױסיגער ים פון זונענשײן גיסט אײך אָב מיט הײסע שטראַהלען פון אַלע זײטען. עס עפענט זיך פאַר אײך אַ פעלד, אַזױ ברײט און לאַנג, אױף װיפיעל דאָס אױג קאָן פערנעהמען, און דורכאױס אײנגעדעקט אין בערגלעך און בערגעלעך, אין מצבות פון אַלערלײ קאָלירען און פון יעדער מאָס. זעלטען װאו העבט זיך איבער ס'גראָז אַ דאַרער דאָרנ=קוסט מיט ניט=צײטיגע שױפּסיגעס. זעלטען=װאו בלישטשעט איבער די מצבות אַ װײס=אױסגעקאַלכט מױער'ל אָהן טהיר און פענסטער. דער פױגעל=געזאַנג קלינגט דאָ, װי פון הימעל, צי פון אונטער דער ערד, טױב און אײנגעהאַלטען: דאָס גראָז טוליעט זיך פערמאַטערט און אָבגעחלש'ט צו די מצבות. די קברים שטעהען אָהן בעװעגונג, פערזונקען אין אַ טיעפער שטומער רוה...

אַקעגען אײך — אַ שטיל=פער'חלש'טע רוה אױף דער זון, הינטער אײך — אַ פרעהליך רױשענדעס לעבען אין שאָטען, — דאָס שטעהט איהר אױף דער גרעניץ פון אַלטען און נײעם בית=עלמין. מאַכט פון דאַנען אַ טריט צעהן=פופצעהן רעכטס, װעט איהר קומען צו אַ מױער'ל נעבען אַן'אײנזאַמען נידריגען באַרען=בױם. דאָס דאָזיגע מױערל איז ניט ענליך צו אַלע איבעריגע, װאָס שטעהען דאָ צװישען די קברים. עס איז גרױס, הױך, ברײט, אין אַ ברײטע טהיר האָט עס פון צפון=זײט, און אַ פענסטער'ל מיט אײזערנע גראַטעס פון מערב=זײט. געהט איהר דורך די טהיר אינװײניג אַרײן, אַזױ זעהט איהר אַ גרױסען שטח, װאו עס קאָנען פרײ אָרט האָבען אַ פינף מנינים; פיער װענד הױלע, שאַרע, מיט לאַנגע פשוט'ע, ניט=בעפאַרבטע בײנק אַרום און אַרום; אַ נידעריגע סטעליע אױבען, און אַ בערגעלע זאַמד אונטען אױף דער ערד אױפ'ן רעכטען מיטען. אױפ'ן זאַמד — אַ שורה פושקעס פון פערשידענע

צדקות; אינ׳ם זאַמד — אַ סך צעטעלעך פּערגראָבען, פון װעלכע עס שטעקען װײסינקע שפּיצעלעך אַרױס אין דער הײך; אַרום זאַמד־קופּעס צעבראָכענע הילצערנע שװערדען פול און פיעל אין אַלע װינקעלעך.

שטיל איז אין מױער׳ל, האַלב־פינסטער. אַ לופטיג װינטעל נעהמט אײך אַרום מיט אַ קאַלטען ציטער. איהר בעטראַכט זיך אַרום — קײן זאַך דערמאָהנט אײך דאָ ניט פון פוץ און תענוג עולם הזה. אַלץ שאַר, שטום, אַלץ שטיל, פערזונקען אין זיך. אײך דוכט זיך, אַז דער װינקעל איז אױסגעצאַמט פון דער גאַנצער װעלט, אַז דאָס שטילע לעבען, װאָס רוהט דאָ, האָט קײן פערבאַנד ניט מיט יענעם, פון װעלכען איהר זײט געקומען. איהר װײסט ניט, פון װאַנען געהט אָט דאָס שטילע לעבען, װאָס רוהט דאָ, צי פונ׳ם בערגעל זאַמד, צי פון די שאָטענס אין די װינקלעך. נאָר איהר פיהלט, אַז דאָס שטילע לעבען רוהט דאָ, און האָט מורא צו שטערען זײן רוה. שטיל געהט איהר — אַרײן־שטיל, מיט עהרפורכט בעטראַכט איהר אַלץ, און שטיל, שטיל געהט איהר צוריק אַרױס.

און אַזױ, װי איהר, אַזױ האָט קײנער קײן שליטה ניט אױף דאָס דאָזיגע אָבגעזונדערטע לעבען. אַלײן פאַר זיך, אין זײנע אײנענע גרע־ניצען, נאָך זײנע אײגענע כללים דױערט עס דאָ. אײן מאָל אין יאָהר ט״ו כסלו, קומט חברא־קדישא, זעצט זיך אױף די אַלטע בײנק, זאָגט אָב סליחות און געהט אַװעק; אײן מאָל אין יאָהר תשעה־באב, קומען קינדער, שטעלען זיך איבער׳ן בערגעל זאַמד, צעברעכען זײער הילצערן געװעהר און געהען אַװעק. אפשר נאָך אײן מאָל אין יאָהר, אין אַ צרה, װען אױף אײגענע זכות־אבות קאָן מען שױן ניט האָפען, קומט עמיצער מיט אַ בקשה אױף אַ צעטעלע, פערגראָבט דאָס פּאַפּיר׳ל אין זאַמד און געהט אַװעק. שטיל קומען זײ, שטיל געהען זײ אָב. און אַרױס־געהענדיג, פיהלען זײ אַלע, אַז אָט ערשט זענען זײ געװען אױף אַנ׳־אַנדער װעלט, אין אַנ׳אַנדער לעבען; אײנע טראַכטען: אין אַ לעבען, װאָס איז אַמאָל געװען, אַנדערע טראַכטען: אין אַ לעבען, װאָס איז נאָך איצט אױף פאַרהאַן, — נאָר אַלע גלײך זענען מודה און פיהלען, אַז דאָס לעבען, אין װעלכען זײ זענען ערשט געװען, איז הײליג, ניט פערשטענדליך, בעהאַלטען און שרעקט.

װילט איהר איבערלײענען דעם שטײנערנעם טאָװעל, װאָס איז אײנגעמױערט פון דרױסען אין װאַנד אונטער׳ן פענסטער, כדי צו דער־װיסען זיך, װער איז עס דער צדיק, צו װעלכען אַלע קומען מיט

תפלות, גרויסע — מיט צעבראָכענע הערצער פון דער־היים, קינדער — מיט געוועהר, וועלכען זיי צעברעכען דאָ, — איז אומזיסט אייער טרחה, דער שטיין איז אָבגעריבען פון יאָהרען, ס׳איז אויף איהם קיין אות ניט פערבליבען.

אויב איהר ווילט וויסען, ווער איז געווען דער צדיק, געהט צוריק אין שטעדטיל און פרעגט. אמאָל, ווען איך בין נאָך געווען א קליין־יונגעל, וואָלט אייך אפילו יעדער אלף־בית׳ניק גלייך דער־צעהלט:

— אמאָל איז געווען א רב אין שטאָדט. א גרויסער צדיק, רבי מאיר׳קע האָט ער געהייסען...

אזוי, אמאָל האָט רבי מאיר׳קע געלעבט, דאָס איז געוויס. אז עס איז פאַרהאַן א קבר, איז א סימן, אז אמאָל איז א מענש געווען אויף דער ערד. נאָר ווי האָט ער געלעבט, ווי לאַנג האָט ער געלעבט און וואָס האָט ער אויפגע־טון פאַר זיין לעבען ביז ער איז געשטאָרבען, דאָס האָבען מיר קינדער ניט געוואוסט. ווען מיר פלעגען זיך צונויפקלייבען שמועסען וועגען אלטע אמאָליגע צייטען, פלעגט זיך דער צדיק פאָרשטעלען אין אונזער פאַנטאַזיע אין דער געשטאַלט פון אונזער רב, פאַר וועלכען מיר פלעגען זיך אײלען אויפשטעהן, אז מיר פלעגען איהם דערזעהן פון ווייטען, און וועלכען מיר פלעגען אלע שבת נאָכ׳ן דאַוונען לויפען גוט־שבת זאָגען: א הויכער שענער יוד, מיט א לאַנגער ווייסער באָרד, מיט שען־אויסגעקרייזעלטע פאות אויף די שלייפען, אין א לאַנגען אטלעסענעם בגד, אויפ׳ן גאַס — אין א האָריגען שטריימעל, אין שטוב און אין שוהל — אין א סאַמעטענער יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ; בייטאָג פסק׳נט ער שאלות, הערט אוים דין־תורות, און ביי־נאַכט, ווען אלע שלאָפען...

אונזער רב איז קיין צדיק ניט געווען, ר׳ מאיר׳קע אָבער איז דאָך געווען א צדיק, וואָס־זשע טוט א צדיק, ווען אלע שלאָפען? און פון די מעשיות, וואָס מיר האָבען געוואוסט וועגען למד־וו׳ניקעס, האָבען מיר געשעפט מאַטעריאַל, אין וועלכע אונזער פאַנטאַזיע האָט געפוצט ר׳ מאיר׳קען: ביי־נאַכט, ווען אלע שלאָפען, לערנט ער תורה. מלאכים נידערן אראָב

פון הימעל צו איהם אין צימער און הערען תורה פון זיין מויל. נאָר מלאכים קומען אַ סך, פאַר אַלעמען קלעקט אינווייניג קיין אָרט ניט, בלייבען אפולע פון דרויסען; זיי בעלאַגערן דאָס דאַך, פאַלען צו צו די ווענד און שלינגען מיט ציטערניש יעדען אָבקלאַנג פון צדיק'ס מויל. אַזוי בלייבט די שטוב איינגעדעקט פון אַלע זייטען מיט פייערדיגע מלאכים, ווי אַ גרויסער פייערדיגער באַרג, אַ גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאָג, ווען מענשען, הייבען אָן אויפשטעהן צו דער אַרבייט, און מלאכים – קעהרען זיך צוריק אין הימעל, שירה זאָגען פאַר גאָט. דער צדיק לעגט זיך דעמאָלט שלאָפען און נאָך אַ קורצער רוה, אַז ער שטעהט אויף צום דאַוונען, דערצעהלט ער קיינעם ניט, און קיינער ווייסט ניט, און קיינער טראַכט ניט, ווי האָט ער פערבראַכט די נאַכט.

נאָר מיר האָבען געוואוסט, אַז מיר פאַנטאַזירען. שמועסענדיג אַזוי וועגען ר' מאיר'קען, פלעגען מיר איינע די אַנדערע אָנקוקען מיט ניט־זיכערע בליקען: אפשר איז עס געווען ניט אַזוי, ווי מיר שטעלען זיך פאָר? מיר פלעגען פרעגען ביי עלטערע, און זיי האָבען אונז אויך גאָרנישט געקאָנט זאָגען. אין אַלטע פנקסים איז ר' מאיר'קעס לעבען ניט געווען בעשריבען, אַלטע זיידעס און באָבעס האָבען פון זייערע זיידעס און באָבעס וועגען ר' מאיר'קעס לעבען גאָרנישט געהערט. די געשיכטע פון זיין טויט האָט מיט איהר גלאַנץ פערדונקעלט און ענדליך אינגאַנצען אַרויסגעשטויסען פון זכרון ביי די שפּעטערדיגע דורות די געשיכטע פון זיין לעבען.

מיר האָבען אַפילו ניט געוואוסט, אין וואָסער צייט דער צדיק האָט געלעבט. מען האָט אונז נור געזאָגט: פאַרצייטען, מיט וויפיעל הונדערט יאָהר צוריק, ווען די גאַנצע וועלט איז געווען אַנ'אַנדערע, אונזער שטעדטיל האָט אַנ'אַנדער מראה און דאָס לעבען אין איהם אַנ'אַנדער פנים געהאַט: דער בית־מדרש איז שטענדיג פול געפּאַקט געווען מיט לומדים; אַקעגען שוהל, איבער'ן שוהל־הויף, וואו דער אונטערוואַל איז איצט, איז נאָך קיין שורה חרוב'דיגע יודישע הייזלעך ניט געווען, – אַ שלאָס איז דאָ געשטאַנען.

דער שלאָס – זיין געשיכטע, דאָס איז די געשיכטע פון ר' מאיר'קעס טויט, דעריבער האָבען מיר וועגען איהם אַזוי פיעל און גענוי געוואוסט. אויפ'ן ברעג טייכעל, וואָס רינט הינטער די אונטערוואַליגע הייזלעך, איז ער געשטאַנען אַרומגערינגעלט מיט פעסטע ווענד, מיט

שטאַרקע אייזערנע טויערן, בעוואָפּנט פון אַלע זייטען מיט שרעקליכע כלי־זין. אין איין ווינקעל פון שלאָס, גלייך אַקעגען שוהל, איז הינטער די פעסטע ווענד געשטאַנען אַ הויכער טורם מיט גרויסע קופּערנע גלעקער, מיט אַ גאָלדענעם שפּיץ. ווען עמיצער פלעגט זיך דערנעהנטערן צו דער שטאָדט פון מזרח, צי פון מערב, פון צפון צי פון דרום, פלעגט ער שוין פאַר וויפיעל מייל וויט, ווען פון אַלע איבעריגע בנינים האָט זיך נאָך קיין סימן ניט געזעהן, מוזען בעמערקען דעם גאָלדענעם שפּיץ פונ'ם טורם, ווי ער בלישטשעט אין די וואָלקענס; איז עס געווען אַ יוד, פלעגט ער אומעטיג אַראָבלאָזען די אויגען צו דער ערד און שטיל זאָגען אַ תפלה, אויב אַ גוי, פלעגט ער מיט שרעק אָנהויבען צלמ'ען זיך. ווארום אין דער גאַנצער געגענד איז ניט געווען קיין בנין שטאַרקער פאַר דעם שלאָס און העכער פאַר זיין טורם, און אַלע איינוואוינער פון דער געגענד האָבען צו די הערשער פון שלאָס געדיענט, ווי קנעכט, און געצאָהלט שווערע צינזען.

געדיענט ווי קנעכט און צינזען געצאָהלט נאָך מעהר פאַר אַלע איבעריגע איינוואוינער פון דער געגענד האָבען אין שלאָס אויך די יודען פון אונזער שטאָדט. נאָר די הערשער פלעגען זיי דאָך דריקען אָהן רחמנות. עס פלעגט זיך טרעפען: אין מיטען יום־כפור פלעגען די הערשער פון שלאָס בעפאַלען די שוהלען מיט זלזולים און נבול־פה פון שכורים, מיט פערשייטען געלעכטער פון לייכטזיניגע פרויען, און מבלבל זיין די רעיונות ביי די מתפללים. אמאָל פלעגען די רשעים אום שבת, ווען יודען געהען פון שוהל, אַריינרייסען זיך רייטענדיג אין עולם, אַרויסחאַפּען דעם שענסטען יודען, אַרויפציהען אויפ'ן פערד און אַוועקרייטען מיט איהם אין פעלד אַריין חייט, וויט הינטער'ן שטאָדט. זיי פלעגען יודישע טעכטער שלעפּען אין די פינסטערע וועלדער, אין די געדיכטע קאָרן אויף די פעלדער, אָדער אין געהיימע קאַמערן אין שלאָס גופא, פערשפּאַרען זיי דאָרט און פּייניגען...

און נאָך אַ סך אַנדערע ענויים פלעגען זיי אָנטון די יודען, און צדיקים האָבען געשוויגען, צי זיי האָבען דעם רבונו של עולם ניט געוואָלט מטריח זיין, כל זמן עס איז נאָך געווען כח צו ליידען דעם גלות, צי דער שטן איז זעהר תקיף געווען, און מען האָט מן השמים ניט געלאָזען; נאָר קיינער האָט נאָרנישט געטון, אַלע האָבען געשוויגען, און ר' מאיר'קע האָט אויך אַ גאַנץ לעבען געשוויגען, ביז די מאָס פון די ליידען איז פערפולט געוואָרען.

און די מאָס איז פלוצלינג איבער די ברעגען פול געוואָרען. די אײנוואוינער פון שלאָס האָבען אַזאַ רשעות אויסגעטראַכט, וואָס איז נאָך קײנמאָל קײן צורר אויפ'ן זין ניט געקומען. דער שטן אַלײן האָט זיך בעזעצט אין שלאָס אין געשטאַלט פון אַ גרויסען שר און האָט די רשעים אָנגעלערנט, וואָס זײ זאָלען טון.

און אָט וואָס דעם שטנ'ס עצה איז געווען: דער וועג פון שטאָדט צום בית־עלמין איז געגאַנגען פאַרבײ שלאָס, האָבען די רשעים געהײסען קלינגען אין די גרויסע גלעקער, וואָס זענען געהאַנגען אין דעם הויכען טורם, יעדעס מאָל, וואָס אַ לויה פלעגט גײן פאַרבײ. יודישע נשמות פלעגען אַרויף אויפ'ן הימעל, געשטעמפּעלטע מיט דעם קלאַנג פון די גלעקער. דער שר הממונה אויף יודען פלעגט די חתימה דערזעהן און אָבשטויסען די יודישע נשמות: געהט, איהר זײט ניט קײן יודען. פלעגען די נשמות קומען צום שר הממונה איבער די אומות העולם. דער פלעגט דערזעהן די חתימה פון ודוי און על חטא, וואָס זײ האָבען געזאָגט פאַר'ן טויט, און פלעגט זײ אויך אָבשטויסען פון זיך: געהט, איהר זײט מזרעו של אברהם אבינו.

אַזוי פלעגען יודישע נשמות אַרומבלאָנדזשען פון אײן שר צום צווײטען, ערגיץ קײן מנוחה ניט געפינען און ענדליך אַראָב אויף דר'ערד, קלײבען זיך אין די פּאָלעש פון שוהל, שרעקען מענשען אין די גאַסען, רײסען פון שלאָף קרובים און פרומע יודען, װײנען און בעטען זיך מען זאָל זײ געבען תיקון.

אויף דער שטאָדט איז אָנגעפאַלען אַן'אימה. טאָמער ווערט עמיצער קראַנק, האָט מען ניט אַזוי מורא פאַר דעם מלאך־המות, ווי פאַר דעם עולם התוהו.

מײן עלטער־באָבע, אַז זי פלעגט די מעשה דערצעהלען, פלעגט אַזוי זאָגען:

— די גזרה איז געווען די ערגסטע גזרה, און ניט פאַר טויטע אַלײן, נאָר פאַר לעבעדיגע אויך. די מתים האָבען ניט געקאָנט אַרויף אויפ'ן הימעל און זײן גוטע בעטער פאַר די, וואָס אויף דער ערד. ווי־זשע קאָנען מיר, לעבעדיגע, אַ קאָפּ הויבען אויף דער וועלט, אַז אונזערע פערשטאָרבענע קרובים קומען אונז ניט צו־הילף פון יענער וועלט?

און דעמאָלט האָט שוין ר' מאיר'קע ניט געקאָנט פערשווײגען. ער האָט געשיקט די שמשים אויסרופען אין אַלע שוהלען, אַלע זאָלען דרײ טעג נאָכאַנאַנד פאַסטען, זאָגען סליחות און לײענען ויחל. אַלײן

האָט ער די גאַנצע דריי מעת־לעת פערבראַכט בײַ זיך אין צימער, האָט קיינעם ניט צוגעלאָזען צו זיך, אפילו ווייב און קינדער ניט. וואָס האָט ער דאָרט געטון — דאָס ווייסט קיינער ניט. נאָר אויפ'ן פיערטען טאָג איז ער אַרויס אָנגעטון אין שבת'דיגען און איז אַוועק אין שלאָס.

צוליעב וואָס האָט ער געדאַרפט גיין אין שלאָס? ער האָט דען ניט געוואוסט ברוח הקודש, אַז די רשעים וועלען איהם ניט הערען.

נאָר דער צדיק האָט דעם שטן ניט געוואָלט געבען קיין פתחון פה, ער זאָל ניט האָבען קיין טענות, כלומר'שט, מען האָט זיי ניט מזהיר געווען.

און ר' מאיר'קע איז נעגאַנגען צו זיי. חשובי העיר האָבען איהם בעגלייט און אָבגעשטעלט זיך וואַרטען נעבען די אייזערנע טויערן, האָפענדיג, אַז אָט ברייננט ער זיי אַרויס די ישועה. נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אַרויס און האָט זיי אָבגעשיקט אַ היים:

— געהט, יודען, בעט נאָך, טוט תפלה, מיר דאַרפען אַ סך, אַ סך רחמים...

איין מנין נאָר פון די עלטסטע זקנים האָט ער מיט זיך געלאָזען, האָט זיי גענומען צו זיך, האָט זיך מיט זיי פערשפאַרט און האָט זיי אַזוי געזאָגט:

— רבותי, מיר ווייסען דאָך, אַז נאָך איז אַ גרויסער, זיינע ווענען זענען פון אונז פערהוילען. מסתמא זענען מיר ווערטה, אַז ער שטראָפט אונז. מיר טאָרען זיך אויף זיינע מעשים ניט מהרהר זיין, חס ושלום. און הויות, חי אלע זענען מיר אין זיין האַנד, און יעדע רגע קאָן ער אונז רופען צום דין־וחשבון, על כן פערלאַנג איך פון אייך, אַז בשעת השם יתברך וועט מיך וועלען צו־נעהמען פון אייך, זאָלט איהר מיר אויף דער מיטה אוועקשטעלען אַ קריגעל ריינע וואַסער, און אַוועק־לעגען דערבײַ אַ תהלים, אַנ'אָפענעם אויף דעם אָרט, וואו ער וועט זיך עפענען. נאָר איהר זאָלט, חס ושלום, ניט אַריינקוקען אין תהלים, בשעת איהר וועט איהם עפענען, כדי עס זאָל קיין תקלה ניט אַרויס־קומען. בשעת מיין לויה וועט געהן פאַרבײַ שלאָס, זאָלט איהר אַראָבּ־שטעלען די מיטה אויף דער ערד. פאַר בזיון המת זאָל אייך ניט אַרען, איך בין אייך פאַרויס מוחל, און שטעהן זאָלט איהר, ביז וואַנען איהר וועט שוין אַליין פערשטעהן.

דערנאָך האָט ער בײַ זיי גענומען אַ תקיעת־כף, אַז זיי וועלען פינקטליך ערפילען אַלץ, ווי ער האָט געזאָגט. האָט זיך מיט זיי צוזעגענט

און אָבגעשיקט אַ היים. ווען זיי זענען אַוועק, האָט ער זיך טובל געווען, איבערגעטון זיך אין ריינע וועש, האָט גערופען ווייב און קינדער, האָט זיי געלאָזט צוואה, געבענשט, צוזעגענט זיך און געהייסען אַוועק. אָבענדי־גענדיג מיט אַלץ און מיט אַלעמען, האָט ער זיך אויסגעצויגען אויף זיין בעט און איז נפטר געוואָרען.

און אויף מאָרגען איז געווען די לויה. די גאַנצע שטאָדט, קליין און גרויס, זענען אַוועק נאָך דער מיטה אָבטון מיט זייער רב דעם חסד של אמת. דער גאַנצער פלאַץ פון שוהל ביז'ן שלאָס איז געווען פער־לענערט מיט עולם. אויף די בעוואָפענטע ווענד פון שלאָס האָבען זיך די רשעים אויך צונויפגעקליבען, גרייט מקבל פנים זיין די לויה מיט'ן קלאַנג פון זייערע גלעקער — זיי האָבען דעם צדיק אויך ניט געשוינט. מסתמא האָט שוין דער שטן נענוג מיט זיי געאַרבייט...

און ווען די מיטה האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דעם טורם, האָבען די גלעקער תכף אָנגעהויבען שטורמען און דעמאָלט איז עס געשעהן...

די זקנים, וואָס האָבען געטראָגען די מיטה, האָבען זייער משא אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד... אַרומגערינגעלט פון דער עֵדה, דער הייליגער בר־מינן האָט זיך אויפגעהעבען אויף דער מיטה, האָט אָבגע־גאָסען נעגעל־וואַסער און אָבגעזאָגט אַ פּאָר פסוקים אינ'ם אָפענעם תהלים.

און אין דערזעלבער רגע האָבען די ווענד פון שלאָס, מיט'ן טורם, מיט די בענולטע שפּיצען אָנגעהויבען אַראָבלאָזען זיך, צוזאַמען מיט די איינוואוינער. וואָס אינוויינינ, אַלץ נידעריגער, נידעריגער, ביז זיי זענען אינגאַנצען פערשלונגען געוואָרען אין דער ערד.

דעמאָלט האָט זיך ר' מאיר'קע נעלעגט און איז צוריק געשטאָרבען. די לויה איז אַוועק איהר וועג, נאָר אַ שטאַרקער ווינט האָט זיך אויפ־געהעבען, דריי מעת־לעת האָט ער געשטורמט און אָנגעטון גרויסע היזקות אין שטאָט און אין דער סביבה.

און ווען דער שטורם האָט זיך איינגערוהיגט, איז דער אָרט, וואו דער שלאָס איז געשטאַנען, געבליבען גלאַט און לעער, גלייך דאָרט איז קיינמאָל נאָרנישט געשטאַנען.

אַזוי איז רבי מאיר'קע נפטר געוואָרען. נאָר פערבליבען איז זיין אָנדענקען צווישען די לעבעדיגע.

בשעת די גרויסע מלחמה איז געווען אין לאַנד, האָט מען דאָ אָנגעשאָטען הויכע און נידריגע בערגלעך, וועלכע זענען מיט דער צייט פערוואַקסען געוואָרען מיט גראָז.

אָט דער גרינער בערגיגער פּלאַץ אויפ'ן ברעג טייכעל, וועלכער טיילט זיך אָב מיט אַ שורה גרויע נידעריגע יודישע חורבות פון שוהל-הויף — דאָס איז דער אונטערוואַל אין עק בית-עלמין-גאַס אין אונזער שטעדטיל. אין איינער פון די נידעריגע חורבות איז געווען אונזער חדר. און ווען דער רבי פלעגט אונז פריי לאָזען פון טיש, פלעגען מיר דאָ שפּיעלען אויף די גרינע בערגלעך ביים ברעג טייכעל.

מיר פלעגען אַרומלויפען באָרוועסע איבער'ן גראָז, שפּרינגען באַרג-אַרויף און קייקלען זיך באַרג-אַראָב, פּליושקען זיך אין קלאָרען וואַסער פון טייכעל, פרעהליך, לייכט און מיט רעש פלעגען מיר דאָ אַרומטראָגען אונזער יונגע לעבענס-פרייד פון בערגיל צו בערגיל, פון טאָלכעל צו טאָלכעל, פון דער טריקעניש אויפ'ן ברעג צו די וואַסערן אין טייך, וועלכער פלעגט אונז פאַר אונזער פריי געמיטה שענקען אַ שענע מתנה: אַ צווייטען בלויען הימעל מיט אַ צווייטער שיינענדיגער זון אויף זיין גרונד.

און אַקוראַט, ווי די טיפעניש אונטער'ן וואַסער פלעגט אונז געבען אַ צווייטע זון, ווי אין הימעל, אַזוי פלעגט אונז די טיפעניש אונטער די בערגלעך געבען אַ צווייטעס לעבען, ווי אויף דער ערד, און נאָך שענער...

אין די זומערדיגע פאַרנאַכטען פלעגט זיך אַמאָל די זון צופלאַ-קערן אַקעגען די אונטערוואַליגע בערגלעך, ווי אַ גליהענדער קול פייער, און בעפאַרבען אין ראָז-רויטע קאָלירען דעם הימעל און די ערד און די גאַנצע וועלט. ווייט אין דער הויך פלעגען וואָלקענדיגע וואונדער-בעשעפענישען מיט משונה-גרויסע איברים לאַנגזאַם אַרומשווימען, בייטענדיג זייער מראה פון מענשען מיט פייערדיגע שווערדען אויף מלאכים מיט פלאַמענדיגע פליגלען. אין פעלד אויף יענער זייט טייכעל פלעגען זיך די זאַנגען שאָקלען און שטיל שושקען, דאָס טייכעל פלעגט אויך שטיל וועך-ניט-וועך עפּעס אויספּליושקען אַזוינס, וואָס פלעגט אויסמיידען דעם מוח און ריידען גלייך צום האַרצען. מיר קינדער פלעגען עפּיס מורא האָבען און גוט פלעגט אונז זיין; אַוועק פון אונטערוואַל פלעגען מיר

ניט קאָנען און שפּילען פּלעגט זיך ניט װעלען. אַליין פון זיך פּלעגען פון זכּרון אַרױסשװימען װאונדערליכע מעשׂיות, װעלכע מיר האָבּען געהערט פון אַלטע זיידעס און באָבּעס, פון רבּיים און חבֿרים. מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען פּלעגען מיר די מעשׂיות דערצעהלען, בּענקען נאָך די װאונדער, װאָס אין זיי, און אָפט, טאַקע דאָ אויפ׳ן גראָז גופא שטילען די דאָזיגע בּענקשאַפט אונזערע. מיר פּלעגען צו־לעגען די אויערן צו די בּערגלעך און צו־הערען זיך.

– דו הערסט? – פּלעגען מיר פרעגען איינע די אַנדערע.

– און דו?

– אודאי...

– איינס, צװיי, דריי... פּלעגען מיר נעהמען צעהלען פאַר אַ בּעװייז, אַז מיר הערען.

און מיר האָבּען טאַקע געהערט. דייטליך שאַרף פּלעגט צו אונזערע אויערן דערגעהן אַ קלאַנג פון די גרויסע גלעקער, – איך װייס ניט, צי פון אונטער דער ערד, צי פון אייגענעם האַרצען, – נאָר מיר האָבּען געהערט, און דער קלאַנג פּלעגט אַריין אין אונזערע נשמות און מאַכען זיי פול און גרויס און בּרייט, אַזוי בּרייט אַז זיי פּלעגען זיך פונאַנדערװיקלען אָהן אַ גרעניץ און צונױפגיסען זיך מיט אַמאָליגע דורות. און די אַלטע אונטערװאַליגע מעשׂה פּלעגט פאַר אונז װערען אַ װירקליכקייט אויף די גרינע בּערגלעך, אויפ׳ן בּרעג טייכעל...

נעקלונגען אונטער דער ערד האָבּען עס די זעלבּע גלעקער, װאָס זענען דאָ אַיינגעזונקען געװאָרען, װען דאָס גרויסע װאונדער מיט ר׳ מאיר׳קען איז געשעהן. די רשעים פון שלאָס האָבּען זינט דעמאָלט קיין רוה נאָך ניט בּעקומען. דער קאָפּ רייסט זיי, די אויערן פּלאַצען זיי פון רעש און אויפהערען קלינגען קאָנען זיי ניט. אין אַ שטילען װעטער, װען קיין צװייגעל ריהרט זיך ניט אויף די בּוימער, און קיין גרעזעלע אויף דער ערד, האָבּען מיר געװאוסט, אַז מען לעגט צו דעם אויער צו דער ערד, הערט מען דעם קלאַנג פון דער טיעפעניש.

און מיר האָבּען עס געהערט.

נאָר אַ סך יאָהרען זענען אַריבּער זינט מיר האָבּען זיך קליינע חדר־יונגלעך געשפּיעלט אויף די גרינע בּערגלעך אונטערװאַל. פאַר די צייט האָט זיך

דער אונטערוואַל ווייטער איבערגעביטען. ער איז גאָר נעלם געוואָרען: ניטאָ די גרינע בערגלעך, וואָס מען האָט אָנגעשאָטען בשעת די גרויסע מלחמה איז געווען, דאָס טייכעל איז אויך ניטאָ – זיי האָט אויך עמיצער איינגעשלונגען: די אײַנוואוינער פון די גרויע הײַזלעך, וואָס דערבײַ, האָבען די בערגלעך אָבגעגראָבען, די ערד פערגלייכט און אָנגעבויט שטאַהלען פאַר פערד און פאַר בהמות. דאָס טייכעל האָבען זיי פערשאָטען און פערזייהט גערטנער. אויף דעם אָרט, וואו בלומען האָבען אמאָל געבליהט, ליעגט איצט אַ דיקע דעקע פון מיסט; אויף דעם אָרט, וואו פרעהליכע וואַסערלעך האָבען געפלייצט, שטעהען איצט קורצע, מיאוס'ע און ניט־פריינדליכע קעפּלעך קרויט. קינדער שפּיעלען זיך דאָ ניט. ניטאָ וועמען צו פרעגען, צי הערט זיך נאָך איצט אויך דער קלאַנג פון די קופּערנע גלעקער אונטער דער ערד. איך ווייס ניט, צי ווייסט דאָ עמיצער איצט די אַמאָליגע מעשה פון אונטערוואַל וועגען ר' מאיר'קען.

אַלץ האָט זיך דאָ אַזוי איבערגעביטען. ניטאָ דער אַמאָליגער אונטערוואַל, ניטאָ די אַמאָליגע חברים; איך אַליין בין אויך ניט דער־זעלבער וואָס אַמאָל. איך האָב נייע רביים בעקומען, נייע חדרים, נייע חברים.

נוטע, ליעבע, טייערע זענען מיינע נייע חברים.

נאָר איך קאָן ניט פערגעסען: אַמאָל איז געווען אַנ'אונטערוואַל מיט בליהענדיגע בערגלעך, מיט אַ קלאָרען טייכעל דערבײַ; דער גייסט פון אַ הייליגען ר' מאיר'קען האָט איבער די בערגלעך און איבער'ן טייכעל געשוועבט; וואונדער האָבען זיך געזעהן אויפ'ן וואָהר...

איך קאָן ניט פערגעסען: ר' מאיר'קע האָט געקאָנט שטאַרבען און לעבעדיג ווערען, כדי ווייטער צו שטאַרבען פאַר זיינע ברידער.

א קליינע מצוה׳לע.

III.

שטענדיג פלעגט זיך זרח שטיקען אין זיין ווינקעלע מיט זיין משניות ווייט פון דער גאַנצער וועלט, גלייך ווי ער וואָלט זיך שעמען אָדער מורא האָבען פאַר מענשען; איין מאָל אין יאָהר נאָר פלעגט ער אַרויסטרעטען פון זיין בעהעלטעניש און ווייזען זיך פאַר מענשען. דאָס איז געווען הושענא רבה ביי דער נאַכט, ווען ער פלעגט אויפ׳ן אייגענעם רעכנונג טיילען דעם עולם עפּעל און אָנפיהרען מיט׳ן תהלים זאָגען. הושענא רבה-ביי-דער-נאַכטיגע עפּעל איז שוין געווען זרח׳ס הזקה, וואָרום, ער איז געווען אַנ׳עקר, און האָט עס געהאַלטען פאַר אַ סגולה.

זיין יוכבד׳ן האָט ער געגעבען צו פערשטעהן דעם ענין פון די עפּעל אַזוי: נאָכ׳ן יום הדין, ווי עס הויבען זיך אָן אין דער לופט צו טראָגען רוחות פון שמחת בית השואבה, פערגעסט זיך די וועלט, אַז עס שטעהט נאָך פאָר אַ גמר חתימה און לאָזט, חלילה, אָב די לייצעס, דעריבער איז אַ מצוה, אַז מ׳זאָל שטאַרקען די הערצער צו תפלה און

תשובה אין דער נאכט פון גמר חתימה. איבער די עפּעל מאכט מען ברכות, און פון יעדער ברכה ווערט אויפ׳ן הימעל בעשאפען א גוטער מלאך, א מליץ יושר. א חוץ דער איז דער עולם ביי דער נאכט אבגעשוואכט און דער תהלים זאגט זיך נאר מיט אנ׳אנדער התלהבות, מיט אנ׳אנדער כונה, ווען מ׳קרעפטיגט זיך די כחות מיט א גוטען עפּעל.

— און קיין גרעסערע מצות האסטו ניט געפונען? — איז יוכבד גע־בליבען אונצופרידען מיט די עפּעל.

— נארעלע, — האט איהר זרח געענטפערט, — אויף גרויסע מצות דארף מען גרויסע כחות, גרויסע זכיות, גרויסע מענשען. מיר, קליינינ־קע מענשעלעך, דארפען זיך בענוגענען מיט קליינינקע מצוה׳לעך...

נאר יוכבד מיט איהר ווייבערשען שכל האט עס בשום אופן ניט געקענט בענעהמען און האט געהייסען שרייבען א ריינינקייט. פון דעסט־וועגען, אז עס פלעגט קומען דער פיערטער טאג חול המועד סכות, פלעגט יוכבד אויך די קליינינקע מצוה׳לע ניט איבערלאזען פאר זרח׳ן אליין. זי פלעגט פערמאכען די קראם און אוועק מיט זרח׳ן ביינאנד איבער די אויבסט־קראמען.

קיין צייט פלעגען זיי ביידע ניט קארגען, האבען זיי זיך ניט גע־איילט קויפען די ערשטע עפּעל, וואס פלעגט זיי אריינפאלען אין האנד. אויף אבי וועלכע האבען זיי אפילו ניט געקוקט. און פון די גוטע מינים פלעגען זיי א פריהער פערזוכען, ווארום ניט אלע יאהר זענען גלייך; איין יאהר גיט זיך דער מין איין, דעם אנדער יאהר — א צווייטער מין, מוז מען פערזוכען. און נאכדעם פלעגען זיי זיך גוט מישב זיין, אפּט עצות האלטען זיך מיט מבינים. די אויבס־קרעמער פלעגען, פער־שטעהט זיך, ניט זעהר צופרידען זיין פון די לאנגע ישוב־הדעת׳ן, „אזוי ווי א טלית פאר אנ׳איידעם וואלטען זיי געקליבען", — פלעגען זיי זאגען. נאר וואס? — זרח מיט יוכבד׳ן פלעגען קיין געלד אויך ניט קארגען לשם הידור מצוה.

אז זיי פלעגען שוין פּירות האבען איינגעקויפט, און געבראכט די קניה אהיים, פלעגט נאך יוכבד האבען אנ׳ארבייט — ארומוואשען און איבערלעגען די עפּעל אין א קלארען זעקעל. נאר דערמיט פלעגט זיך ענדיגען איהר אנטיילנעהמען אין דער מצוה. פאר זרח׳ן אבער פלעגט עס נאך אפילו קיין אנהייב ניט זיין, — מעהר ניט ווי הכנות צו דער מצוה.

שפּעט אין אָבענד, נאָכדעם אַז ער פלעגט האָבען פערטיג געמאַכט הושענות אין סכּה פאַר די שירײם פונ׳ם יום־כּפּור־ליכט, אָבגעגעסען װעטשערע, און אָבגעװאונשען יוכבד׳ן אַ גמר חתימה טובה, פלעגט ער מיט׳ן טלית, תיקון און מחזור אין אײן האַנד, און מיט דעם זעקעל עפּעל אין דער צװײטער האַנד, אַװעק אין שוהל אַרײן, – ערשט דעמאָלט פלעגט זיך בײ איהם אָנהײבען די מצוה גופא.

אין שול פלעגט שױן דעמאָלט דער הושענה רבה־בײדערנאַכטיגער שיטערער עולם אַזױ װי פער׳חלום׳ט זאָגען דעם תיקון, שטיל אונטערמורמלענדיג מיט׳ן טראָפּ. קלײנע יונגלעך פלעגען זיך אַרומדרעהען אַרום די הושענה־פּערקױפער, מסחר׳ן מיט לולבים־בלעטער און פלעכטען פינגערלעך פון לולב. נאָר װײל די קינדער זענען ניט געװעהנט געװען צו זיצען אַזױ שפּעט, פלעגט זײער שפּילען אױך זײן אַ ביסעל פערשלאָפען. די אַלגעמײנע פערשלאָפענקײט אַנטקעגען, דער העלער ליכטיגקײט פון די פולע ליכט, װאָס פלעגען שױן אָנגעצונדען זײן אין אַלע לײכטער, פלעגט האָבען אַ פּנים, װי דער פרעהליכער קול מבשר װאָלט זיך פערשפּעטיגט אַ ביסעל, און דער עולם, אַ פערמאַטערטער פון די הכנות מקבל פּנים צו זײן איהם האָט זיך דערװײל אַ דרעמעל געטאָן אױף אַ רגע.

און פּונקט װי זרח אַלײן װאָלט עס געװען דער פרעהליכער קול מבשר, אַזױ פלעגט ער מיט זײן קומען אין שוהל תּכּף איבערקעהרען די שטימונג. די עלטערע פלעגען אױפהעבען די קעפּ פון דעם טראָפּ, די קינדער פלעגען גיכער בעהאַלטען זײערע רינגלעך פון לולב אין די קעשענעס. אַלעמענס אױגען פלעגען זיך אַ קעהר טון צו זרח׳ן, שױן ניט פערשלאָפען, נאָר לעבעדיג און פרײנדליך. װער פון די עלטערע פלעגט אונטערגעהן צו זרח׳ן אַ פרעג טון מיט אַ צופרידענעם שמײכעל: – „װאָס, עפּעס גוטע פּירות הײ־יאָהר?“ די קינדער פלעגען איהם אַלע אַרומרינגלען – ניט זעהר נאָהענט, זײ האָבען געהאַט אָבשײ – און אָנקוקען איהם און זײן זעקעל מיט גײציגע אױגלעך.

זרח האָט פערשטאַנען, װאָס רײדען די פּײערלעך אין די קינדערשע אױגען און פלעגט זײ גלעטען איבער די קעפּלעך – „װאַרט, װאַרט, שפּעטער אַ ביסעל, זאָל מען זיך אָקאָרשט נעהמען פאַר דעם תהלים“. און װען מ׳פלעגט זיך נעהמען פאַר׳ן תהלים, פלעגט זיך זרח שטעלען צום עמוד, אַרומקלײבען אַרום זיך די גאַנצע עדה קינדער און זאָגען מיט זײ צוזאַמען פּסוק אין פּסוק.

אָבגעזאָגט א ספר – פלעגט זרח אַרויסשטעלען זיין זעקעל. גרויסע פלעגט ער דערלאַנגען אַן׳עפּעל און ווינשען אַ גמר חתימה טובה אויף אַ זיסען קיילעכדיגען יאָהר; קליינע פלעגט ער נאָך דערביי דערמאָנען אַ ברכה מאַכען. קינדער פלעגען הויך ברכות מאַכען, גרויסע פלעגען ענטפערן אמן, אַליין ברכה מאַכען, צעשיטען זיך איבער׳ן שול קליינע קופּקעלעך, לויבען זרח׳ס עפּעל, אָדער פערענדיגען דעם תיקון, ווער ס׳האָט נאָך ניט בעוויזען. און זרח פלעגט דערווייל די קינדער דער־צעהלען, וואָס אויפ׳ן הימעל טוט זיך אין דער נאַכט פון הושענה רבה, ווער גוטע מליצים זענען, און ווער איז דער שטן מקטרג; ווער „זיי" זענען, און ווער „מיר" בעדאַרפען צו זיין.

– וואָס שלאָפען זיי ניט. און וואָס שלאָפען מיר קיין נעכט ניט?

און ער פלעגט לערנען די קינדער צו ענטפערן:

– זיי פערברייננגען אין די טעאַטרעס און שענקען, און מיר אין די שוהלען און בתי מדרשים.

– וואָס זינגען זיי און וואָס זינגען מיר?

און אַן׳ענטפער:

– זיי זינגען פּעסניעס און מיר די הייליגע פסוקים פון תהלים.

– צוליב וואָס עסען זיי און צוליב וואָס עסען מיר?

– זיי – כדי אָנצושטאָפּען דעם חומר, און מיר – כדי צו מאַכען ברכות און כח האָבען גאָט ברוך הוא צו דיענען.

און אַזוי פלעגט ער אונטערהאַלטען די קינדער, ביז מ׳פלעגט דעם נאַנצען תהלים ענדיגען, קינדער פלעגען דעמאָלט פאַלען איינגעשלאָפענע ווער וואו עס מאַכט זיך: גרויסע און זרח אויך מיט אַלעמען פלעגען זיך אָנהייבען קלייבען אין מקוה אַריין. און דעמאָלט פלעגט זיך ערשט ענדיגען זיין מצוה.

אַלס א סגולה צו קינדער, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז זרח׳ן זיין מצוה ניט בייגעשטאַנען, וואָרום ער איז געשטאָרבען אַן׳עקר, און דוקא א יונגערמאַן. אלא וואָס? – ס׳איז אַזוי געווען די מעשה.

איינמאָל הושענה רבה בײַ דער נאַכט, ווען מ'האָט נאָר וואָס אָנגעהייבען תהלים זאָגען, האָט אויסגעבראָכען אַ שרפה אין שטעדטעל, דער גאַנצער עולם, גרויס און קליין, איז זיך צעלאָפען יעדער צו זיך אַ היים. זרח נאָר מיט'ן שמש זענען בײַנאַנד פערבליבען אין שוהל. אָבער דער שמש איז געווען זעהר פערנומען, צוגרייטען די ריינינקייטען על כל צרה שלא תבא, חלילה, און די אייגענע כלי בית פערפּאַקען. אַזוי, אַז זרח, מעג מען זאָגען, איז איינער אַליין פערבליבען אין שוהל. ער האָט זיך אַרומגעבלאָקייעט פון איין ווינקעל אין דעם צווייטען, פלעגט זיך אָבשטעלען נעבען איין פענסטער און בעטראַכטען דעם מיט פייער פערגאָסענעם הימעל, דערנאָך אַוועק און בעטראַכטען דעם פלאַמענדיגען הימעל פון אַ צווייטען פענסטער.

יוכבד איז געקומען צולויפען אין שוהל: וואָס טוט מען? פאַרוואָס געהט ער ניט אַ היים? זרח האָט איהר אָבער געענטפערט, אַז זי מעג טאָן, וואָס זי וויל, און פון שוהל איז ער ניט אַוועקגעגאַנגען. פון נאַס האָט זיך דער טומעל געלאָזט הערען אַלץ שטאַרקער און מיט מעהר אימה. זרח איז אַלץ אומרוהיגער אַרומגעגאַנגען פון איין פענסטער צום צווייטען. ס'האָט געהאַט אַ פּנים, ווי דאָס שרעקליכע פייער האָט איהם דאָ פערשפּאַרט אין די פיער ווענט פון שוהל און דערנעהענט זיך אַ טריט נאָך אַ טריט, אָהן רחמנות, איהם אינגאַנצען אײַנצו־שלינגען...

געדויערט אַזוי האָט עס אַ שעה צוויי, נאָכדעם האָט מען דאָס פייער אײַנגעלאָשען. נאָר פאַר דעם משך האָט אויסגעברענט העכער אַ האַלבע שטעדטעל, אַ זייגער דריי־פיער זענען אין שוהל צוריק גע־קומען עפּיס אַ פּאָר זקנים — און מעהר קיינער ניט; קיין קליינע קינדער, פערשטעהט זיך, אַודאי ניט. וואָס האָט זרח מיט דעם מזומן יודען געקענט מאַכען? האָט זיך זרח אַרומגעבלאָקייעט איבער'ן שוהל נאָכדעם, אַז די סכנה איז אַריבער, אין דעם זעלבען טרויער ווי פריהער. אין שוהל איז געווען ליכטיג און ציכטיג, אָבער וויסט און לעהר; ניט קיין קינדערשער טומעל, ניט קיין תהלים מיט התלהבות, ניט קיין היכע פרעהליכע ברכות אויף די עפּעל. ס'זיצען עפּיס אַ צוויי דריי זקנים, האָס גריזען די עפּעל מיט היילע יאַסלעס — און נאָר. ס'האָט אַ פּנים געהאַט, ווי דער קול מבשר האָט זיך בעהאַלטען, אויף אייביג פערשוואונדען.

זרח׳ס צער איז געווען זעהר גרויס, אפילו די אלטע מיט זייערע בלינדע אויגען האבען עס בעמערקט. און וואס נעהענטער צו פארטאג, איז ער אלץ מעהר צוטראגען געווען. פארטאג איז ער אוועק אין מקוה און ארויסגעהענדיג פון דער טבילה איז ער געפאלען און געשטארבען.

די לויה, פערשטעהט זיך, איז געווען אזעלכע, וואס צייט דער אלטער רב איז נפטר געווארען, האט די שטעדטעל אזא לויה ניט געזעהן. – זרח איז דאך געווען דער גרויסער פרומער יוד, און געשטארבען אזוי פלוצלינג... דער עולם האט דערצעהלט פערשידענע מעשיות, איינע האבען געזאגט, אז זרח׳ס שאטען איז נאך פון האלבע נאכט אן געווען אהן א קאפ. אנדערע האבען געזאגט, אז ער האט געזעהן, בשעת ער איז אליין פערבליבען אין שוהל ביי דער נאכט, ווי דער הימעל האט זיך געשפאלטען און די גאנצע מעשה מרכבה אויפ׳ן הימעל. דריטע האבען ווידער דערצעהלט, אז ארומגעהענדיג א פערטראגענער איבער שוהל, האט ער פאר זיך עטליכע מאל געזאגט: „א שלעכטער סימן, א שלעכטער סימן"...

מילא, קיין עדות זענען אויף דעם ניט געווען, קיינער האט ניט געקאנט זאגען: איך האב דאס געזעהן, צי געהערט, צי מיר האט ער דערצעהלט. מ׳האט גלאט גערעדט. אפשר איז דאס אויסגעטראכט. נאר דאס זעהען דאך אלע בעשיינפערליך, געשטארבען איז זרח ערשט פון דער טבילה – א ריינער; און צווייטענס: עד היום ברענט נאך הושענה רבה ביי דער נאכט זיין יאהרצייט־ליכט אין שוהל, און דער עולם זאגט פאר איהם תהלים. די עפעל, איבער וועלכע דער עולם מאכט ברכות אין שוהל, זענען אויך זיינע.

ווארום זרח׳ן האט דער פלוצלינער טויט ניט פערכאפט פלוצלינג. ער איז געווען בעווארנט מיט א צואה, אין וועלכער ער האט אבגעזאגט א פיינע פאר הונדערטער קרן קימת אויף צדקות. פון דעם חלק, וואס קומט אוים פאר די שוהל, דארף מען, לויט דער צואה אלע יאהר שטעלען נאך איהם א מעת־לעת־ליכט, און הושענה רבה ביי דער נאכט קויפען עפעל פאר׳ן עולם.

די שול היט זרח׳ס צואה ניט ערגער ווי א קינד, און וועט זי מסתמא היטען א סך בעסער פאר אנ׳אייניקעל; זרח׳ס נאמען פערגעסט זיך ניט.

II.

אינהאלט.

1) עפּעם אַנ׳אָרעֶמאַן.

2) אין מוֹדיִעים.

3) איִן וואַלד.

4) פוּן שׂטן.

עפּעס אנ׳ארעמאן.

IV.

אפשר האָט ער דאָס ערשטע מאָל די שיין דערזעהן אין רייכע פּאַלאַצען, וואו אַלע ווינקעלעך האָבען געקוועלט מיט פריידע און פערגניגען; נאָר קינדיש געלעכטער האָט דאָ געפעהלט, כּדי די מאָס פון גליק זאָל פּאָלקאָם פול זיין. דעריבער האָט מען אויף זיין ערשיינען געוואַרט מיט ציטערן און האָפנונג, און ווען די לעצטע מינוט איז געקומען און האָט איהם אין לעבען אַריינגעבראַכט, האָבען אַלע געדאַנקט גאָט, און איינע די אַנדערע מזל טוב אָבגעגעבען. — אַ משיח איז דאָ געבוירען געוואָרען.

און אפשר איז ער געבוירען געוואָרען ערגעץ אין אַ קאַלטען ווילגאָטנעם ווינקעל פון אַ הכנסת־אורחים־שטיבעל, וואו זיין מוטער האָט זיך געראַנגעלט מיט די וועהען און האָט מורא געהאַט צו שרייען פון וועהטאָג, ווייל די שכנים, אַזעלכע קבצנים, ווי זי און איהר מאַן, וואָס האָבען פול געפּאַקט דעם הקדש, האָבען זיך געזידעלט און געבייזערט, פאַר וואָס מ׳שטערט זייער רוה. נאָר די לעצטע מינוט איז געקומען און אויפגעריסען דער מוטערס פערשציטעטע צייהן. ער איז

נעבוירען געוואָרען, — און די קבצנים האָבען דאָס ערשיינען פונ'ם נייען לעבען אויף דער וועלט בענעגענט מיט שטעכענדיגער ליצנות אויף די ליפּען: הוליעט, שנאָררים, נאָך אַ קבצן צוגעקומען...

ווער ווייס. וואו דאָס איז געשעהן...

נאָר ווי און וואו דאָס איז ניט געשעהן — אַ מוטער האָט ער דאָך מסתמא געהאַט. און ווען זיין קליין קינדיש הערצל פלעגט זיך צוזויפּ־דריקען פון גרויסע קינדישע אַנגסטען, פלעגט ער זיך מיט דער גאַנצער נשמה ציהען צו איהר ברוסט, זוכען טרייסט אין איהר ליעבע; און זי פלעגט איהם צודריקען צו איהר געטרייען האַרצען, אָבווישען די טרערען פון די אויגען און שענקען הייסע קוסען, — ווי אַ מוטער קען. אפשר האָט ער נאָך אויך געהאַט ברידער און שוועסטער, פון וועלכע ער פלעגט אַ גוטע לאַסקע בעקומען, אַ גוט וואָרט הערען, וועלכע פלעגען איהם אין שלעכטע מינוטען פון צרות און עולות שיצען.

און אפשר איז ער איינער אליין געווען אויף דער וועלט. אַנשטאָט ברידער און שוועסטער, וועלכע ליבען, האָבען איהם אַרומגערינגעלט פרעמדע, וואָס זענען גלייכגילטיג; אַנשטאָט לאַשצען פון אַ מאַמען, האָט ער בעקומען קללות פון אַ שטיפמאַמען, און קלעפּ פון אַ טאַטען, וואָס איז ערגער פאַר גלייכגילטיגע פרעמדע.

איינם נאָר איז געוויס: יונג איז ער געווען. און די ליכטיגע זון האָט איהם העל געשיינט און געבריהט מיט זודיגע שטראַהלען, — ווי אַלע יונגע ברענט זי און בריהט; די פערליעבטע נאַכט האָט איהם וואונדער־ליבע סודות געשעפּצעט און רייצענדע בילדער בעוויזען אין חלום, — ווי זי טוט עס מיט אַלע יונגע. פון די זודיגע שטראַהלען און די רייצענ־דע חלומות און פון אייגענעם פלאַם אין דער נשמה האָט זיין בלוט האַסטיג געדונען אין די אָדערן, און זיינע אויגען האָבען געברענט און דאָרשטיג געזוכט אַרום זיך.

און ס'קען זיין, אַז איינמאָל האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווילד פרעמדען מיידעל, וועלכע איז איהם פּלוצלינג געוואָרען נעהנטער און טייערער פאַר טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, און פאַר די גאַנצע וועלט... איהם האָט זיך געדוכט, אַז בעסער פאַר איהר און צאַרטער פאַר איהר לייב איז נאָרנישט ניטאָ אונטער'ן הימעל, — און דאָס איז דאָך געווען אמת — ער האָט עס געפיהלט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז בעסער פאַר איהם און פעסטער פאַר זיינע אָרעמס קען קיינער ניט

צודריקען צו דער ברוסט, – און אויך דאָס איז געװען אמת, זי האָט עס געפֿיהלט.

און דעמאָלט, װען זײ האָבען זיך בײדע איבערצײגט אין זײער אמת, איז ער באַנאַנד מיט איהר אַװעק אין װעג פֿון לעבען. כּלי־זמר האָבען איהם בעגלײט מיט פֿרעהליכער מוזיק, גוטע פֿרײנד – מיט ברכות, אפשר נאָך מיט מתּנות... און האַנד בײ האַנד, זעלע אין זעלע, איז ער מיט איהר געגאַנגען און צוזאַמען געשלעפּט נאָך זיך דאָס לעבענס־װעגעלע, געגאַנגען און געזוכט, געגאַנגען און געקליבען אין װעגעלע אַרײן... זי האָט איהם געהאָלפֿען. ער האָט זיך מיט איהר עהרליך געטײלט.

און אפשר האָט ער צװישען אַנדער גוטס אין זײן װעגעלע געהאַט קינדער אויך, – ליעבע, לוסטיגע, אײגענע קינדער...

ער האָט דאָך געמוזט האָבען עטװאָס ... נס, װאָס איז געװען גליק, אָדער עהנליך אויף גליק, אָדער אַ שאָטען פֿון גליק, – ער האָט דאָך געלעבט.

װאו־זשע איז עס אַהינגעקומען?

אַ פּנים, אַז זײן װעג איז ניט גאָר גלײך געגאַנגען איבער גלאַטע בליהענדיגע פֿעלדער; אַ פּנים, אַז ניט אַלע מאָל האָט די זון ליבליך געשײנט און בעלויכטען דעם װעג. מסתּמא האָט ער בעגעגנט הויכע בערג און נידעריגע טאָלען, װיסטע פֿעלדער און שװאַרצע זומפּען; מסתּמא האָט ער געהאַט בײזע שטורעמס און פֿינסטערע נעכט. און עס קען זײן, אַז אײן מאָל אין אַ פֿינסטערע שטורעמדיגע נאַכט, װען ער האָט געבלאָנזשעט איבער אַ פּוסטען װאַלד, האָבען זיך אַ חבֿרה כּת־לצנים אַרײנגעכאַפּט אין זײן לעבענסװאָגען און ביסלעכװײז אַרױסגעשלײדערט דאָס גאַנצע ביסעל גוטס, װאָס ער האָט געהאַט. ערגעץ אויף אײן עק לאַנד, אין אַ פֿערװאָרפֿען שטעטיל צװישען פֿרעמדע קבֿרים האָבען זײ איהם אױסגעזײהט טאַטע־מאַמע, אויף אַ צװײטען עק ערגעץ – דאָס װײב. ברידער און שװעסטער האָבען זײ איהם אַרױסגעװאָרפֿען אויף פּוסטע פֿעלדער, צי אין װיסטע מדבּריות, װאו װעגען געהען זיך פֿונאַנדער אין אַלע עקען װעלט. דערנאָך האָבען זײ איהם די קינדער אױסגעשפּרײט אויף װינקלעך פֿון פֿרעמדע גאַסען, אין פֿרעמדע שטעט אויף פֿומעלדיגע טראָטואַרען, – די זיהן – מיט נאָכשליסלען אין די קעשענעס, די טעכטער – מיט פֿאַרב און פּודער אויפ'ן געזיכט; און אפשר – איבער

געפּענניש'ען און תליות; אפשר ביי זאַטע טישען, וואו זיי האָבען אַליין טאַטע־מאַמע פערגעסען...

און לסוף, אַז אין וועגעלע איז שוין מעהר גאָר נישט פערבליבען, האָבען זיי זיינע געדיכטע שוואַרצע קרייזלען אונטערגעביטען אויף אַ גלאַטען פּליך איבערן גאַנצען קאָפּ. זיינע יונגע כּוחות – אויף אַלטע שוואַכקייט אָהן צייהן און האָפנונג. און דעמאָלט, אַז די כּת־ליצנים האָבען שוין מעהר נישט געהאַט, מיט וואָס צו איזדיעקעווען זיך איבער איהם, האָבען זיי אויסגעשטעלט אַ לאַנגע צונג פון דער ערד ביז הימעל, גע־מאַכט אַ גרויס געלעכטער און נעלם געוואָרען; איהם איבערגעלאָזט איינעם אַליין, ווי אַ לעבעדיגע עלענדקייט פון שטיין אַרויס, אין מיטען דער וועלט.

וואו איז דער מיטען געווען? – ווער ווייס, אפשר ביי אונז אין שטעטיל נעבען דער הייסער הרובע, און אפשר האָט ער נאָך לאַנג געבלאָנזשעט, געזוכט זיין צעזייטען פערמעגען איבער בערג און טאָלען, זומפּען און מדבריות, פון שטעטיל צו שטעטיל, פון דערפעל צו דער־פעל, געזוכט און ניט געפונען, ביז ער איז צו אונז אין שטעטיל פער־קראָכען און אָהן כּוח פערבליבען אין ווינקעל צווישען דער הייסער הרובע און דעם אַלמער מיט ספרים.

נאָר געווען איז ער שוין איצט אַ קליינינקער, אַנ׳אַלטינקער, אַ צע־קנייטשטער. זיין פערמעגען איז בעשטאַנען – פון אַ שטעקען אין האַנד און אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס. אָהן בעוועגינג אין האַרצען איז ער געזעסען; און מסתמא שוין אויך אָהן מחשבות אין קאָפּ. אפשר איז נאָך ביי איהם אין מוח העננען געבליבען, ווי אַ פויגעל, וואָס איז פערשטייט נערט געוואָרען אין מיטען פליה, עפּעס אַ מחשבה אויפ׳ן מיטען טראַכטען.

וואָס האָט עס געקענט זיין פאַר אַ מחשבה? – ווער ווייס... די ליעבע וואַרימקייט, וואָס ער האָט דערפיהלט אין ווינקעל, צווישען אַלמער און דער הרובע, האָט איהם געקענט דערמאָנען אַ זודיגע ברוסט, וועלכע האָט איהם אַמאָל מיט איבערגעבענהייט צו זיך געדריקט, און נעבען וועלכער עס איז גוט און אַנגענעהם געווען צו רוהען; וואָרום ער איז געזעסען שטייף געדריקט צו די אָנגעברענטע ציגעל און מיט אַזאַ צוטרויען, ווי אַנ׳עופ׳ל נעבען דער מוטערס ברוסט. און ער האָט אפשר געוואָלט דערמאָנען זיך, וועמעס איז זי געווען, יענע צאַרטע ברוסט,

געבען װעלכער עס איז אַזױ גוט און לײכט געװען – דער מוטערס, צי עמיצען אַנ'אַנדער פּרוי'ס.

און אפשר האָט ער געטראַכט װעגען דעם, װאָס יענע ברוסט איז געװען אַ צאַרטע און אַ װײכע, װי אַ גומעלאַסטענע, און די ציגעל פון הרובע רײבען װי שטײנער; װאָרום אַ תּנועה פון װעהטאָג האָט, דוכט זיך, בעהאַלטענערהײד אַרױסגעקוקט פון דער טיפעניש אין די קנײט־שעלעך אויף זײן געזיכט. און ס'קען גאָר זײן, אַז די דאָזיגע תּנועה איז געװען נאָר אַ בלאַסע, שוין יאָהרען לאַנג פערקיהלטע אָבשפּיגלונג פון אַמאָליגער אומרוהיגקײט, פון אַלטע לײדען, צי פון פערגעסענע פרײדען; און אין דער אמת'ן האָט ער זיך אײנגאַנצען איבערגעגעבען נאָר דעם געפיהל פון װאַרימקײט און רוה, װאָס האָט איהם בעהערשט־נאָכדעם, אַז ער האָט אײן מאָל אויף אַלע מאָל אַראָבגעװאָרפען די טאָרבע, װעלכע האָט אַזױ געדריקט די פּלײצעס, און זײנע פּיס האָבען זיך אויף אײביג בעפרײט פון זײער שװערער אַרבײט איבער שנעען, זעמדער און זומפּען; װאָרום ער איז געזעסען צוגעדריקט צו דער הרובע מיט אַזאַ צוטרױען און זאָרגלאָזיגקײט, װי אַ קינד נעבען דער מוטערס ברוסט, און אַ גרױסע צופריעדענהײט האָט אַרױסגעקוקט פון די װינק־לען פון זײן האַלב־אָפענעם מויל.

װער װײס. דער דאָקטאָר, װעלכער האָט איהם בעטראַכט, האָט אויך נאָר נישט געקענט דערגעהן, – דאָס האַרץ האָט געשטומט.

און בשעת די מטה מיט דער לויה האָבען זיך גערירט איבער'ן גאַס, האָבען װײבער צװישען זיך געשמועסט. אײנע האָט דערצעהלט, אַז נאָכ'ן דאַװנען איז זי געגאַנגען פון קלײטעל, האָט זי געזעהן – פון בית המדרש איז אַרױס עפּעס אַנ'אָרימאַן, האָט זיך געשטעלט און לאַנג בעטראַכט די אומגעגענד; האָט אַ פּנים אױסגעקוקט פון װאָסער זײט װעט זײן גרינגער צו שלעפּען די אַלטע פּיס. דערנאָך איז ער אַװעק רעכטס, פּאַמעליך, אין דרײען געבױגען אונטער דער לעדיגער טאָרבע. און די יודענע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: װאָס אַ מענש איז, האַ? װער װײס, אפשר איז דאָס געװען דער זעלביגער...

און נאָך אײנע האָט זיך געקלאָגט: זי איז אַזױ פערטראָגען, ניט פאַר קײן יודען געדאַכט, אַז זי געדענקט גאָר ניט, צי אַזעלכער איז בײ איהר געװען, צי ניט. אַזאַ עולם קעהרט זיך איבער פאַר אַ מאָנטאָג צי אַ דאָנערשטאָג. מ'קען זײ אַ פּנים אַלעמען געדענקען, װאָס? נאָר מסתמא איז ער בײ איהר אויך געװען. איהר לאָזט דאָך, געלױבט איז

השם יתברך, קיין צרה ניט אויסען. מסתמא אַזוי, זי האָט זיך דערמאָנט: אַנ׳אַלטינקער, אַ נידעריגער, מיט רויטע פערטרערטע אויגען. נאָך אפילו אַ ריח, זאָל גאָט ניט שטראָפען פאַר די רעד, געגאַנגען פון איהם... אפשר איז ער דאָס געווען...

און אַ דריטע האָט מורא געהאַט צו דערציהלען. צו איהר איז וואַרמעס־צייט אַריין אַנ׳אָרימאַן און איז געבליבען, ווי אַ שטיק אייז, צו־געפריערען צום שוועל. זי האָט איהם געגעבען אַ שטיקעל ברויט, און ער שטעהט. האָט זי געפרעגט, וואָס פערלאַנגט ער נאָך. האָט ער גע־שוויגען. האָט זי מיט גוטען אָנגעהויבען: היינטיגע צייטען, געלויבט איז השם יתברך, וואָס מען קען געבען אַ שטיקעל ברויט... און ער שווייגט אַלץ. ער ריהרט זיך ניט פון אָרט. דעמאָלט איז זי אין כעס געוואָרען — זאָל איהר גאָט ניט שטראָפען; מ׳איז אַזוי אויך זאַט מיט צרות... זי האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ העזה... און די מעשה איז דאָך טאַקי אַזוי. מ׳האָט עפעס איינגעלעגט, וואָס? — וויפיעל גאָט העלפט... און ערשט דעמאָלט, אַז זי האָט אַ געשריי געטון — ס׳הייסט אַ פּנים זי? — די צרות האָבען אַ געשריי געטון; איז דער אַלטינקער אַוועק... און דאָס האַרץ רייסט איהר איצט: זאָל ער איהר מוחל זיין, אפשר איז ער דאָס געווען...

און נאָך אַ פולע זעגען געווען, וועלכע האָבען געטראַכט, וועמענס לויה איז עס; האָבען געפרעגט און אין ענטפער בעקומען — אַ קוועטש מיט די פּלייצעס.

אין טאָרבע האָט מען ביי איהם געפונען עטליכע שטיקלעך ברויט. קיין געלד ניט. אפשר איז יאָ געווען געלד, נאָר דער שמש האָט בעצייטענס צוגענומען, דעריבער האָט מען איהם מקבר געווען אויפ׳ן רעכנונג פון קהל: קיין דאָקומענטען האָט מען אויך אין טאָרבע ניט געפונען. ס׳קען זיין, אַז דער שמש האָט זיי מבער געווען, אויב עטליכע גראָשען האָט ער געפונען און מורא געהאַט, יורשים זאָלען ניט קומען. און אפשר האָבען שוין לאַנג מייז די דאָקומענטען אויפגעגעסען צוזאַמען מיט די ברעקלעך אין אַ הקדש. און אפשר האָבען גאָר קיין דאָקומענטען ניט געדאַרפט זיין; די טאָרבע האָט געזאָלט רעדען פאַר איהם. דעריבער האָט דער קברות־מאַן אין בוך איינגעשריבען: בשורה אחרונה דעם 57־טער אַ עני זקן שאינו ידוע שמו נפטר ונטמן י״ז טבת שנת...

און אַז מ׳האָט אַזוי פערשריבען, און די גרוב מיט ערד פער־שאָטען, און חברה נושאים זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען — האָט מען,

אַ פּנים, נאָר פערגעסען אָהן דעם אַלטען און אָהן די קופּע זאַמד אויף זיין קבר.

איין מאָל נאָר האָט דעם קברות־מאַנ׳ס יונגעל אָנגעהייבען אַאַרען אַ קשיה: אַלע קברים זענען אַרומגעמויערט, מיט שטיינער און מיט ערד פערגלייכט, און דער דאָזיגער קבר שטעהט אַ צעשאָטענער, — אַ צו־פּלאַשעטע קופּע ערד. האָט ער געפרעגט ביים טאַטען, און האָט זיך בערוהיגט, ווען יענער האָט איהם געזאָגט, אַז אין דעם קבר ליגט עפּעס אַנ׳אָרימאַן, וואָס האָט דאָ קיין קרובים נית.

אַ צווייטען מאָל האָט געטראָפען, אַז דעם קברות־מאַנ׳ס קוה, וועלכע האָט זיך געפיטערט צווישען די קברים, האָט פּלוצלינג געלאָזען די זאַפטיגע גראָז, דערנעהענדיג צו דעם דאָזיגען אָרט, האָט אַפילו מעלה גרה זיין און צופרידען מיט׳ן עק שפּילען זיך איבער די פולע זייטען אויפגעהערט. זי האָט אומעדיג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען שמעקען מיט די פייכטע נאָזלעכער די צעפּלאַשעטע ערד. ס׳קען זיין, אַז אַרום קבר איז געוואַקסען ביטערע גראָז און די קוה האָט געפרעגט, ווער ליגט עס דאָרט אונטען...

און אפשר האָט איהר די ערד דערצעהלט...

אין מודיעים.

V.

די אײנוואוינער פון מודיעים האָבען זיך געזאַמעלט צום טויער פון שטאָט הערען אַ טרייסט־וואָרט אָדער אַן'עצה פון די זקנים. נאָר מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פאַר'משפּט'ע קרבנות, זענען די זקנים געזעסען. און דאָס פאָלק האָט פערשטאַנען זײנע פיהרער, האָט גאָרניט געפרעגט, נאָר פערלאָרען און דערשראָקען געשוויגען.

דער אַלטער מתתיהו האָט דאָס שטילע שווייגען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, האָט זיך אויפגעהעבען און אַוועק פאַרבײ דאָס פאָלק איבער גאַס, און פאַרבײ זײן שטוב צו די בערג, וואָס אַרום שטאָט.

גרויסע זענען די בערג געשטאַנען, פעסט און זיכער האָבען זיי זיך געלעהנט אויף דער ערד, און רוהיג־פערטראַכט געקוקט צום הימעל. דעם אַלטענס רוקען האָט מיט זיי קאָנקורירט אין שטאָלץ, זײנע טריט — אין פעסטקייט, זײנע ווייסע האָר אין גרויסקייט, נאָר ניט רוהיג איז דער בליק פון זײן אויג געווען. ער האָט געקוקט אויף די בערג און געטראַכט: צי דען זענען דאָרט אין ירושלים זייערע הערצער ניט אַזוי פעסט ווי די פעלזען? צי דען איז אַ יודען פון ירושלים לייכטער אָבצוּווענדען פון זײן גאָט, איידער דעם באַרג פון זײן אָרט?

מתתיהו האָט מיט זיין אומגעדולדיגען בליק געוואָלט אַרויסבעקומען אַנ'ענטפער ביי די בערג פון די הערצער, נאָר די בערג האָבען גע־שטומט. און פאַרנאַכט, ווען מודיעים האָט זיך אָנגעהייבען צו דעקען אין שאָטענס, האָט זיך דער אַלטער צוריקגעקעהרט אין שטאָט אַריין, און זיין בליק איז פערבליבען אַזוי אומרוהיג און אומגעדולדיג, ווי געווען.

די איינוואוינער פון מודיעים האָבען זיך דעמאָלט געזאַמעלט צום טויער פון שטאָט, וואו אַ דורכגעהער, וועלכער איז געלאָפען פון שונא און האָט פערבלאָנזשעט אין די בערג, האָט דערצעהלט פון די לעצטע פאַסירונגען, וועלכע זענען זיך פערלאָפען אין ירושלים.

מתתיהו איז אַוועק נאָכ'ן פאָלק הערען די טרויעריגע ידיעות. דער אַנטרונענער האָט דערצעהלט:

– די היילינע מגילות פערברענט... אויף די גאַסען – מזבחות פאַר דעם אָבגאָט פון יון געבויט... אין היכל אַ בילד געשטעלט... און יודען לאָזט מען ניט גאָט דינען... און יודען גיבען זיך אונטער... יודען בוקען זיך צום בילד און ברענגען איהם קרבנות...

דאָס פאָלק האָט אָטעמען אויפגעהערט... עס האָט זיינען מורא געהאַט... נאָר דער אַלטער מתתיהו האָט דעם דערצעהלער איבער־געריסען און געהייסען שוויינען. ער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישען די געדיכטע ציילען און האָט זיך געשטעלט אין מיטען.

– אַ ליגען? – האָט ער געדונערט איבער דאָס פאָלק, – אַ ליגען! יודען ברענגען קיין קרבנות ניט צום אָבגאָט! רכילות איז דאָס! גלויבט איהם ניט, מ'טאָר איהם ניט גלויבען!

און ער האָט זיך אָבגעקעהרט און איז מיט זיין שטאָלץ־געהויבענעם קאָפּ אַוועק. דער עולם האָט פאַר איהם וואָרע געמאַכט, און פינף מענשען האָבען זיך אָבגעטיילט פון פאָלק און אַוועק נאָך מתתיהו, ווי פינף שאָטענס זיינע – הויכע, שטאָלצע און שטאַרקע, ווי ער, נאָר פיל יונגער פון איהם, – פינף יונגע זיהן מתתיהו'ס.

פון הינטען זענען זיי איהם נאָכגעגאַנגען, ווי פינף שאָטענס, נאָר צו איהם נאָהענט האָבען זיי זיך ניט דערוועגט צו־געהן, ביז דער מורין, דער קנעכט, האָט די טויער פון זייער הויף פערשלאָסען; דעמאָלט האָבען זיי זיך געווענדעט צום אַלטען מיט אַ פראַגע:

– וואָס וועט זיין, אַז די שונאים וועלען דעם ווענ צו אונז אין מודיעים געפינען?

און מתתיהו האָט זיי געענטפערט:

— פינף מזבחות וועל איך דעמאָלט אויסבויען און פינף קרבנות וועל איך אויף זיי אויפבּרענגען — מיינע פינף זיהן, און אַ זעקסטען קרבּן אויך...

די זיהן האָבען אויסגעהערט און אַוועק. מתתיהו איז אויפ'ן דאַך פון זיין שטוּב אַרויף, איינזאַם און אַליין טראַכטען אין דער פינסטער־ניש פון דער נאַכט.

און די שׂונאים האָבען געפונען דעם וועג קיין מודיעים... זיי זענען געקומען אַ גרויסע מחנה מיט אַ שטריק צו בינדען די געפאַנגענע, און מיט כּלי משחית צו פייניגען די ווידערשפּעניגע. זיי האָבען אויפגעשטעלט נעבען טויער פון שטאָט אַ מזבח צו צעאוּם זייער אָבגאָט, און צום מזבח האָבען זיי צונויפגעטריבען אַלע איינוואוינער פון מודיעים. מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן זענען דאָ אויך געווען.

— ווער איז דער עלטסטער און דער אָנגעזעהענסטער פון די כּהנים אין דער שטאָט? — האָט דער האַר פון די גריכען געפרעגט.

מ'האָט אויף מתתיהו אָנגעוויזען; און די פינף זיהן האָבען זייער פאָטער אַרומגערינגעלט, ווי פינף אַייזערנע שומרים. נאָר מתתיהו האָט זיי אָבגעשטעלט:

— פינף קרבנות האָב איך צוגעזאָגט, און אַ זעקסטען — דעם שׂ־שטען, געדענקט!..

און די פינף אַייזערנע מענשען האָבען די צייהן פערדריקט און פון אָרט זיך מעהר ניט גערירהרט. די שׂונאים האָבען דעם אַלטען טאַטען זייערן אָהן שטערונג צום מזבח פון אָבגאָט גענומען.

דריי מאָל האָט דער שׂר פון די גריעקען פאָרגעלעגט דעם אַלטען כּהן טון דעם ווילען פון אַנטיוכוס, און דער אַלטער האָט זיך ענטזאַגט. דער שׂר האָט איהם צוגעזאָגט מתּנות און אייביגען גענאָד פאַר קינדער און פאַר קינדס־קינדער, אויב ער וועט דעם ווילען פון אַנטיוכוס טון, נאָר מתתיהו האָט זיך פון דעם גענאָד פון די געצענדינער אויסגעלאַכט.

דעמאָלט האָט איהם דער שר אָנגעהייבען שרעקען מיט'ן טויט. האָט איהם מתתיהו געענטפערט:

– יודען קענען שטאַרבען...

– דאָס גאַנצע פאָלק? – האָט דער שר פון די גרעקען מיט שפּאָט געפרעגט.

מתתיהו האָט מיט אונרוהיגען בליק בעטראַכט דאָס פאָלק, נאָר זיין שטים האָט געקלונגען רוהיג און זיכער, ווי ביזהער:

– זיי מוזען קענען!..

דער שר האָט איהם אָנגעהייבען שרעקען:

– דו וועסט זיין שולדיג אין'ם פערגאָסענעם בלוט פון דיין פאָלק!

נאָר מתתיהו איז ביי זיינס פערבליבען:

– אַ יוד וועט קיין קרבן צום אָבגאָט ניט ברענגען!..

איז דער שר פון די גרעקען אין גרימצאָרן אריין... ער האָט אַ וואונק געטון, דער תליון האָט דעם חלף אויפגעהעבען... דאָס פאָלק האָט זיך אַ בויג געטון פון אימה...

נאָר אַ מענש איז פון פאָלק אַרויסגעלאָפען, האָט ביי דעם תליון פון האַנט דאָס מעסער אַרויסגעריסען און דעם קרבן אויפ'ן מזבח דערשטאָכען...

דאָס איז געוועזען אַ יוד!..

און תכף איז שוין דאָס מעסער געוועזען אין דער ברוסט פון דעם מענשען, וואָס האָט דעם קרבן געבראַכט––– מענשען-בלוט מיט חזיר-בלוט האָבען זיך צונויפגעמישט –––

דאָס האָט מתתיהו געטון...

און ער האָט דאָס מעסער פונ'ם זינדיגענם ברוסט אַרויסגענומען און צום פאָלק אַ פערבלוטיגטען אויפגעהעבען:

– אויב איהר קענט ניט שטאַרבען – מוזט איהר מנצח זיין! – האָט ער אויסגעשריען.

און פינף מענשען, ווי פינף פעלזען, האָבען איהם די ערשטע אַרומגערינגעלט זיינע פינף זיהן, און נאָך זיי צעהנדליגער און הונדערטער פון פאָלק. קיינער איז פון ווייטען ניט געבליבען.

און דעמאָלט האָט דאָס פאָלק מיט די אַרומיגע בערג קאָנקורירט אין שמאָל'ץ און אין גבורה. מתתיהו'ס אויג האָט זיכער אַ קוק געטון דעם טאָג אין פנים אריין. די שונאים האָבען אָנגעהייבען לויפען...

אין וואַלד.

VI.

אויב אין פעלד איז פינסטער, איז אין וואַלד טוידט־פינסטער, און צעהן מאָהל פינסטערער ווייזען אוים די סילועטען, וואָס בויגען און שאָקלען זיך איבער אייער קאָפּ. עס זעהען זיך ניט קיין צווייגען, עס זעהען זיך ניט קיין שטאַמען, נאָר שוואַרצע שאָטענס בעוועגען זיך און הוידען זיך, און איהר ווייסט ניט – ווער בעוועגט זיך עס, און איהר ווייסט ניט – וואוהין ציהט זיך עס, און צוליעב וואָס בעאונרוהיגט זיך עס. אייך דוכט זיך, אַז נאָך אייך יאָגען זיך די שאָטענס, אויף אייך ווילען זיי אָנפאַלען... און איהר שמייסט דאָס פערדיל, אייך ווילט זיך ניכער ענטלויפען.

אַ ריידעריי שטעהט איבער אייער קאָפּ און אַרום אייך. קולות שיטען זיך, ווי אַ וואַסער־פאַל, קרעכצען איבער קרעכצען שיטען זיך, ווי איבער די רעדער פון אַ וואַסער־מיהל. עס דוכט זיך, אַ גאַנצע מחנה חיות האָבען זיך דאָ צונויפגעקליבען אויף אַן אַסיפה, און זיי בייזערן זיך, און זיי צאָרנען, און זיי האַלטען מלחמה, און זיי פאַלען טויט... פון איין עק וואַלד ביז'ן צווייטען איז די מלחמה פערשפּרייט,

פון אײן עק װאַלד ביז דעם צװײטען האָט זיך די אימה אױסגעשפּרײט; און איהר װײסט ניט, װעלכע בײזע שנאה האָט אַרױסגערופען די מלחמה.

אַזױ קאַלט און אונהײמליך איז אין װאַלד. יעדער בראָך פון אַ צװײג אין דערװײטען, יעדער ריס פון אַ װינד אין דער הױך – װעקט אין אײך אַן אומרוהיגע בענקשאַפט נאָך אַ שטילען װאַרעמען צימער, װאו ס'איז ליכטיג און טרוקען, און קײן װינטען שמײסען אין פּנים ניט, און קײן שװאַרצע שאָטענס שרעקען ניט, איהר טרײבט דאָס פערדעל גיכער, גיכער... נאָר דאָס פערדעל שלאָגט זיך יעדע רגע אָן אױף אַ גראָבען װאָרצעל, װאָס איז פון דער ערד אַרױסגעקראָכען, אָדער ער זינקט אין אַ קױט ערגיץ אין אַ גרוב... ער כראָפּעט און שנאָרכט, און דער װעג ציהט זיך, ציהט זיך...

אײך דוכט זיך, אַז דער װאַלד װעט אײך מעהר ניט אַרױס-לאָזען פון זיך, קײן מאָל װעט צו איהם קײן סוף ניט זײן, און קײן מאָל װעט קײן סוף ניט זײן צו דער פינסטערניש פון דער נאַכט...

נאָר אָט האָט אַ פײערל אַ בלאַנק געטון אין דער פינסטערניש צװישען די שװאַרצע שאָטענס... עפּעס װי אַ שטראַהל האָט אײך אין דער אײנענער נשמה אַ שײן געטון... דאָס פײערל האָט זיך תיכּף װידער בעהאַלטען, נאָר איהר װײסט, אַז ס'איז שױן נאָהענט... נאָהענט... דאָס פײערל בעװײזט זיך װידער, עס טוקט זיך אין דער פינסטערניש, בעהאַלט זיך און שװימט אַרױס... גלײך װי איהר אַלײן װאָלט זיך געראַנגעלט מיט דער פינסטערניש, און װעלען אַרױסרײסען בײ איהר די ליכטיגע שײן.

און די פינסטערניש טרעט אָב; זי רוקט זיך צונױף, בעהאַלט זיך צװישען די צװײגען און די שטאַמען, װאָס טרעטען דײטליך אַרױס פון דער שװאַרצער מאַסע, אין װעלכער איהר האָט געבלאָנזשעט. דער גאַנצער געריש און טומעל, דוכט זיך, איז אָבגעשפּרונגען ערגיץ אין דער זײט, און דערטראָגט זיך צו אײך פון דערװײטען... די העלע שײן, װאָס גיסט זיך פון די דרײ גרױסע ליכטיגע פענסטער, שמײכעלט אײך, װי אַ לאַנג געװאונשענער אָאַזיס אין אַ מיטען מדבר.

איהר זענט געקומען צו דער „שאַפּאַרניע״.

אין מיטען וואַלד, אויף אַ פעלדעל, פון וועלכען עס לויפען זיך פונאַנדער וועגעלעך אין אַלע זייטען, שטעהט פון איין זייט אַ גרויסע אַ נייע פיערעקיגע שטוב מיט גרויסע פענסטער און מיט אַ קאָקעטישען גאַניקעל צום וועג צו; געגענאיבער, בעהאַלטען אין דער געדיכטעניש פון אַ מאַסע נאָרטענפלאַנצען, שטעהט אַ אַלטע האַלב-איינגעפאַלענע צווייטע שטיבעל. דאָס ערשטע גרויסע שטוב – איז די שאַפאַרניע, דאָס צווייטע קליין שטיבעל – די וואוינונג פון דעם וואַלד-שומר.

ווי גוטע געסט האָט דער וואַלד צוגענומען די צוויי מענשען-וואוינונגען אין זיינע גרענצען; פריינדליך האָט ער געשפרייט איבער זיי זיינע לאַנגע צווייגען און געשיצט זיי פון רעגען און פון זון; זאָרגפעלטיג האָט ער אוים-געשטעלט זיינע הויכע שטאַמען אַרום זיי און געשיצט זיי פון ווינטען און פון שטורעמס. דאָס קליין שטיבעלע האָט פיעלע יאָהרען געהיט דאַנקבאַרקייט דעם וואַלד פאַר זיין נאַסט-אויפנעהמען, פון זיינע ליכטיגע פענסטערלעך, וועלכע האָבען געבראָכען די פינסטערניש פון דער נאַכט, האָבען שטענדיג וואַכע-דיגע אויגען השגחה געגעבען אויף אַלע עקען פון וואַלד, קיין מזיקים זאָלען זיך ניט פערקלייבען און ניט דאַרבען זיינע רייכטימער.

נאָר ניט דאַנקבאַר איז געווען דאָס גרויסע שטוב מיט די גרויסע פענסטער. פון דעם ערשטען טאָג, וואָס מענשען האָבען זיך אין דעם דאָזיגען שטוב בעזעצט, האָט אין וואַלד אָנגעהייבען די פאַלשקייט צו הערשען. ווי אַ וואָרים האָט זיך די שאַפאַרניע מיט איהרע איינוואוינער אַריינגעקליבען אין מיטען האַרץ פון וואַלד און האָט עס אָהן אויפהער געגעסען און געגעסען... אַלע טאָג האָבען זיך צעהנדליגער און הונדער-טער מענשען און פוהרען געלאָזען פון שאַפאַרניע אין אַלע בעהאַלטענע ווינ-קעלעך פון וואַלד, איבער די פיעלע וועגעלעך, וואָס האָבען זיך פון דעם אָרט גענומען, און האָבען דאָרט געהאַקט און געשניטען און חורבנות געמאַכט, די שענסטע העלדען פון וואַלד זענען די ערשטע קרבנות געפאַלען, און נאָך זיי זענען די יונגערע ברידער געפאַלען...

אַלע טאָג פלעגט מען אויף צעהנדליגער און הונדערטער פוהרען פאַרביי שאַפאַרניע פיהרען די געפאַלענע העלדען פון וואַלד אָבגעהאַק-טע פון וואָרצעל, מיט אָרומגעשניטענע אברים, ווי גרויסע צעקאַליעט-שעטע פגרים; דוכט זיך, די שאַפאַרניע האָט זיך ניט בעגנוגנט מיט דעם חורבן, וואָס זי האָט אין וואַלד געשפרייט, און זי האָט זיך נאָך מיט די איינגע אויגען געוואָלט איבערציינגען, אַז איהרע קרבנות וועלען שוין ניט אָבלעבען... און טעג זענען געגאַנגען און יאָהרען

זענען געגאַנגען, און ניט ווינטער ניט זומער האָט די שאַפּאַרניע ניט גערוהט אין איהר פּערניכטונגס־אַרבייט... דער וואַלד איז שיטערער געוואָרען, ווייט־ווייט האָט ער זיך אָבגערוקט פון דער שטוב, פון וועלכער דאָס בייז איז געגאַנגען, און פון ווייטען האָט ער מיט שרעק געקוקט צו דער דאָזיגער שטוב... אַלץ העכער און אומעדיגער איז געוואָרען זיין גערויש אין די פינסטערע נעכט פון זאַווערוכעס...

און ווער ווייס, אפשר וויל ער אויך אין דער דאָזיגער פינסטערער נאַכט זיין צאָרען אויסגיסען אויף די שאַפּאַרניע...

נאָר ליכטיג און וואַרעם, פריידליך און רוהיג איז אינווענייג אין דער גרויסער שטוב, אין שאַפּאַרניע. נאָך דעם טאָגיגען געטומעל, אַיילע־ניש און אומרוה פון דער מלחמה מיט די גרויסע ריעזען פון וואַלד האָט דאָ, דוכט זיך, די רוה ניט געקענט שטערען קיין מאַכט פון די דרויסענדיגע פינסטערע שאָטענס, קיין בייזקייט פון די צאָרנדיגע ווינטען. די פעסטע טירען לאָזען דעם ווינט ניט צו און די גרויסע לאָמפּ, וואָס העגגט איבער׳ן טיש, טרייבט די פינסטערע שאָטענס אַוועק.

אויפ׳ן טיש שטעהט אַ זודיגער סאַמאָוואַר, וועלכער גיסט אַ קאָכיג פרעהליך לידעל אַקעגען דעם בייזען געטומעל, וואָס טראָגט זיך פון דער ווייטען אין דרויסען, און אַ ליכטיג פייער ברענט אין אויבען. דאָס טרוקענע האָלץ פּלאַמט העל, קנאַקט לעבעדיג אונטער, און פון פייער שפּיגלען זיך אָב גילדערנע שאָטענס אויף דער ווייסער ריינגעוואַשענער פּאָדלאָגע. בעקוועם איז דאָ, היימליך, ווי אין אַן׳אייגענער טייערער היים, אונטער דעם פליגעל פון אַן׳אַלטער גוטער מוטער.

די שאַפּאַרעס האָבען שוין נאָך דעם טאָגיגען אַרומלויפען אין קעלט און אין נאַסקייט די פּערגליווערטע ביינער דערוואַרעמט. די פיס האָבען שוין אָבגערוהט, די רעכנונגען אַלע אין בוך אַריינגעפיהרט, דער קאָפּ האָט זיך שוין אויך בערוהיגט, און, בעשיצטע פון ווינט און פון נאַסקייט אין דער ליכטיגער גערוימקייט פון זייער שטוב, דערמאָנען זיי זיך וועגען די ווייטע היים, צווישען אייגענע און נאָהענטע, ליבע און גע־טרייע... דאָס הארץ בענקט נאָך מענשענגעזעלשאַפט, נאָך בעלויכטענע

נאסען, נאָך דעם טומעל פון בית־מדרש, צו נאָך דעם גלאַנץ פון טעאַ־טער. נאָר צו דער בענקשאפט איז דאָס הארץ שוין לאנג געוועהנט, — דערפון רעדט מען ניט, אזעלכע מחשבות טרייבט מען אָב פון זיך. אויב מען איז ניט פערנומען מיט'ן עסק, רעדט מען פון איהם, רעדט מען וועגען מענשען, וואָס פערנעהמען זיך מיט איהם.

דער וואַלדהאַנדעל איז אַזוי אַלט און גרויס. פון די פינסטערסטע ווינקעלעך אין פּאָליעסיע ביז די רייכסטע גלענצענדסטע צענטרען אין אייראָפּאַ דערגרייכט ער, די גרעסטע קאַפּיטאַלען זענען אין איהם אַריינגעטון, הונדערטער טויזענדער מענשען, פון דעם אָרימסטען פויער, וואָס טרייבט די פּליטען, ביז דעם גרעסטען גביר, דעם קעניג פון דער בערזע, זענען מיט איהם בעשעפטיגט. און אַזוי רייך מיט געשעהנישען איז דער עסק. אַזוי גיך הויבען זיך דאָ מענשען און פאַלען; הויבען זיך אויף ביז די העכסטע מדרגות פון רייכקייט, און פאַלען ביז דער נידעריג־סטער מדרגה פון אָרעמקייט...

דער עלטסטער פון די שאַפאַרעס, וואָס איז פון קינדווייז אָן אויפגעוואַקסען אין וואַלד, איז אַ לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיע פון וואַלד־האַנדעל, אַ לעבעדיגע רשימה פון די וואַלדהענדלער אין דער גאַנצער סביבה, אַ לעבעדיגע געשיכטע פון זייער לעבען. יאָהרענלאַנג זיצט ער אַלע אָבענד ביים קאָכיגען סאַמאָוואַר און דערצעהלט זיינע געשיכטען; דערצעהלט און עס נעהמט זיך ביי איהם ניט אויס. די יונגערע הערען אַלע אָבענד נייעס, און עס ווערט זיי ניט מיאוס. אָבגעריסענע פון דער גאַנצער וועלט, איינע אַליין פערוואָרפענע אין דער פינסטער־ניש פון די סאָסנעס, פיהלען זיי בשעת זיי הערען זייער חבר'ס מעשיות, גלייך ווי זיי זענען ניט גאָר איינגאַנצען אַליין; גלייך ווי זיי זענען אויך אַ רינגעלע אין דער קייט פון די אַלע מענשען, וועגען וועלכע עס רעדט זיך; זיי זענען אויך אַ שרייפּעלע אין דעם וואונדער־לעבען מיט די רייכע געשעהנישען, וועגען וועלכע עס דערצעהלט זיך, און זיי פערגעסען זיך די איינזאַמקייט פון וואַלד, דעם בייזען גערויש פון די ווינטען, די בענקשאַפט פון הארצען נאָך איינעגע און נאָהענטע, וואָס אין דערווייטען.

און אַז דעם װאַלד־שומר׳ס הינט האָבען אײך בעגעגענט מיט אַ געביל פון אַלערלײ שטימען, װעלכע האָבען אַ רגע צערשטערט די רוהיגע שטילקײט אין שאַפּאַרניע בײם טיש, און אַז װען איהר האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר אױפ׳ן גאַניקעל, האָט איהר איבערגעריסען די מעשה פון דעם עלטערען שאַפער אין סאַמע אינטערעסאַנטען אָרט – האָט ניט מורא, מ׳װעט אױף אײך דערפאַר ניט ברוגז זײן.

אַ נײער מענש איז געקומען העלפען צו פערבערענגען דעם לאַנגען הערבסט־אָבענד – דאָס איז אַ טײערער גאַסט, דער בעסטער גאַסט. די שאַפּאַרניע איז גאַסט־פרײנדליך; די שאַפּאַרניע האָט ליעב נײע מענשען און פרישע נײעס. אַ פרישען קריגעל װאַסער גיסט מען תיכף אַרײן אין סאַמאָװאַר, און פרישע גליהענדע קױלען פון אױבען לעגט מען אין איהם אַרײן, אַ פלעשעל משקה קומט אַרױף אױפ׳ן טיש, און אַ גוטען שטיק קעז, און, אױב מ׳האָט פון שטאָדט געשיקט, אױך אַ טעלער פרישע גריבענעס. עסט און טרינקט, װאַרעמט אָב אײערע דערפראָרענע בײנער. און גאָרנישט פאָדערט מען פון אײך דערפאַר ניט, מ׳איז צו־פרידען, װאָס איהר זענט געקומען, װאָס אַ נײען קול קען מען הערען, װאָס אַ נײען מענשען קען מען דערצעהלען די אײנדריקען, װעלכע דאָס אָרימע װאַלד־לעבען גיט.

און אױב איהר זענט געקומען ניט צוליעב געשעפט, און איהר אײלט זיך ניט, קענט איהר הערען די געשיכטע, װעלכע איהר האָט איבערגעריסען מיט אײער קומען. ניט געאײלט דערצעהלט דער עלטע־רער שאַפער, רוהיג און זיכער, װי פאַר אַנ׳ערפאַהרענעם ערצעהלער פאַסט, גיסט זיך זײן קול צוזאַמען מיט דעם לעבעדיגען נינון פון קאָכי־נען סאַמאָװאַר.

„.... װער דער שײנעץ איז, זאָגט דער גראַף, דאָס דאַרפסטו ניט װיסען, נאָר איבערמאָרגען, װען איך קום צו דיר, דאַרפסטו מיר צו־שטעלען, זאָגט ער, דעם שײנעץ און די בײטעלע מיט די דימענטען גאַנץ און אָהן אַ שאָדען, װי איך גיב זי איצט איבער אין דײנע הענט, זאָגט ער״, פערשטעהט שױן ר׳ ישראל, װאָס פאַר אַ שײנעץ דאָס איז, פאַלט איהם דער מוטערס מילך דערבײ אײן, – װאָס זאָל ער דאָ טון? זאָל ער זיך אָבזאָגען – װי זשע קען ער דאָס? ער װײס דאָך מיט װעמען ער הייבט זיך אָן. דער װאַלד איז דאָך פול און פיעל מיט חברה. זאָל ער בײ זיך לאָזען דעם שײנעץ – טאָמער קומען די קאָזאַקען? און די קאָזאַקען פליהען דאָך אױך אַרום איבער׳ן װאַלד װי די רוחות,

איז איהם ניט גוט, זעהר ניט גוט... פונדעסטוועגען פרובט ער זיך ענטזאַגען, ער הויבט אָן: אדוני פריץ, ווי קען איך דיר עפּעס צוזאָגען, אַז איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר אַליין קאָן מאָרגען זיין, דו ווייסט דאָך, זאָגט ער, פריצ'ל, וואָס פאַר אַ צייט עס איז איצט. נאָר דער גראַף הערט איהם ניט, ער געהט צו צום פערד און פערקירעוועט איהם צום פאָהרען: „אַ יוד, זאָגט ער, קען אַלץ. ער דאַרף נאָר. זאָגט ער, וועלען"... און ער פאָהרט אַוועק. און בלייבט ר' ישראל מיט דעם שייגעץ אַליין, און דאָס רימענע בייטעלע ביי איהם אין די הענט.

קוקט ר' ישראל אויף דעם שייגעץ, זעהט ער פאַר זיך אַ חלאָפּעץ פון אַ יאָהר אַכצעהן–נײַנצעהן, אין אַ סערמיגע און לאַפּטשעס. אָבער דאָס געזיכט איז אַזוי איידעל, שעֹן, ווי נאָלד. ער זעהט תיכף, אַז דאָס איז ניט קיין פויער, נאָר אַ מאַגנאַט פאַר אַ פויער פערשטעלט, וואָס־זשע טוט ר' ישראל? טוט ער איהם איבער פאַר אַ יודען, און פערגעסט אַפילו קיין אַרבע כנפות ניט אָנצוטאָן אויף איהם. פאַר אַ יודי־שען יונגען־מאַן פּאַסט שוין אַזאַ פּנים, ער שטעהט נאָר אַ ביסעל צוגלייך, צופיעל שטאָלץ. הייסט איהם ר' ישראל אַביסעלע אויסקרימען די פּלייצע און – ס'איז שוין גוט פונקט אַ ייִדענער יונגער־מאַנטשיק, אַ קעסט־קינד פון אַ רייכען שווער שטעהט דאָ.

זעצט מען זיך ווארטען אויף די קאָזאַקען, די צייהנער קלאַפּען ביי ר' ישראל'ן ווי ער וואָלט דאַרפען באַלד וידוי זאָגען. טאַקי יודיש געקליידט, נאָר טאָמער דערקענען די קאָזאַקען פאָרט – וואָס ענטפערט מען זיי? נעהמט ר' ישראל אַראָב די גמרא פון פּאָליצע – ער האָט שטענדיג געהאַט ביי זיך אין שאַפּאַרניע אַ גמרא – זעצט נעבען זיך אַוועק דעם שייגעץ און הייסט הויך אויפ'ן קול נאָכזאָגען נאָך זיך. לערנען זיי ביידע אַזוי געשמאַק אַ שעה, צוויי, דריי... פאַרטאָג ערשט, אַ זייגער 6–די קאָזאַקען זענען דאָ. „סטאָי"! מ'קלאַפּט אין טיר. הייבט ר' ישראל אָן נאָך העכער, הייסט דעם שייגעץ אויך העכער שרייען, און עפענט; ער וויל די קאָזאַקען זאָלען הערען, אַז דאָ לערנט מען. די קאָזאַקען הערען, און קלאַפּען ווייטער. דעמאָלט עפענט זיי ר' ישראל אָב די טיר. זיי געהען אַריין: „ווער זענט איהר און וואָס טוט איהר?". דערצעהלט זיי ר' ישראל, ווער ער איז. „און דער יונגער־מאַן"? פרעגען זיי. זאָגט זיי ר' ישראל: „דאָס איז מיין איידים, ער העלפט מיר אין חאַלד, און פאַרטאָג זאָגט ער, לערנען מיר די הייליגע ספרים". קוקען די קאָזאַקען; קוקען עפּעס ווי מיט חשד. נאָר ר' ישראל פאַלט ביי

זיך ניט אַראָב. מיר זענען יודען, זאָגט ער און האָבען מיט קײנעם קײן עסקים ניט, איהר מעגט אונז גלױבען", זאָגט ער. פרעגען די קאָזאַקען: פון װאַנען װײסען מיר, אַז איהר זענט יודען? זאָגט ר' ישראל: „אַ סימן, אַז מיר טראָגען ציצית"... הײסען די קאָזאַקען זיך בעװײזען די ציצית, קאַשערט אָב ר' ישראל זײנע פּאָלעס, און דער גאַסט — קאַשערט אָב זײנע פּאָלעס און בעװײזען די לאַנגע כּפול־שמונה'דיגע ציצית. פּסק'ענען אָב די קאָזאַקען: „זשידי" — און גערהען אַװעק. און װי זײ זענען אָבגעפאָהרען, האָט זיך ר' ישראל פונאַנדערגעװײנט װי אַ קלײן קינד, ער האָט שױן מעהר ניט געקענט בעהערשען, װאָס ער האָט פאַר די דאָזיגע נאַכט איבערגעלעבט...

דער עלטערער שאַפער שװײגט אַ װײלע, אין שאַפאַרניע װערט שטיל, מעהר הערט זיך ניט, װי דער װינט און דער סאַמאָװאַר. ד' שאַפאַרעס געפינען זיך נאָך אינגאַנצען אונטער דעם אײנדרוק פון דער אימה'דיגער נאַכט, װאָס דער דאָזינער ר' ישראל פון דעם שאַפערס געשיכטע האָט איבערגעלעבט.

— הקיצור, — הױבט דער עלטערער שאַפער װײטער אָן, — דער אַלטער גראַף האָט אױף מאָרגען בעקומען פון ר' ישראל'ן זײן שײגעץ מיט זײנע דימענטען אַזױ גאַנץ, װי ער האָט זײ געבראַכט, און אַז דער מיאַטעזש האָט זיך געענדיגט, האָט ער געשיקט נאָך ר' ישראל'ן: „זאָג מיר, פרעגט ער, פּאַני סרול, למאי האָסטו דעם פּאַניטש ניט אַרױסגעגעבען און ניט אַנטלאָפען מיט די דימענטען, — דו װאָלסט דאָך געװאָרען אַן'עושר?" ענטפערט איהם ר' ישראל: „למאי זאָל איך זוכען רײכקײט דורך גנבה און פאַלשקײט, אַז איך האָב אַ גאָט, װאָס קען מיר געבען עשירות דורך עהרליכען מסחר?" איז דעם גראַף זעהר געפעהלען געװאָרען דער ענטפער, און ער האָט ר' ישראל'ן געגעבען אַ קאָנטראַקט אױף האַנאָשצינער װאַלד. ר' ישראל האָט קײן געלט ניט געהאַט, נאָר, פערשטעהט זיך, אַז מ'האָט אַ גוטען געשעפט, קריגט מען שױן געלט אױך. אַכציג טױזענדער האָט ער אין די ערשטע צװײ יאָהר אױסגעצאָהלט דעם גראַף, און אױפ'ן דריטען יאָהר איז ער שױן געפאָהרען צום גראַף אין אימעניע אױף אײגענע פערד אין אײגענע קאַרעטעס. דער גראַף איז צו איהם געװען װי צו אַן'אײגענעם ברודער, און אײנמאָל האָט ער איהם פערבעטען צו זיך אין קאַבינעט און האָט איהם בעװיזען אױפ'ן װאַנט אַקעגען די הײליגע בילדער: „דו דערקענסט עס? פרעגט ער. ר' ישראל האָט אַ קוק געטון און דערקענט זײן אײגענעם אַרבע כּנפות,

וועלכען ער האָט אַמאָל געגעבען אָנטון דעם פּאַניטש אין יענע שרעקליכע נאַכט. „דו זאָלסט וויסען, זאָגט דער גראַף, אַז אָט דער דאָזיגער שטיקעל ציץ האָט מיר געראַטעוועט מיין פּלימעניק, און ער איז מיר דערפאַר אַזוי הייליג". און דער אַלטער גראַף האָט אַ קוש געטון דעם ארבע כנפות, ווי אַ גוטער פרומער יוד...

– יאָ, אָט אַזוי איז **דאָס** אויסגעוואַקסען די פירמע פון ר' ישראל דעם האָראָדאָקער...

שטיל ווערט אין שאַפּאַרניע, ווען דער עלטערער שאַפער ענדיגט זיין געשיכטע. די צוהערער בלייבען זיצען פערטראַכט. נאָר דער וואַלד רוהט ניט, ער רוישט און רעדט אָהן אויפהער אויף זיין טומעלדיגען לשון. איצט, דוכט זיך, זעצט ער פאָרט די געשיכטע וואָס איז זיך פערלאָפען מיט ר' ישראל דעם האָראָדאָקער, וועלכער איז דורך אַ צופאַל, וויאָס קען נאָר אין וואַלד טרעפען, געוואָרען פון אָרימען שאַפער דער בעוואוסטער רייכער וואַלדהענדלער. אָדער דער וואַלד דערצעהלט וועגען אַנדערע סודות, וואָס זענען אין איהם פערשלאָסען און זייער צייט איז נאָך ניט געקומען צו ענטפּלעקט ווערען.

די שאַפּאַרעס הערען. זיי ווייסען ניט וואָס רעדט דער וואַלד. נאָר זיי פיהלען, אַז פול, פול זענען די רוימען אַרום זיי מיט סודות און געהיימנישען... און ווער ווייס, אפשר איז פאַר זיי אויך גרייט אַ צופאַל, וואָס וועט זיי אַרויפטראָגען אַרויף, אין די ערשטע רייהען... צי דען קנאַפּ וואונדער האָט דער וואַלד? צי דען קנאַפּ מעגליכקייטען זענען אין איהם פערבאָרגען? וואו דען קען אונערוואַרטעטעס געשעהן, אויב ניט אין וואַלד?

און פּרעהליך זינגט צו דער סאַמאָוואַר, גלייך ער וויל אַייך מוטיגען: אַלץ, אַלץ קען נאָך טרעפען, אַלץ קען נאָך זיין... און מוטיג קנאַקט צו דאָס האָלץ אין ברענענדיגען אויבען: בטחון, בטחון, בטחון...

פון שטן.

(א פריהלינג-מעשה'לע).

I.

פריהלינג איז דעמאָלט געווען אויף דער וועלט. האָבּען גאָט'ס קינדער געשיקט מתּנות די מענשען לכּבוד דעם גרויסען יום־טוב. די ערד האָט אויך געשענקט גרינע גראָז און שמעקענדיגע בּלומען. די זון האָט געשיקט פון דער הויך גאָלדענע שטראַהלען. גוטע מלאכים האָבּען אַראָבּ־געבּראַכט זינג־פויגעלעך; זייער געזאַנג האָט געקלונגען אומעטום. און מענשען האָבּען געהערט. —

דער שטן האָט ניט געוואָלט אָבּשטעהן פון אַנדערע, ער האָט אויך געוואָלט זיינע אַ מתּנה בּרענגען די מענשען. איז ער אַוועק און אַרויס־גע'גנב'עט פון גאָטס אוצר אַ נשמה, וועלכע גאָט האָט צוגעגרייט פאַר די שפּעטערדיגע לעצטע דורות.

דער שטן האָט די נשמה אַראָבּגעשיקט אויף דער ערד, אין אַ מיידעלע, וואָס איז ערשט געבּאָרען געוואָרען.

פרעהליך און גוט איז געוואָרען אין שטוב, ווען די נייע נשמה'לע האָט געלאָזט הערען איהר שטים צום ערשטען מאָל. טאַטע־מאַמע און

די הויבען האָבען געמיינט, אַז אַ גן־עדן־געזאַנג קלינגט זיי אין די אויערען.

האָט דאָס מיידעלע דאָס ערשטע מאָל מיט פערשטאַנד אַ קוק געטון אַרום זיך מיט איהרע גרויסע בלאָהע אויגען, האָט עס אַרום זיך אַ שמחה פערשפּרייט. טאַטע־מאַמען האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער הימעל שפּיגעלט זיך אָב אין איהרע אויגען.

די ערציהערין פון דעם קינד האָט זיך עפּעס געפיהלט, גלייך ווי זי וואָלט געהאַט צוהיטען אַן־אוצר, וואָס געהערט דער גאַנצער וועלט. האָט זי עס געהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און זי האָט זעהר שטאָלצירט, וואָס מ׳האָט איהר אָנגעטרויעט אַזאַ טייערן אוצר.

מענשען האָבען געליעבט דאָס קינד, האָבען זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף איהם, אויף די הענט האָבען זיי עס געטראָגען, קיין אויג דערפון ניט אַראָבגענומען.

געפיהלט האָבען זיי, אַז די נשמה געהערט זיי אַלעמען. זיי האָבען נאָר מקנא געווען דעם מיידעלעס עלטערען, וואָס אויף זייער מזל איז אויסגעפאַלען צו געבוירען זי, האָדעווען און ערציהען.

דאָס מיידעלע אַליין האָט אויך געפיהלט, אַז זי געהערט צו אַלעמען, און האָט אַלעמען ליעב געהאַט.

עס איז נאָך געווען אַ קליינס. און יעדערער, ווער עס האָט נור געוואָלט, איז געקומען און גענומען פון איהר נשמה, ווי פון אייגענעם קאַסטען.

די עלטערען האָבען אָבער געמיינט, אַז דאָס מיידעלע געהערט זיי אַליין און מעהר קיינעם ניט. נאָר כל זמן דאָס קינד איז געווען קליין, האָבען די עלטערען ניט געקוקט דערויף, וואָס מענשען מיינען, אַז זיי האָבען אויך אַ חלק אין זייער אוצר. די אַנדערע האָט אויך ניט געאַרט, וואָס דעם מיידעלעס עלטערן הערשען אַליין איבער דעם אוצר— און שלום איז געווען אויף דער וועלט.

און אין פריעדען און מיט פריידען האָבען אַלע געפייערט דאָס געבורט פון דעם מיידעלע יעדען פריהלינג, ווען די ערד האָט געשענקט בלומען און די זון שטראַהלען — לכבוד דעם יום־טוב.

אַזוי איז געגאַנגען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. דאָס מיידעלע איז געוואָרען עלטער, און די אוצרות פון איהר נשמה — גרעסער, און צוגלייך דערמיט איז אַלץ גרעסער געוואָרען דער פערלאַנג בײַ יעדען איינציגען צו פערמאָגען אַליין דאָס מיידעלע.

נאָר דאָס מיידעלע האָט קיין מאָל ניט פערגעסען, אַז זי געהערט אַלעמען. זי האָט אַלעמען גלייך ליעב געהאַט — אַנדערש האָט זי ניט געקאָנט.

אָבער יעדערער האָט געוואָלט, זי זאָל איהם אַליין ליבען, און נור פאַר איהם אַליין זאָל קלינגען איהר שטים מיט דעם גן־עדן־געזאַנג. און יעדערער האָט געקוקט אויף אַלע איבעריגע ווי אויף שונאים, דערפאַר, וואָס זיי הערען אויך איהר שטים, און קוקען אויך אין איהרע אויגען.

פון פריעדען און גליק האָט זי צו אַלעמען גערעדט, מיט ליעבע און פריידען האָט זי צו אַלעמען אין די אויגען געקוקט. אָבער צווישען מענשען האָבען נור געוואַקסען — שנאה, און טרויער, און ליידען.

מענשען האָבען צווישען זיך מלחמה געהאַלטען, האָבען איינע די אַנדערע בלוט פערגאָסען; זיי האָבען זיך ניט געקענט טיילען, יעדערער האָט געוואָלט אַליין פאַר זיך איננאַנצען די מתנה פון דעם שטן.

און דער שטן האָט געלאַכט.

ער האָט געלאַכט פון גאָטס גוטסקייט, פון מענשענס גליק, און פון הייליגקייט. און קיינער האָט ניט געהערט, ווי דער שטן לאַכט, — ווייל מענשען זענען געווען פערנומען מיט דער מלחמה פאַר דעם שטנ׳ס מתנה.

נאָר דאָס מיידעלע אַליין האָט איינמאָל דערהערט דעם געלעכטער — דעמאָלט האָט זי פערשטאַנען, אַז ליעבען אַלעמען צוזאַמען קאָן מען ניט — מענשען פערשטעהען עס ניט. זי האָט פערשטאַנען, אַז געהערען אַלעמען צוזאַמען קען מען ניט — מענשען ווילען עס ניט. מענשען ווילען איינענס פאַר זיך. מענשען בויען הייזער פאַר־זיך, צימערן פאַר־זיך. יעדערער עסט פון זיין טעלער, מיט זיין לעפעל. זי האָט פערשטאַנען, אַז מענשען קאָנען ניט אַנדערש, זיי מוזען צוברעכען דעם גרויסען איינציגען גליק, דעם גרויסען איינציגען חלום, אויף קליינינקע ברעקעלעך, יעדערער זאָל האָבען זיין קליין חלומ׳על פאַר זיך.

זי האָט פערשטאַנען, אַז איהר לעבען אין איהר צייט — דאָס איז אַ ליצנות פון דעם שטן, וואָס לאַכט אויס פון מענשען.

און זי האָט פערלאָזען די וועלט.

III.

אינהאלט.

1) צווישען די בערג.

2) די העלדען פון טויט.

3) איינער און אַ צווייטער אַ בעסערער.

4) עלטערען.

5) אַ טראָפּעלע גליק.

צווישען די בערג.

II.

איינע פון די אַנדערע, איינע איבֿער די אַנדערע האָבֿען די בערג זיך געצויגען מיט זייערע שטאַרקע, ווי פון שטאָהל אויסגעגאָסענע, רוקענס אַרויף אין דער הויך; שטאָלץ און לייכט, ווי ריזיגע ספינקסען אין אַ וואונדערלאַנד, האָבֿען זיי געשטיצט דעם הימעל און פערטראַכט אַריינגעקוקט אין די פרייע האַלבֿע וועלט, וואָס איז פאַר זיי אָפען געווען. די גרויסע צייט האָט איהר לאַנגען וועג אַריבֿער זיי געצויגען אַלץ ווייטער און נאָך ווייטער ביז אין די אונענדליכקייט אַריין. און גרויסע מחשבות, לויטערע, ווי די לופט, וואָס צווישען זיי, טיעפע, ווי דער הימעל, וואָס איבֿער זיי, האָבֿען זיך, ווי שטילע סודות פון דער נאַכט, לייכט און שלאַנק געהייבֿען אין זייערע קעפּ. דאָס זענען געווען מחשבות וועגען דעם, וואָס אַמאָל — אין די ערשטע יונגע יאָהרען פון דער ערד, האָט זיי גאָט איינמאָל אַוועקגעשטעלט און געזאָגט צו זיי: שטעהט אויף אייער אָרט און היט מיר די האַלבֿע וועלט מיינע און זייט מיר אַ שטאַפּעל צו מיין הימעל אַרויף אין זינט דעמאָלט שטעהען זיי

אויף אײן אָרט און זעהען בײ זיך צופוסען דעם גרינעם טאָל, וואו שײנע בלומען בליהען און שמעקען, קריסטאָלענע טײכלעך רינען און מורמלען, און מענשען און חיות געהען אַרום צווישען די שמעקענדיגע בלומען און שווינקען זיך אין די קריסטאָלענע וועלען; און זינט דעמאָלט שטעהען זײ אויף אײן אָרט און זעהען איבער זײערע קעפּ דעם הויכען הימעל, וואו ליכטיגע שטערן שײנען און ווינקען, לויטערע זונען רופען און לײכ־טען, און גאָט און זײנע מלאכים פליהען אַרום צווישען די שטערען און צווישען די זונען, באָדען זיך אין דער שײן פון די אַלטע און שאַפען נײע, נאָך שענערע און ליכטיגערע וועלטען; און זינט דעמאָלט שטעהען זײ אויף אײן אָרט, הויכע און גרויסע, און די צײט געהט און געהט, ציהט אָהן מיעדע און אָהן אויפהער איהר לאַנגען וועג איבער זײערע זילבערנע קעפּ און בלײבט שטענדיג אויף אײן אָרט — אַ יונגע און אַ נײע...

רוהיג און מיט גלײכען ברײטען שטראָם האָט זיך געגאָסען דאָס באַרג־לעבען צווישען די פעלזען, אַ טריט נאָך אַ טריט, אַ טאָן נאָך אַ טאָן פולע זאַפטיגע טענער צוזאַמען מיט דער אײביגקײט. מיט רוה, וואָס קײנער קען זי ניט שטערען, איז דער ערדבאָדען געשטאַנען אונטער די ריזיגע פעלזען; מיט דער זעלבער רוה האָבען זיך די ברײטע הימעל־רוימען געשטיצט אויף די שפּיצען פון די פעלזען. און אַפילו לעבעדיג־אָטעמענדע שטילקײט האָט געשוועבט איבער דער רוה און געוויגט זיך אויף די ווײכע לופטיגע פליגלען איהרע. אַ קלאָר בערגטײכעל איז זיך געשפּרונגען איבער די שטײנערנע זײטען פון די בערג, געדרונגען אין זײן פערדרעהטען וועגעל און האָט אַרײנגעמורמעלט אין דער שטילקײט זײן לאַנגע מעשה וועגען די גרויסע מחשבות, וואָס ער האָט אַרויסגעשווינקט בײ די בערג פון די הערצער, ווען ער האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון דאָרט. שטיל האָט זיך דאָס מורמלען געשפּרײט איבער די הויכע פעלזען צום הימעל אַרויף און צום אָבגרונד אַראָב און האָט זיך אין אײדעלע שלאַנקע שטרוימדעלעך געקנוילט אין דער לופטען, ווי אַ צויבער־מאָטיוו פון דער אײביגקײט. די ליכטיגע זונענשטראַהלען פון אויבען

האָבען זיך צוזאַמענגענומען און זענען פער׳כשופ׳טע, מיט אינעווייניגסטען פלאַטערן געהאַנגען איבער דער קוועלענדיגער האַרמאָניע. פער׳כשופ׳טע, מיט בעהאַלטענעם ציטערן האָבען זיך אונטען די געדיכטע שאָטענס געשפרייט איבער דעם תהום, פערזונקענע אין דער מעלאָדישער רוהיגקייט. גרויס־גאוה׳דיג האָט זיך די צייט געריהרט לאַנגזאַם אין דער רייַדענדיגער שטילקייט.

שטיל און רוהיג־גרויס איז געווען צווישען די בערג.

און פלוצלונג האָט זיך די שטילקייט אַ טרייסעל געטהון. די מע־לאָדיע פון דעם טייבעל האָט געגעבען אַ ציטער. די אָטעמענדיגע לופט האָט זיך אַ רגע אָבגעשטעלט. און אַלע אינאיינעם זענען פערשטאַרבען, צוהאָרכענדיג זיך צו דעם טויבען אָבקלאַנג, וואָס האָט זיך קוים־קוים געלאָזט הערען פון צופוסען ביי די בערג. ווי דער אָבשיין פון די ערשטע שטראַהלען ליכטיגקייט אין די גרויע שאָטענס פון פאַרטאָג, האָט דער אָבקלאַנג אַריינגעדרונגען אין דער שטילקייט פון די בערג, מיט אַ טאָן נאָר עטוואָס אַ דיקערן פון איהרע אייגענע טענער. נאָר געוואַקסען איז ער און אַלץ קלאָרער אויסגעווינט זיך אין דער שטיל־קייט, אַרויפקלינגענדיג זיך פון צופוסען ביי די בערג אַרויף אין דער הויך, ביז ער האָט דייטליך אויסגעגאָסען זיך אין אַן־אָבקלאַנג פון מעכטיגע ענטשיעדענע טריט און פון פרעהליכען זאָרגלאָזען געשפרעך.

— עמיצער געהט, עמיצער געהט... — האָבען די ברייטע שאָטענס אָנגעפאַנגען אַיינרוימען שטילע סודות איינע די אַנדערע, און האָבען זיך צושאָקעלט.

און דאָס טייבעל האָט האַסטיג געלאָזען איהר שטרוימענדיג וואַסערל קייקלען זיך איבער זיין נעדרעהטען ווענעל אַראָב מקבל פנים זיין די געסט, און פאַרביילויפענדיג האָט ער אין אַלע בעהאַלטענע ווינקעלעך צו אַלע שפיציגע פעלזען פונאַנדערגעטראָגען די בשורה. — עמיצער געהט, עמיצער געהט...

אַ ווילדע ציג איז אַרויסגעשפרונגען פון הינטער אַ שטיינערנער וואַנט אויפ׳ן ברעג אָבגרונד, האָט זיך דערשראָקען, נייגיעריג אַרויס־געקוקט זיך, אַ ווײַלע צוגעהערט זיך צו דעם הילכיגען אָבקלאַנג פון אונטען און איז מיט אַ האַסטיגען שפרונג פערשוואונדען געוואָרען

הינטער אַ שטײן, פערוואונדערט אויסרופענדיג: — עמיצער געהט, עמיצער געהט...

אַ גרויסער אָדלער איז אַרויסגעשוואומען פון אַ שפּאַרינע, האָט אָנגעפילט די לופט מיט אַ ווײכען פלאַטערן פון זײנע פליגלען, האָט אַראָבגעקוקט מיט זײנע שאַרפע אויגען אין דער נידער, אַרויפגעהײבען זיך לײכט ווי אַ ווינד אין דער הויך און האָט אַרײנגעשיקט אין די וואָלקענס אַן׳אונרוהיגען געשרײ: עמיצער געהט, עמיצער געהט.

און די צײט האָט אַ שטיק פעלז אַרויסגעריסען בײ די בּערג און האָט איהם אַראָבגעוואָרפען אין אָבּגרונד אַרײן מיט אַ דונערדיגען קנאַלען, אויף װעלכען דער עכאָ פון די בּערג האָט זיך אין אַלע ווינקעלעך צווישען די פעלזען אָבּגערופען, געזאָגט און איבּערגע׳חזר׳ט: זײ געהען, זײ זענען שוין דאָ!...

און פון הינטער אַ פעלזענוואַנד זענען זײ אַרויסגעגאַנגען צום בּרעג פון׳ם טײכעל. זאַלבּעגאַנד זענען זײ געוועזען: ער — אַ הויכער מיט אַ פערבּרוימטען געזיכט, אײנגעפּאַסט אין אַ זײדענבּלאָנדען יונגען בּאָרד. אין מיטען איז ער געוועזען אַרומגענומען מיט אַ בּרײטען גאַרטעל, וועלכער האָט קלאָר אויסגעצײכענט אויף דער גרויער בּערגמאַסע די ענערגישע שטריכען פון זײן שטאָהלענעם קערפּער. מיט אַ לאַנגען שטעקען, וואָס האָט געהאַט אַן׳אײזערנעם שפּיץ, אין האַנד, און הויך געהויבּען דעם קאָפּ, איז ער געשטאַנען אַזוי גלײך און שטײף און שטאָלץ, ווי אײנער פון די פעלזען.

און זי — אַ דינע, אַ שלאַנקע, מיט אַ רײנעם קלאָרען געזיכט, וואָס די קוים גאָר קענטיגע דינינקע פּוכיגע הערעלעך זענען אויף איהם געוועזען, ווי דער שמעקענדיגער רײנער שטויבּ אַרום קאָפּ פון אַ בּלום. זײדענע שוואַרצע לאָקען האָבּען זיך אַראָבּגעשלענגעלט און זענען זיך לוסטיג פונאַנדערגעלאָפען אין אַלע זײטען אַרום קאָפּ, בּיז זײ זענען זיך צונויפגעקומען הינטען אויף אידר אײדעלען אַקען, און האָבּען זיך דאָרט צונויפגעפלאָכטען אין אַ ווײכען לאַנגען צאָפּ בּיז די קניה, איהר אײדעלע בּײנזאַמע טאַליע מיט דער יונגער בּרוסט זענען געוועזען אַזוי

ליכט און פריש, ווי די דורכזיכטבאַרע בלויליכע נעבלען, וואָס זענען געשוואומען אין דער הויך צווישען די פעלזען. און זי איז נעבען איהם געשטאַנען, אַזוי פול מיט חן און מיט אַזאַ זודיגען שטרעבען אין יעדען אבר, ווי אַ הירש פון די בערג, בעת ער איז גרייט אַ שפרונג טון אַרויף אויף אַ פעלז פון דער נידער.

זייערע ביידענס הערצער האָבען מעכטיג געקלאַפט. זייערע ביידענס געבליטען האָבען האַסטיג געשטרוימט אין די אָדערן און אויף זייערע ביידענס געזיכטער, אויף זיין בלאַסליכען — פון אָנגעשטרענגטער ענערגיע, און אויף איהר פערוויטעלטען — פון אָנגעצונדענער התלהבות, האָבען די אויגען געפלאַמט מיט דאָרשט נאָך לעבען און מיט אונענדליכער אמונה אין זיך און אין זייער נצחון.

נעבען אַ גרויסען שטיק פעלזען, וואָס האָט זי איבערגעצאַמט דעם וועג, האָבען זיי זיך צוגעשטעלט. זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט אויף די ריזיגע פעלזען-קאָלאָנען, וואָס האָבען שטאָלץ אונטערגעהאַלטען דעם הימעלסופיט אויף זייערע קעפ. זיי האָבען זיך צוגעהערט צו דעם בערגטייכעל, וואָס האָט געטאַנצט צו זייערע פיס און האָט זיי, אונטער-שפרינגענדיג מיט זיינע קריסטאַלענע וועלען, צוגעוואָרפען שטיקלעך זינגענדיגע סודות פון יענע, וועלכע ער האָט אַרויסגעשווינקט ביי די בערג פון די הערצער. זיי האָבען מיט פולער ברוסט געאָטעמט די לופט, וואָס האָט זיך, אַ לויטערע, אַ ריינע, ווייך געשפּרייט אַרום זיי.

— גוט!.. — האָט זיך ביי איהר די ענטציקונג אַרויסגעריסען פון פולען האַרצען.

און ער האָט געזאָגט:

— גוט! — ברייטע, ברייטע הימלען!... גרויס, ליכטיג, גערוים! און דאָרט אויף די שפּיצען, זעהסט? — דאָרט איז דער הימעל נאָך ברייטער, די געראַמקייט פרייער! דאָרט שיינט די זון נאָך ליכטיגער און העלער... ווייט איז נאָך אַהין, ווייט!... זעהסט, ווי ווייט?

זי איז מיט אַ פריידיגען געלעכטער צוגעפאַלען צו זיין אַקסעל:

— ווייט, יאָ, ווייט!...

און נרינג, װי אַ פּעדערל, האָט ער זי אַ הױב געטון און אַװעקגע־שטעלט אױף דעם שטיק פעלזען, װאָס האָט זי איבערגעצאַמט דעם תהום.

— ניב אַ האַנד! — האָט ער געזאָגט.

און מיט דעם זעלבען פרײדיגען געלעכטער האָט זי איהם שפּילענ־דיג דערלאַנגט די האַנד. ער האָט זי אָנגענומען, און לײכט און פריש, װי אַ אינד אױף אַ ברײטען טיפען װאַסער, האָט ער זיך אַ שװנג געטון און אַװעקגעשטעלט זיך נעבען איהר אױפ׳ן שטײן.

— װײטער אַרױף! — האָבען זײנע בלוטען געזאָדען.

— אַרױף, װײטער! — האָט אין איהר האַרצען אַ שמחה געקאָכט.

און אין אַלע װינקעלעך פון די בערג האָט געציטערט דער לײדענ־שאַפטליכער קלאַנג פונ׳ם עכאָ: אַרױף, װײטער!...

און שטום זענען געשטאַנען די פעלזען און פער׳כשופ׳טע צוגעהערט זיך, װי דער לעצטער אָבקלאַנג פון איהר פרײדיגען געלעכטער איז פערשטאָרבען אין דער לױטערער לופט.

נאָכדעם האָט זיך װידער אַ זאַפטיגע שטילקײט צעשפּרײט איבער די בערג. אין דער שטילקײט האָט זיך אַ װײסער מלאך אַראָבגעלאָזען און געבליבען שטעהן אױפ׳ן ברעג פונ׳ם טײכעל. ער האָט אױסגע־גלײכט זײנע קריסטאַלענע פליגלען און צונױפגעלענט זי אױף די זײטען. די לופט פון די בערג האָט איהם שטיל בעװעהט, און זײנע אױגען האָבען איהם אָנגעפאַנגען צו שטראַהלען. ער האָט זיך אַ דרעה געטון אױף רעכטס, אַ קעהר געטון אױף לינקס, האָט זיך אַרומגעקוקט אױף הינטען און מיט אַ ציטערדיגער שטים פון קװעלענדען נחת האָט ער אַרײנגעזונגען אין דער שמעקענדיגער לופט:

— דאָס איז אַ ריח פון גן־עדן: מענשען זענען דאָ געװען...

ער האָט פונאַנדערגעלאָזען זײנע װײסע פליגלען, האָט מיט זײ אַנגעהײבען צו פאָכען און האָט אַװעקגעשיקט אַ שטילען פליסטערן אין אַלע פיער עקען װעלט.

— אַ הער, אַ הער, מיינע יונגערע ברידער, פון נאָהענט און פון ווייטען, פון אונטען, און פון אויבען, פון אַלע פיער זייטען!...

און דאַמאָלסט איז די לופט פול געוואָרען מיט פלאַטערן פון ווייסע פליגלען. פון אַלע זייטען זענען זיך צונויפגעפלויגען יונגע מלאכים, האָבען זיך שורותווייז אויסגעשטעלט אין אַ האַלבען ראָד אַרום דעם ערשטען מלאך, דעם עלטערען ברודער זייערן, האָבען זיך אַלע אינ־איינעם געקוויקט מיט דעם מענשענאַראָמאַט, וואָס האָט געפילט די לופט, און זייערע הערצער זענען אין זיי געוואַקסען פון נחת, און זייערע אויגען האָבען ווי זונען געשיינט פון שמחה.

און אַ שטילעם ליעד האָט זיך געגאָסען פון זייערע ליפּען און איז שטיל געגרונען צוזאַמען מיט די סודות פון די בערג אויף די שפּילענדיגע וועלען פון דעם טייכעל, האָט זיך געוויגט צוזאַמען מיט דעם אַראָמאַט פון דער לופט און דער מעלאַדישער רוהיגקייט, האָט זיך געצויגען צום אָבגרונד אַראָב און צום הימעל אַרויף און האָט אָנגעפולט אַלע רוימען צווישען הימעל און ערד מיט ליוב צו דעם מענשען.

און אַז די מלאכים זענען זיך צעפלויגען, האָט אַ שוואַרצער שד אַרויסגערוקט זיין באַקענקאָפּ פון אַ פינסטערען שפּאַלט צווישען די בערג, מיט ציינישער חוזק־הצויה האָט ער זיך אָנגעהייבען קרימען אָקעגען דער שטילער הייליגקייט, וואָס איז געהאַנגען איבער די בערג, און האָט זיך הויך און גראָב און פערשייט פונאַנדערגעלאַכט.

ביימענדיג און מורשטענדיג די שטילקייט האָט דער עכאָ דאָס געלעכטער געטראָגען פון שטיין צו שטיין, פון אָבגרונד צו אָבגרונד אין אַלע עקען פון די בערג... די בערג האָבען שטריינגע און טריבע צו־געהערט דאָס פערשייטע געלעכטער און מיט דונקעלע נעבלען פון הימעל זיך פערדעקט; און גרויסע מחשבות אַזעלכע שווערע, ווי זייער איינענע משא, האָבען זיך, ווי בייזע קאָשמאַרען פון דער נאַכט שווער און לאַנגזאַם געהייבען אין זייערע קעפּ — וועגען מענשען און מלאכים, און שדים...

העלדען פון טויט.

III.

אמאָל איז געווען אַ יונגעל, און אַ מיידעל – אויך.

פלעגט דאָס יונגעל קוקען אויף דאָס מיידעל, און אַ פרייד פלעגט פול מאַכען זיין האַרץ, וואָס ער לעבט, און וואָס גליק איז פאַרהאַן אויף דער וועלט.

ער פלעגט קוקען אויף דאָס מיידעל און טראַכטען, אַז איהרע האָר שמעקען, ווי אַ בליהענדיגער סאָד און פאַלען ווי געפלאָכטענע שלאַנגען, פון קאָפּ אויף די אַקסלען אַראָב. וועגען איהרע אויגען פלעגט ער טראַכטען, אַז זיי קוקען ניט, נור זיי מאָהנען, ווען וועט שוין אַ וואונדער געשעהן.

אָפטמאָל פלעגט זיך איהם וועלען נעמען דעם מיידעלס האַנט אין זיינער. פלעגט ער זי נעמען, קושען און טראַכטען: ווי עהנליך זי איז צו אַ ליליע! און וואונדערן פלעגט ער זיך, וואָס האַלטענדיג אַן אמת'ע ליליע האָט ער קיין מאָל ניט געפיהלט אַזאַ פרייד ווי איצט, ווען ער האַלט די דאָזיגע האַנט, וואָס איז נור עהנליך צו אַליליע.

אין גאַנס פלעגט ער קוקען אויף די שיינע פרויען, וואָס ער פלעגט בעגעגענען, און מיט רחמנות צו זיי טראַכטען, אַז קיינער פון זיי איז ניט

גלייך צו איהר, קיינער וועקט ניט אַזאַ ציטערן אין האַרצען, ווי זי און ער פלעגט דעמאָלט ניט קענען פערשטעהן, ווענען וואָס ריידען מענשען, וואָס טראַכטען זיי און וואָס, וואָס פיהלען זיי?...

פלעגט זיך איהם וועלען צו איהר.

און האַלטענדיג זי אין זיינע אָרעמס האָט ער געמיינט, אַז ער האַלט עס אַרומגענומען דאָס גליק פון דער גאַנצער וועלט. און דעמאָלט פלעגען זיך ביי איהם אין זעלע אָנהייבען וויעגען לידער מיט קלינגענדיגע ריימען, וואונדער-מעשׂות מיט שיינע בילדער. ער פלעגט טראַכטען, אַז די לידער נעמען זיך פון איהר, די מעשה'לעך פון איהר, — אַלץ קומט איהם פון איהר, און אַלץ ווילט זיך איהם צוריק אָבגעבען איהר אַלע זיינע בילדער, און זיך אַליין מיט דער נשמה איינגאַנצען.

און דאָס מיידעל האָט אַלץ גענומען, וואָס דאָס יונגעל האָט איהר געגעבען. זי האָט געוואוסט, אַז זי נעמט אַפּולע, און האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט איהר אַפּולע געפעהלט. אַ גרויסער טייל פון איהר לעבען וואָלט איהר געפעהלט, ווען ער וואָלט פון איהר אַוועק. אומעדיג פלעגט איהר ווערען, ווען זי פלעגט טראַכטען; טאָמער געהט ער פון איהר אַוועק?...

דעריבער איז ער איהר טייער געווען. סיי אין גוטע צייטען, ווען אַליין פלעגט איהר שווער זיין איבערצולעבען אַ שׂמחה, סיי אין שלעכטע צייטען, ווען עס פלעגט זיך איהר בענקען נאָך אַ נאָהענטען מענשען, פלעגט זי קומען צו איהם. און איהר איז שטענדיג לייכט געווען צו בעווייזען זיך פאַר איהם אין דער נאַקעטקייט פון איהר נשמה, ווי אין דער נאַקעטקייט פון איהר לייב. וואָרום זי האָט געוואוסט, אַז ער פערשטעהט זי — איינגאַנצען.

נאָר דאָס יונגעל האָט זיך געזאָגט: איך בין אין דעם מיידעל פערליבט. און דאָס מיידעל האָט זיך געזאָגט: איך בין אין דעם יונגעל ניט פערליבט.

זי האָט איהם דערציילט:

טיעף אין איהר, אין האַרצען, צו אין נשמה, דרימעלט פערבאָרגען עפּעס, וואָס זי פיהלט און ווייס ניט, וואָס איז עס אַזוינס. און הייסע נעכט, ווען עס חלומ'ט זיך אויפ'ן וואָהר, און דאָס וואָהר פערוואַנדעלט זיך אין חלום, שפּירט זי, אַז עס צעגיסט זיך, ווי אַ פלאַם פייער, איבער אַלע איהרע אָדערן. דעמאָלט דוכט זיך איהר, אַז עמיצער שוועבט איבער איהר אַרום, געהט צו נאָהענט צו איהר געלעגער, פיהלט זי זיין

אָטעם, דערװײטערט ער זיך, האָט זי מוֹרא, װי האָט איהם די נאַכט פערשלונגען. און װידער קומט ער, דוכט זיך, ער ריהרט איהר לײב מיט זײנע פליגעל אָן.

קײן מאָל האָט זי ניט געזעהן, װער דאָס איז; קײן מאָל האָט זיך איהר קײן דײטליכעס בילד ניט בעװיזען. זי האָט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט נאָר זײן זודיגען בעריהרען זי געפיהלט, זײן הײסען אָטעם און זײן שאַרפען בליק. זי האָט קײן מאָל אפילו זײן שאָטען ניט געזעהן, נאָר ער בעצװינגט איהר האַרץ. זי ציטערט אין זײן נאָהענטקײט, װי א טײבעלע אַקעגען שפּאַרבער. ער איז א שטאַרקער, ער האָט איבער איהר די ממשלה. ער קען פון איהר מאַכען װאָס ער װיל, זי איז זײנע, אינגאַנצען זײנע.

אָבער דאָס איז, דוכט זיך, ניט דאָס יונגעל. דאָס יונגעל איז עס, דוכט זיך, ניט. אין דעם יונגעלס נאָהענטקײט, בײ טאָג, װען ער קומט צו איהר, האָט זי קײן מאָל אַזױנס ניט געפיהלט. דעם יונגעלס בליק איז א װײכער, ער לאַשצעט, ער ברענט ניט. דאָס יונגעל איז ליבענדיג א גוטער; דאָס יונגעל קען פון איהר גאָר נישט מאַכען, װאָרום ער הערשט ניט; דאָס יונגעל האָט זיך אַלײן איבערגעגעבען מיט לײב און זעעלע.

עס איז איהר גוט, װאָס זי האָט איהם, דעם יונגעל, נעבען זיך; עס איז איהר הײמליך צודריקען זיך צו איהם; עס איז איהר א גליק צו האָבען אַזאַ גוטען חבר, װי ער; ער איז איהר דער בעסטער חבר.

נור נעמען עטװאָס פון איהר, דוכט זיך, קען ער ניט. ער ברענגט קײן יסורים ניט, ער װעקט קײן ציטער ניט, ער איז ניט קײן שפּאַרבער...

און פּלוצלינג איז דאָס מײדעל אין כּעס געװאָרען, זי האָט אַלײן ניט געװאוסט פאַר װאָס; זי האָט געװאוסט, אַז דאָס יונגעל איז ניט שולדיג, װאָס ער איז ניט יענער װעלכער װײזט זיך איהר בײ דער נאַכט, נאָר בײז איז זי געװאָרען, און האָט זיך גיפטיג פונאַנדערגעלאַכט.

— דו ביזט ניט מײן שפּאַרבער! — כאַ־כאַ־כאַ! קײן מאָל ניט, קײן מאָל ניט דו!

דאָס יונגעל איז געשטאַנען א פערלאָרענער, א צעטומעלטער א בלײכער, הענט און פיס האָבען בײ איהם געציטערט. און דאָס מײדעל האָט אויף איהם רחמנות געקראָגען דערפאַר, װאָס זײנע ליפּען בעטען מיט הכנעה, און ער קען ניט, האָט ניט װאָס צו נעמען.

זי האָט נעטראַכט: דער וואָס וועקט רחמנות, קען קיין הערשער נים זיין. און נאָך מעהר איז איהר א רחמנות געוואָרען אויף איהם. זי האָט איהם געזאָגט:

— דיין פריינדשאַפט איז פאַר מיר א גרויסער אוצר, אויב דו קענסט זי מיר איבערלאָזען. נאָר אויב דו ווילסט ניט, נעם זי ביי מיר צו און פערלאָז מיך. מיר וועט זעהר שווער זיין, אז דו וועסט מיך פערגעסען; איך וועל דיך קיין מאָל ניט קאָנען פערגעסען, שטענדיג וועסטו מיר פעהלען, נאָר פערהאַלטען דיך נעבען מיר האָב איך קיין רעכט ניט...

זי האָט איהם אָנגעקוקט, איז בלאַס געוואָרען און האָט צוגעגעבען:

— און אפשר קיין קראַפט ניט...

און געדוכט האָט זיך דעם מיידעל, בשעת זי האָט אַזוי גערעדט, אז דאָס יונגעל וועט זאָגען: אָדער גאָר אָדער גאָרנישט, — און וועט זיך אָבקעהרען פון איהר. עס האָט איהר געקלאַפּט אין הארצען, ווארטענ־דיג אויף דעם. זי האָט מורא געהאַט דערפאַר, און געוואָלט האָט זיך איהר, ער זאָל אַזוי טון. ס'האָט זיך איהר געדוכט, אז דאָס וואָלט געווען שיין, אז דעמאָלט וואָלט זי אפשר גאָר ניט ווען, ער זאָל זיך פון איהר אָבקעהרען...

אָבער דעם יונגעל זענען אַזעלכע געדאַנקען אויפ'ן זינען ניט גע־קומען. ער האָט זיך געזאָגט: ווי קען איך זי פערלאָזען, אז איך בין איינגעוואַקסען אין איהר, ווי א צווייג אין שטאַם, אַז איך פיהל יעדע בעוועגונג פון איהרע גליעדער און יעדעם האָר אויף איהר קאָפּ.

ער האָט פערוואונדערט און מיט שרעקען אָנגעקוקט דאָס מיידעל: וואָס רעדט זי דאָס אַזוינס; און געדוכט האָט זיך איהם, אז עמיצער האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער נשמה און וויל פון איהר דעם גרעסטען, דעם שענסטען חלק אויסרייסען.

ער איז אַוועק א היים טראַכטען וועגען דעם, וואָס ער האָט גע־הערט פון דעם מיידעל, און האָט אויסגעטראַכט, אז דאָס איז נאָר א קאָשמאַר, פון וועלכען מ'דאַרף זיך אָבטרייסלען, כדי ער זאָל צוע־שווימען, ווי א נעבעל אקעגען די שטראַהלען פון דער זון.

א מיספערשטענדניש, האָט ער געזאָגט, איז דאָס. ער האָט איהר ניט אַלץ אויסדערצעהלט, ווען ער וואָלט איהר אַלץ, אַלץ אויסגעזאָגט, וואָס ער פיהלט אויפ'ן וואַהר און אין חלום, אין דער איינזאַמקייט פון

זײן חדר און אױפ'ן נאָס צװישען מענשען, װאָלט ער שױן פערשטאַנען. װאָלט זי שױן מוזען פערשטעהן.

איז ער געקומען צו דעם מײדעל און האָט איהר אױסדערצעהלט אַלץ, װאָס ער פיהלט אין חלום און אױפ'ן װאָהר, אין דער אײנזאַמקײט אַלײן און אין גאַס צװישען מענשען.

דאָס מײדעל האָט איהם אױסגעהערט און געזאָגט:

–איך װײס שױן: דו אין מיר ביזט פערליבט, איך אין דיר–ניט.

איז דאָס יונגעל אַװעק אַ הײם אַנ'אָבהענדיגער. אַ צער האָט אַרומגענומען זײן נשמה, און לײדען האָבען צונױפגעפרעסט זײן האַרץ; אַ טיעפער איז געװען דער צער און אַ זאַפטיגער, איז דאָס יונגעל געזעסען, צוגעהערט זיך צו זײן צער און האָט געטראַכט, אַז אַזעלכען האָט ער נאָך קײן מאָל ניט געפיהלט, און פון אַזעלכען האָט נאָך דאָס מײדעל געװיס קײן מאָל ניט געהערט.

איז ער אַװעק צו דעם מײדעל און האָט פאַר איהר אָבגעדעקט די גאַנצע טיעפעניש פון זײן צער, די גאַנצע אונענדליכקײט פון זײנע יסורים, װאָס אַזעלכע האָט ער נאָך קײן מאָל ניט געפיהלט, און פון אַזעלכע האָט זי נאָך קײן מאָל ניט געהערט.

האָט דאָס מײדעל געװאַרט ביז ער האָט געענדיגט רײדען און האָט איהם געזאָגט:

–יאָ, איך האָב געהערט: דו אין מיר ביזט פערליבט, איך אין דיר–ניט. ס'איז קײן נײעס ניט.

האָט דאָס יונגעל ניט געקענט פערשטעהן, פאַר װאָס איז דאָס, װאָס ער רעדט, קײן נײעס ניט, װען דער װעהטאָג, װאָס ער פיהלט, איז אַזױ שאַרף. איז ער אַװעק צו זיך און האָט זיך גענומען צוהערען צו דעם, װאָס בײ איהם אין נשמה קומט פאָר. און יעדע רגע, האָט ער געהערט, עפנען זיך נײע קװאַלען פון בענקשאַפט אָב אין זײן נשמה, און נײע שטרױמען פון װעהטאָג גיסען זיך פון זײ אַרױס.

און נאָך האָט ער געהערט, אַז דער װעהטאָג פלײצט אַלץ טיעפער און שאַרפער פון רגע צו רגע, גלײך װי ער װאָלט געװען אַלץ געדיכטער. װאָס נעהענטער צום נרגט. און פון דעם דאָזיגען װעהטאָג האָבען זיך בײ דעם יונגעל געשאַפען נײע װערטער אין נשמה. ער האָט געטראַכט, אַז אַזעלכע װערטער האָט נאָך קײן מאָל קײן מענש אױף דער װעלט ניט געהערט, און ער איז מיט זײ געלאָפען צום מײדעל.

נאָר פון די נייע ווערטער האָט אַרויסגעקלונגען דאָס אַלט געבעט: איך האָב ליב... און דערויף דעם מיידעלס ענטפער: איך ווייס שוין...

און ברוגז איז דאָס מיידעל געווען, וואָס דאָס יונגעל בעט אַזוי. זי האָט געטראַכט, אַז ניט בעטען וואָלט שענער געווען; דעמאָלט וואָלט איהר אפשר פערדראָסען, למאי בעט ער ניט.

עס וואָלט געקענט זיין אַ שענע לעגענדע ווענען אַ פערלשטיין, וואָס איז פערשלאָסען ביי אַ יונגעל אין האַרצען, און אַ מיידעל שמאַכט דעם טייערן פערל אַרויסצובעקומען. נאָר דאָס יונגעל איז שולדיג, וואָס די שיינע לעגענדע איז ניטאָ דורך דעם, וואָס ער לאָזט דאָס מיידעל ניט שמאַכטען.

און וואָס אָפטער דאָס יונגעל פלעגט קומען, אַלץ שטאַרקער איז געווען דעם מיידעלס פערדרוס אויף איהם ביז זי האָט איהם אָנגעהייבען שטויסען פון זיך.

און דעמאָלט האָט איהר דאָס יונגעל געזאָגט: איהם איז לייכטער צו טראַכטען ווענען אַ מעסער, איידער ווענען גליק.

דאָס מיידעל האָט זיך אויסגעלאַכט: נישקשה, ער וועט גאַנץ זיין, ווען ער וואָלט האָבען כוח נעמען דאָס מעסער, וואָלט ער אפשר דאָס מעסער ניט בעדאַרפט נעמען...

דאָס יונגעל האָט ניט פערשטאַנען: פאַר וואָס גלויבט זי איהם ניט? נאָר טראַכטען ווענען דעם האָט ער קיין צייט ניט געהאַט. ער האָט זיך געזאָגט: איך בין אומגליקליך. און אַלץ אויף דער ערד איז איהם פרעמד און שווער געוואָרען. ער האָט מורא געהאַט: אַזאַ לאַנג לעבען שטעהט פאַר – וואָס וועט ער טון? לעבען צווישען מענשען מוז מען – ווענען וואָס וועט ער מיט זיי ריידען? און זעהן האָט זיך איהם גאָרנישט געוואָלט, אויסער זיין איינזאַמקייט, און טראַכטען האָט זיך איהם ווענען גאָרנישט געוואָלט, אויסער זיין אומגליק.

איז ער אַוועק און האָט זיך דערשאָסען. און דאַן האָט זיך אָנגעהייבען עטוואָס לחלוטין אונגעוועהנליכעס.

דער איבערגאַנג פון לעבען צום טויט איז געווען אַזאַ פּלוצלינגער, אַז דאָס יונגעל האָט פערלאָרען אַלע זיינע חושים. אַזוי איז עס מסתמא מיט אַלע, וואָס שטאַרבען מיט אַ ניט-נאַטירליכען טויט. דאָס יונגעל האָט ניט געהערט, ווי גוטע פריינד האָבען איהם בעוויינט, ווי דאָס מיידעל איז געבען זיין טויטען קערפּער געלעגען אַ גע׳חלש׳טע; ער

האָט ניט געפּיהלט, װי מ׳האָט איהם פון זײן צימער אַרױסגעטראָגען און אין דער ערד בעהאַלטען.

אַ בעגראָבענער איז ער לאַנג פערבליבען, װי אַ שטיק ערד פון דער ערד, אין װעלכער ער איז געלעגען – אָהן געפּיהל. די שכנים פון די דערבײאיגע קברים האָבען דורך די דינע ערדװענטלעך געשיקט ריחות פון פױלעניש צו בעגריסען דעם נײען שכן. נור דאָס יונגעל האָט ניט געהערט. האָבען די שכנים געשיקט װערעם פון זײער לײב צו דער־גען, פאַר װאָס רופט זיך דער נײער שכן ניט אָב, האָט דאָס יונגעל די װערעם ניט בעמערקט. די שכנים האָבען זיך פון די װערעם דער־װאוסט, אַז דאָרט ליעגט אַ יונגעל מיט אַ קױל אין האַרצען, האָבען זײ פון מיטלײד אָנגעהײבען אָבװאַרפען די לעצטע שטיקער פלײש פון זײערע בײנער, און מיט פערקיהלטען בלוט זיך צעגאָסען: „אַרעמעס, אומגליקליכעס יונגעל!“ נור דאָס יונגעל האָט ניט געהערט.

צו זיך געקומען איז ער ערשט אין אַ צײט אַרום פון װאונדערליכע ליעדער, װאָס האָבען זיך בײ איהם אין קאָפּ געזונגען. אָהן קלאַנגען און אָהן װערטער האָבען די ליעדער געקלונגען. די װערעם האָבען זײ דורכקריכענדיג דורך די אױערן גלײך אין מאַרך אין צענטר פון הערען אַרײנגעלעגט, װי נאָלדענע ניסעלעך. און דאָס יונגעל האָט זײ געהערט.

װאונדערליכע זענען געװען די ליעדער. זײ האָבען בעצױבערט װי כשוף, זײ האָבען געזונגען פון אײביגער אונבעװעגליכקײט, פינסטער־ניש, קעלט און שטילקײט. זײ האָבען געזונגען פון בײנער, װאָס טריקענען, פון לײבער, װאָס צערינען; פון שײנקײט, װאָס פױלט; פון גרױל, װאָס שמײכעלט – פון גליק, װאָס אין קבר, האָבען די װערעם געזונגען.

די װערעם האָבען געזונגען װעגען דעם זעלטענעם טעם פון זײן צאַרטען לײב; װעגען דעם װאונדערליכען זאַפט פון זײנע טױטע בײנער; װעגען דעם פרעכטיגען ריח פון דעם פערקיהלטען בלוט אין זײן יונגען האַרצען; װעגען זײן פעטקײט, װעגען זײער גײציגקײט, װעגען זײער זאַטקײט, אַ לױב־ליעד דעם יונגעל האָבען די װערעם געזונגען.

די װערעם האָבען געזונגען, װי גוט עס איז נאָכדעם, אַז זײ עסען אָב פון זײן פלײש, צו פערטרינקען מיט די טרעהרען װאָס אַ יונג מײדעל פערגיסט דאָרט אױבען אױף דער ערד בײטאָג און פאַרנאַכט, און דורך דער שװאַרצער ערד רינען זײ אַראָב אין קבר אַרײן. – װי זודיג און געזאַלצען די טרעהרען זענען האָבען די װערעם געזונגען.

די ווערעם האָבען געזונגען... און אז דאָס יונגעל האָט דערהערט דאָס ליעד ביז דעם דאָזיגען אָרט, איז בּיי איהם אין מוח אויפגעשוואָלען א טויטער געדאַנק; דאָס מיידעל. נאָר ער האָט ניט געוואוסט, וואָס וויינט זי. האָט ער אַוועקגעשיקט צוויי ווערעם פון זיין האַרצען, זיי זאָלען אַדורכגראָבּען זיך פון קבר אַרויף, וואו די זון שיינט, זעהן, וואָס וויינט דאָס מיידעל.

גיך און מיט גרויסען פלייס האָבען דעם יונגעלס שלוחים גענומען זיך אַרבּייטען מיט די מיילער.

צוויי טעג און צוויי נעכט האָבען זיי זיך קיין רוה ניט געגעבען, ביז זיי האָבען דעם בּאַרג ערד דורכגעגראָבען און זענען אַרויס צו דעם אָרט, וואו דאָס מיידעל איז געזעסען אויפ'ן קבר און געוויינט. זודיגע טרעהרען, ווי פערל, זענען גערונען פון איהרע אויגען, און זי האָט געטרויערט. די ווערעם האָבען אַלץ אויסגעזעהן, אויסגעהערט און אין צוריק־וועג זיך געלאָזען.

צוויי טעג און צוויי נעכט האָבען זיי פון דאָס ניי פלייסיג געאַרבּייט מיט די מיילער, בּיז זיי האָבען דעם בּאַרג ערד דורכגעגראָבען, און זענען אַראָבּ צום יונגעל אין קבר, און האָבען איהם דעם גערוס פון דעם מיידעל אָהן קלאַנגען און אָהן ווערטער, אויסמיידענדיג די אויערן גלייך אין מאַרך אין צענטער פון הערצען אַריינגעלעגט, ווי גאָלדענע ניסעלעך. זיי האָבען דערצעהלט:

אויבען, דאָרט וואו ס'איז ליכטיג, זיצט דאָס מיידעל און גיסט טרעהרען פון ליבּע, פון בּענקשאַפט, פון ענדלאָזער איבּערגעבּענקייט; זי גיסט טרעהרען פון יונגען מיידעלשען האַרצען, וועלכעס פלאַצט פון טרויער, וועלכעס זוכט איהם, וועלכעס פערלאַנגט איהם, וועלכעס שטרעבּט מיט אַלע כּוחות פון איהר יוגענד צו איהם, צו איהר העלד, צו איהר הערשער, צו איהר שפּאַרבּער...

אַמאָל איז דאָס מיידעל פערבּלענדט געווען, זי האָט ניט געקענט אָבּשאַצען די העלדענשאַפט פון דעם יונגעל, זיין גבורה, זיין גרויס. איצט ווייס זי, ווי שטאַרק דאָס יונגעל איז געווען, וואָרום ער האָט געקענט ליבּען אַזוי אונענדליך שבּאַרק, אַז, קאָכענדיג מיט יונגער קראַפט, מיט לוסט צום לעבּען, מיט דורשט נאָך גליק, האָט ער זיך געקענט אָפּגעבּען פון ליבּע צו שפּייז פאַר די הונגעריגע ווערעם.

איצט איז דאָס מיידעל איינזאַם, קיינער דריקט זי צום האַרצען ניט, אַזוי ווי ער; קיינער פערגעטערט זי ניט, ווי ער. זי בּענקט נאָך

זיינע לידער, נאָך זיינע מעשה׳לעך. אין די הייסע נעכט, ווען זי חלומ׳ט אויפ׳ן וואָהר, און דאָס וואָהר פערוואַנדעלט זיך אין חלום, שוועבט זיין בילד איבער איהר נעלענער, ווי אַ שפּאַרבער איבער אַ טייבעלע, זיין אָטעם פיהלט זי, פון זיין בעריהרונג צינדען זיך פלאַמען פייער אָן אין איהר בלוט.

נאָר ער ליגט מיט אַ קויל אין האַרצען אונטער דער ערד. זי רופט איהם – קומט ער ניט, זי שפּרייט צו איהם די הענט – ווערט ער ניט. גיסט דאָס מיידעל טרעהרען, פלאַצט איהר האַרץ פון טרויער, שטרעבט איהר יונגעס בלוט צו איהם, רופט זי איהם, פערלאַנגט זי איהם, זוכט זי איהם, איהר העלד, איהר הערשער, איהר שפּאַרבער...

די דאָזיגע ידיעות האָבען די ווערעם געבראַכט דעם יונגעל פון אויבען, וואו די זון שיינט, און בלומען שמעקען, און פויגעל זינגען; וואו סילעבען פרעהט זיך אין ליכטיגקייט און וואַרעמקייט.

דאָס יונגעל האָט אויסגעהערט און אַ טויטליכעס גליק האָט זיך צעגאָסען איבער זיינע טויטע גלידער. פון גרויס גליק האָט ער מיט די אַרומגעפרעסענע ביינער אַ קנאַק געטון, און אויף אַלע פיער זייטען צו אַלע אָבגעהוילטע און אויסגעפוילטע סקעלעטען אָבגעשיקט שטרוימען חיחות פון פוילעניש: איך בין גליקליך, שכנים, אָהן אַ שיעור גליקליך!

די שכנים האָבען געשמעקט דעם ריח פון דער פרעהליכער בשורה, ווי אַ ריח פון גן־עדן, האָבען פון נחת געשמייכעלט מיט זייערע שאַרבענס, און פרעהענדיג זיך מיט אַלע ביינדעלעך פון זייערע לעערע ברוסט־קאַסטענס, האָבען זיי צוריק געשיקט דעם יונגעל אַ ריח פון פוי־לעניש: אייביג וועט אונזער יונגעל שמייכלען, אייביג וועלען די ביינער פון זיין מויל זיין צוגעפעגט אין דעם גליקליכען שמייכעל פון אַ שאַרבען. אונזער יונגעל זאָל זיין גליקליך, גליקליך, גליקליך!

און דאָס יונגעל האָט אָבגעשיקט צוויי שלוחים, צוויי פעטע ווערעם פון זיין ברוסט אויף דער ערד אַרויף מיט אַ שטיקעל פערקיהלטען בלוט פון זיין האַרצען צו דעם מיידעל אַלס סימן פון גרויסען גליק און ליבע. צוויי טעג און צוויי נעכט האָבען די ווערעם פלייסיג געאַרבייט מיט די מיילער דורכבויערענדיג זיך אַ וועג, און האָבען אַרויסגעטראָגען צו דעם מיידעל די מתנה פון דעם געליבטען יונגעל מיט אַ געריס: גליקליך איז דאָס יונגעל, ער וועט צו דיר קומען.

און ער איז צו איהר געקומען בײַ דער נאַכט, ווען טויטע מענען ארויס פון די קברים.

ער האָט זיך פערוויקעלט אין די שטיקער, וואָס זענען איהם נאָך פערבליבען פון די תכריכים, און איז אַריין אין שלאָפצימער פון דעם מיידעל. ער האָט זיך אין דער פינסטער אַרומגעקוקט און זיין גליק איז געווען גרויס, וואָס דאָס גאַנצע צימער איז פול מיט איהם; זיין בילד שטעהט אויפ'ן טיש; אַ בוך וואָס ער האָט אַמאָל דעם מיידעל געשענקט, ליעגט דערבײַ; אונטער קישען בײַ דעם מיידעל צוקאָפּענס ליעגט איהר טאַגע-בוך, וואָס איז דורכאויס פערשריבען וועגען איהם; אויפ'ן שטוהל נעבען בעט ליעגען די בריעף, וואָס ער האָט איהר אַמאָל געשיקט...

דאָס יונגעל האָט זיך אָנגעבויגען איבער דעם שלאָפענדיגען מיידעל און האָט געהערט, ווי פון שלאָף ריידען איהרע ליפּען אַרויס זיין נאָמען; איהרע האָאָר האָבען געשמעקט מיט די ריחות פון די בלומען וואָס אויף זיין קבר; וואָלקענדלעך פון בענקשאַפט נאָך איהם זענען אַרומגע-שוואומען איבער איהר געלעגער, און געזעהן אין חלום האָט זי אויך איהם...

איז פול געוואָרען דעם יונגעלס טויטעס האַרץ מיט טויטליכער פרייד, זיין טויטער מאַרך מיט בעוואוסטזיין פון זיין טויטליכען גליק. דאָס יונגעל האָט זיך ניט געקענט מעהר איינהאַלטען, ער האָט זיך צו-געדריקט צום מיידעלס זודיגען קערפּער, און שטיינערנדיג פון גליק און ליידענשאַפט האָט ער אויף איהרע דורשטיגע ליפּען אַ טויטליכען קוש געטון...

איינער און א צווייטער

א בעסערער.

IV.

צי זי האָט איהם געליבט, צי ער האָט זי געליבט. צי זיי זענען ביידע אינאיינעם גלייכגילטיג געווען, נאָר געשעפט האָבען זיי איינע פון די אַנדערע וויפיעל זייערע פּוחות האָבען עס דערלאָזען, און אפשר נאָך מעהר. דערנאָך האָט זי איהם געלאָזען און איז אַוועק צו אַנ׳אַנ־דערן, וועלכער איז פאַר גאָט און פאַר לייט געוואָרען איהר מאַן.

איהם איז זעהר שווער געווען, וואָס ער האָט זי פערלאָרען. אין די לאַנגע־לאַנגע נעכט פלעגט ער ליגען אויף זיין איינזאַמען בעטעל און טראַכטען, אַז איצט, ווען ארום איהם איז אַזוי שטיל און אַזוי לעער, איז איהר שלאָפצימער פול מיט פערשטיקטע שעפּצען פון ליידענשאַפט; איהרע הענד זוכען יענעמס האַלדז, איהרע ליפּען ציהען זיך צו יענעמס ליפּען, און איהר גאַנץ לייב, איהר גאַנץ לייב איז גע־האָרכזאַם איבערגעגעבען אין יענעמס הענד.

איין מאָל האָבען זיי זיך ביידע בעגעגענט, ער און יענער, וועלכער איז געוואָרען איהר מאַן, דער לעצטער האָט איהם קורץ בעטראַכט און געוואָרפען אויף איהם אַ בליק, וואָס האָט גערעדט אַזוי דייטליך ווי ווערטער:

– איך בין בעסער, צוליב מיך האָט מען דיך אָבגעשטויסען.

אין דעם פערשטויסענעמס אויגען האָט זיך דעמאָלט אָנגעצונדען אַ פייער, אַ שוואַרצער און אַ שטעכענדיגער, וועלכען ער האָט אין אַ בליק אַריבערגעשיקט צו דעם מאַן:

– אַבי זי איז מיר געווען אַ ווייב...

אַזוי האָט עס דער מאַן פערשטאַנען.

און מעהר האָבען זיי איינע די אַנדערע גאָרנישט ניט געזאָגט.

דער ערשטער איז אַוועק אַ היים און האָט זיך גענומען טראַכטען זיינע מחשבות אין זיין איינזאַמען צימער. דער מאַן איז אויך אַוועק אַ היים – זיין אַרבייט טון, אַזוי האָט ער געמיינט.

נאָר דער לאָמפּ אויפ'ן אַרבייטס־טיש האָט אַזוי שלעכט געברענט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהר פאָרוואורף געמאַכט, וואָס זי האָט ניט געזאָרגט וועגען דעם.

זי האָט געשוויגען. איז ער אין כעס געוואָרען, וואָס זי שוויגט. האָט זי איהם געענטפערט, איז ער נאָך מעהר אין כעס געוואָרען פאַר דעם ענטפער.

און נאָך אין דעם זעלבען אָבענד האָט איהר דער בעסערער, וועלכער איז געווען איהר מאַן פאַר גאָט און פאַר לייט, געזאָגט – מיט שוים אויף די ליפּען און קלאַפּענדיג מיט די פויסטען אין טיש:

– איך וויל ניט, יענער זאָל אויף מיר אַזוי קוקען, זיין בליק ניסט מיך אָב מיט אַ שעפיל זודיגען קייט, און שולדיג ביזטו, דו, לייכטזיניגע פרוי!

אין יענע נאַכט האָבען זיך אין איהר שלאָפצימער געהערט איהרע פערשטיקטע שלוכצען, און אין קאַבינעט, נעבען שלאָפצימער, אַזעלכע קולות, פונקט ווי צייהנער וואָלטען דאָרט געסקריעט.

דער, וועלכער איז געווען דער בעסערער, איז געלעגען און געטראַכט וועגען לאַנג פערגאַנגענע נעכט, ווען אין איהר שלאָפצימער האָט זיך געהערט פערשטיקטעס שעפּצען פון ליידענשאַפט, איהרע הענט האָבען געזוכט יענעמס האַלדז, איהרע ליפּען יענעמס ליפּען, און איהר גאַנצעס לייב, איהר גאַנצעס לייב האָט, ווי דאָס לייב פון אַ שקלאַפין, געהערט יענעם, יענעם, יענעם!

עלטערן.

(דיאלאג).

V.

אבענד, אנ׳ארבייט-צימער. דער זיינער שלאגט צעהן.

משה. (געהט איילענדיג אריין פון קארידאר, ווארפט דעם פארט־פעל מיט פאפירען אויפ׳ן טיש) שוין לאנג איז זי אוועק?

די דינסט. (קומט אריין נאך משה׳ן און בלייבט שטעהן אין טיר) א שעה דריי.

משה. זי האט ניט געזאגט, וואוהין זי געהט?

דינסט. זי האט גארנישט געזאגט.

משה. זי האט זיך אנגעטון?

דינסט. איך האב גאר ניט בעמערקט.

משה. א שאדען, א שאדען, געדארפט אכטונג געבען. דאס איז זעהר וויכטיג, זעהר וויכטיג. (געהט א ווייל|ע הין און צוריק) נאר ווי די מעשה איז, איז עס ניט שלעכט. יא... איצט, שפרה, וועלען מיר ווייטער אנהייבען צו לעבען, עס וועט ווייטער זיין, ווי אמאל.

דינסט. הלואי, רבונו של עולם! וואלט עפעס נאר גאט אויף איהר רחמנות האבען. איך קאן שוין דאס גאר מעהר ניט צוזעהן, מיין הארץ צוגעהט אין מיר קוקענדיג.

משה. אַוודאי, געווים. אָבער איצט, אַז זי האָט אָנגעהייבן אַרויס־גען, איז שוין דאָ אַ האָפענונג... איצט... (אַ קלונג פון קאָרידאָר רייסט איהם איבער, די דינסט לויפט אַרויס) ווער איז? (הערט זיך צו. עס עפענט זיך אָב די אויסענווייניגסטע טיר. (ער לויפט צו, שטעלט זיך אין טיר) דו, רחל?

רחל. (פון הינטער'ן טיר) איך...

משה. (לויפט געשווינד אַרויס אין קאָרידאָר) טאָ גיי שוין אַריין, וואָס שטעהסטו דאָ? קום אַהער, וועסט זיך דאָרט אויסטאָן. (פיהרט זי אַריין) נו, איצט קענסטו זיך אויסטאָן. ס'איז קאַלט, האָ?

רחל. (אַראָבציהענדיג דעם מאַנטעל מיט משה'ס הילף) ניין, ניט קאַלט.

משה. נו, ניט קאַלט — וואָס דו קענסט זאָגען! (לעגט רחל'ס מאַנטעל אויפ'ן שטוהל) איצט איז פאַרטיג. זייַ זשע. דערציעהל, וואו ביזטו געווען? איך האָב דאָך אַזוי געוואַרט, אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג... ביזט דאָך עס דאָס ערשטע מאָל אַרויס, זינט...

רחל. (שלאָגט איבער) דאָס ערשטע מאָל.

משה. זעהר גוט, איך בין זעהר צופריעדען, זעהר גוט, וואָס דו ביזט ענדליך אַרויס. איך וואָלט נאָר וועלען וויסען, ווי אַזוי איז דיר אין קאָפּ געקומען דער גוטער געדאַנק אַרויסצוגעהן... דערציעהל, ווי איז עס געווען?

רחל. ווי? גאָרנישט, אַזוי. איך בין דאָ געזעסען...

משה. אַ, איך פערשטעה שוין! אַליין ביזטו דאָ געזעסען, איינזאַם אַליין... איז געוואָרען פינסטער, שאָטענס... אַזוי?

רחל. יאָ.

משה. איז געוואָרען אומעדיג... ס'האָט זיך אָנגעהייבען בענקען נאָך עמיצען, נאָך נאָהענטע, אייגענע... און איך בין ניט געווען... האָסטו גענומען און ביזט אַוועק. — זעהסטו, האָ? איך פערשטעה אויך פאָעזיע. אומזיסט פלעגסטו זאָגען, אַז איך בין גאָר קיין פאָעט ניט. נאָר דאָס איז ניט וויכטיג. יאָ, איך בין זעהר צופרידען. ענדליך וועסטו זיך בעפרייען פון דער איינזאַמקייט, וועסט אויף דאָס ניי געהן, רעדען, לעבען. מיט איין וואָרט — וועסט ווייטער ווערען אַ מענש. ווי געווען. נו זאָג זשע, וואו ביזטו געווען, וועמען האָסטו געזעהן, וואָס האָסטו גע־רעדט. איך רעכען, אַז אַלץ איז דיר ווי ניי אויסגעקומען, אינטערע־סאַנטער, פרישער. דו האָסט דאָך שוין אַזאַ לאַנגע צייט מיט דער גאַס־

לופט ניט געאָטעמט, דערציי̆הל זשע כסדר. ערשטענס – וואו ביזטו געוועזן?

רחל. אויפ׳ן בית־עלמין...

משה. (ערשטוינט) ווי? אין אָבענד, אויפ׳ן בית־עלמין? אַליין אויפ׳ן בית־עלמין?...

רחל. ניט אַליין. איך בין געפאָהרען אויף אַ דראָנזשקע, און דער קוטשער האָט אויף מיר געוואַרט נעבען טויער.

משה. אָבער אין אָבענד, כמעט האַלבע נאַכט...

רחל. איך האָב גאָר ניט מורא געהאַט.

משה. (געהט איבער׳ן צימער הין און צוריק). און איך האָב גערעכענט... המם... קענסטו, הייסט עס ניט פערגעסען...

רחל. דו פערגעסט דאָך אויך ניט, משה.

משה. אַודאי, ס׳פערשטעהט זיך... איך האָב געוואָלט זאָגען, די צייט האָט גאָר ניט שוואַכער געמאַכט דיין טרויער.

רחל. פאַר וו־אָ־ס ניט? איך האָב מיך שוין צוגעוועהנט, וואָס אונזער זוהן איז ביי אונז ניטאָ מעהר... דערצו האָב איך מיך שוין צוגעוועהנט.

משה. ווי זשע איז דיר פּלוצלינג איינגעפאַלען צו געהן אַהין?

רחל. איך ווייס אויך ניט: אַזוי האָט זיך פערוואָלט. די אַלטע, די ניאַנע, איז היינט ביי מיר געוועזן. זי האָט דערציי̆הלט, אַז די פאָריגע נאַכט האָט זי איהם געזעהן אין חלום. זי זאָגט, אַז ער איז אויסגעוואַקסען און שען געוואָרען, מיט קיילעכיגע פולע ראָזע בעקלעך. און לאַנגע בלאָנדע האָר האָבען בעדעקט זיין קעפּעלע. ער איז געשלאָפען אין וויגעלע, האָט שטיל און פריי געאָטעמט, און פון שלאָף האָט ער געלאַכט. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, האָט אַרויסגע־שטעקט די הענטלעך פון אונטער דער קאָלדרעצקע און האָט שאַרף און דייטליך אויסגערעדט: „מאַמאַ״...

משה. עט, חלומות!

רחל. (מיט אַ זיפץ) חלומות... (פערטראַכט) ווייסט, וואָס איך רעכען! אַז ער וואָלט ביי אונז געבליבען, וואָלט ער שוין איצט געווען אַ גרויסער. ער וואָלט שוין אפשר גערעדט וואָס עס איז... האָר וואָלט ער שוין געוויס געהאַט לאַנגע... און אפשר בלאָנדע, ווי די ניאַנע האָט געזעהן אין חלום.

משה. מיר קענען ניט וויסען, וואָס וואָלט זיין, אויב „עס וואָלט". בכלל איז איבעריג צו טראַכטען ווענען אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען ניט געווען און קענען קיין מאָל ניט זיין. קלאָר איז נאָר דאָס: דו האָסט געטון אַ גרויסע, אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס דו ביזט נעגאַנגען אויפ'ן בית־עלמין.

רחל. אַך, משה, דו וואָלסט אָבער וויסען, ווי וואונדערליך דאָרט איז אויפ'ן בית־עלמין, אַזוי רוהיג, שטיל, און אַזאַ ווייכע דונקעלע שיין... ביי אונזער זוהן אין שלאָפצימער איז קיין מאָל אַזוי ניט געווען. גוט, וואָס דער שניי איז היינט ווייך און סקריפּעט ניט אונטער די פיס, אַז ניט, וואָלט איך מורא געהאַט צו שטערען דאָרט די רוהינקייט. אַ גאַנצע שעה בין איך דאָרט געזעסען, און אפשר מעהר. איך בין געזעסען נעבען בערגעלע, וואָס אויף אונזער זוהן, און האָב זיך צוגעהערט. עס האָט זיך גערוכט, אַז איך שלאָף און זעה דאָס אַלץ אין חלום, — אַזוי איז אַלץ געווען מאָדנע ניט געוועהנליך... איין קאָליר, אַ דונקעל ווייסער קאָליר האָט אַלץ נעפאַרבט; אַ ווייכער, צאַרטער קאָליר. זעלטען־זעלמען פלעגט זיך ערגעץ אַ צווייגעלע אַ ריהר טון, און אַ שטילער לייכטער גערויש פלעגט זיך פאַרזיכטיג אַרוס'גנב'נען; אין אַזאַ שטילקייט נאָר, ווי דאָ האָט געהערשט, איז מעגליך געווען צו בעגרייפען עס מיט'ן אויער. און דערנאָך פלעגט ווייטער ווערען שטיל. און די ברעקעלעך שניי — קלאָרינקע, ווייכינקע, פוכיגע, פאַלען זיך פאַמעליך, רוהיג; פאַלען, פאַלען אָהן אויפהער און דעקען איין אין ווייסען דאָס בערגעלע און דאָס פעלד... מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ניט אַ שניי פאַלט, נאָר אַ שיינע וואונדערליכע געשיכטע דערצעהלט זיך...

משה. אַזוי — אַ וואונדערליכע געשיכטע...

רחל. און דאָס פעלד אַרום איז געווען אַזוי מאָדנע; ניט זעהר גרויס, נאָר אָהן אַ ברעג. איך האָב געזוכט דעם ברעג, נאָר ער האָט זיך ניט געזעהען. אַ ביסעלע אין דער זייט, ניט זעהר ווייט פון מיר, דוכט זיך, האָבען זיך די ברעגעס פון דעם פעלד אויסגעקייַלעכט, פערצויגען זיך אַרויף איבער'ן קאָפּ און צונויפגעשלאָסען זיך אינאייגעם... און דעמאָלט האָט עס אויסגעוויזען פונקט אַ גרויסער קייַלעכיגער קופּעל האָט אונז אומגעשלאָסען פון אַלע זייטען. און דאָס בערגעל — אין מיטען, איינגעדעקט מיט אַ ווייסע קאָלדרע... וואָרום דער שניי האָט אויסגעוויזען ווי אַ קאָלדרע אויף דעם בערגעל, וואָס איבער אונזער זוהן,

מינוטענווייז פלענט זיך מיר דאַכטען, אַז איך פליה אַרום, און דאָס בערגעל אויך מיט מיר צוזאַמען אינעווייניג אין דעם קופּעל...

משה. נו, רחל!...

רחל. (שלאָגט איהם איבער) ווייסט, וואָס איך האָב געטראַכט? — אַז דאָס איז דאָס קינפטיגע לעבען... ס'טוט מיר אַזוי באַנג, וואָס דו ביזט דאָרט ניט געווען...

משה. ע! פאַנטאַזיעס, מעהר גאָרנישט. איך הער דיך, וויל דו רעדסט — אָט דאָס איז וויכטיג. דאָס איז ניי — זינט דעמאָלט, יאָ. און נאָך דאָס איז וויכטיג: איך קוק אויף דיר און זעה ביי דיר גאָר אַנ׳אַנדער פּנים. גאָר אַנ׳אַנדער.

רחל. וואָס פאַר אַ פּנים?

משה. אין דער פריה ביזטו געווען בלאַס, דיינע אויגען האָבען געקוקט מיעד. ווי אַ קראַנקע האָסטו אויסגעוויזען.

רחל. אין דער פריה האָב איך מיך ניט גוט געפיהלט.

משה. און איצט?

רחל. איצט איז מיר פיעל בעסער.

משה. (בעלעבט) איך זעה, אַז דיר איז איצט בעסער: דאָס געזיכט — ראָז, די אויגען — לעבעדיג. איך האָב דיך שוין לאַנג אַזעלכע ניט געזעהן, אָ, זעהר לאַנג, זינט...

רחל. דריי חדשים אָהן פיער טעג.

משה. ווייסט, וואָס איך טראַכט? מיר דוכט זיך, אַז אַמאָליגע צייטען זענען צוריק געקומען...

רחל. (זיפצט).

משה. וואָס זשע זיפצסט דו? נאַרישע! עס איז גאָרניט אַזוי שלעכט, וואָס אַמאָליגע צייטען קומען צוריק. אדרבה... קוק זיך איין, (הויבט זיך אויף און דערלאַנגט דעם שפּיגעל פון טיש) זעה, וועסטו שוין אַליין מודה זיין (שטעלט איהר דעם שפּיגעל אַקעגען).

רחל. (קעהרט זיך אָב צום שפּיגעל נאָר מיט די אויגען) יאָ, איך בין רויט אַ ביסעל.

משה. איצט לאָמיר שמועסען, פאַרוואָס איז איצט אַנדערש ווי אין דער פריה. דאָס איז זעהר וויכטיג, אַ סך וויכטיגער איידער די אַלע פאַנטאַזיעס, וועלכע גיבען גאָרנישט. נו, זאָג, ווייסטו, פאַר וואָס דו ביזט איצט אַ רויטע?

רחל. איך רעכען, אַז פון קעלט.

משה. (נעהמט איהר האַנד אין זײנע) נײן, מײן טײערע, ניט די קעלט. װיפיעל איז שױן פאַרהאַן, אַז דו ביסט געקומען, טאָ װאָס זשע איז דאָ די קעלט? די סבה איז אַן אַנדערע: דו ביזט אַרױס פון שטוב, האָסט געאָטעמט מיט פרישער לופט, — פערשטעהסט? ביזט געגאַנגען, האָסט זיך צערשטרײט, האָסט נײע אײנדריקען געקראָגען אין װעג... איצט פערשטעהסטו שױן, אַז אױב דו װילסט ניט פערלירען די רױטקײט אין די באַקען, מוזטו אָנהײבען אַלע טאָג אַרױסגעהען? אגב װעט דאָס שפּאַצירען גוט װירקען אױף דײן שטימונג. איך זיץ ניט אין שטוב, איך געה, איך טו, האָב איך דאָס גלײכגעװיכט ניט פערלאָרען, װי דו.

רחל. אָבער דיר איז דאָך דאָס אױך ניט גרינג?

משה. ניט גרינג — פערשטעהסט זיך. אָבער מיט דער צײט װעסטו זיך צוגעװעהנען. יאָ, דו דאַרפסט ניט זיצען אין שטוב. זאָג מיר צו, אַז מאָרגען װעסטו אױך אַרױס?

רחל. בײדע צוזאַמען?

משה. אָך, מיט גרױס חשק! הײסט עס אָבגעמאַכט, יאָ?

רחל. יאָ.

משה. אָט ביזטו דערפאַר אַ קלוגע! (קושט איהר אין האַנד). אַך ס'אַרא גוטקײט! הײסט עס, פון מאָרגען אָן פערבליהט אַ נײעס לעבען בײ אונז אין שטוב, אָדער, ריכטיגער, דאָס אַלטע אַמאָליגע לעבען בעגײט זיך. און אין דער אמת'ן איז שױן טאַקי צײט. מיר האָבען דאָך די לעצטע צײט געלעבט אַזױ שלעכט — שרעקליך. אַלץ אין איבעריג געװאָרען, צו קײן זאַך קײן חשק ניט געװען, אַ מין פינסטער־ניש האָט אונז אײנגעהילט, אַ שטילקײט עפּעס אַ שװערע, אַ טױטע. (רחל ניט זיך אַ טרײסעל) אַך! (חאַפּט איהר פאַר די האַנד) נו, זײ מיר מוחל, מײן טײערע! איך בין ניט געװען פאַרזיכטיג. איצט זעהסטו שױן אַלײן, װי דו ביזט נערװעז געװאָרען, מיט אַזעלכע נערװען איז נאָך אײן טריט ביז אַ געפעהרליכע קראַנקהײט. איך זאָג דיר, זאָלסט עס זיך אַרײננעהמען אין זין.

רחל. יאָ, איך בין טאַקי אָבגעשװאַכט.

משה. איך זעה, אַז דו ביזט אָבגעשװאַכט, איך האָב געזעהן אפילו, װי דײן שװאַכקײט האָט זיך ענטװיקעלט, און דו האָסט גאָרנישט געטון געגען דעם. אדרבה, האָסט די שװאַכקײט געלאָזען װאַקסען און פערברײטערן זיך, גלײך װי דו װאָלסט דערפון עפּעס הנאה געהאַט. האָסט אָן אַלץ פערגעסען און ביזט גאַנצענע טעג געזעסען, אַזױ װי אַרום

דיר וואָלט שוין קיין לעבען ניט עקזיסטירען. האָסט געשוויגען, האָסט ניט פערנומען קיין טרייסט. ווי אַ פרעמדע ביזטו געווען. אָט דערפאַר ביזטו געל און גרין געוואָרען, אַלט... עס איז געווען אַ שרעק צו־קוקען. איך האָב מורא געהאַט, אַז דו ביזט שוין איינגאַנצען פערלאָרען.

רחל. (דריקט זיך צו איהם צו) האָסטו צוליב מיר אויך געליטען?

משה. (נעהמט זי אַרום) פערשטעהט זיך, ס'איז ניט לייכט געווען. דער עיקר — ס'איז קיין תרופה דערצו ניטאָ; ביזט שטום און טויב — וואָס טוט מען? מיר איז פערבליבען נאָר בעהאַלטען זיך דאָ אין דעם צימער גאַנצע אָבענדען און גאַנצע נעכט אין איינזאַמקייט, אין קאַלטער שטיל־קייט. און די נעכט זענען אַזעלכע לאַנגע... אַרויסגעהן ערגעץ ווילט זיך ניט אַליין... פלעג איך שלאָפען. אַזוי פלעגט עס זיין: אַ גאַנצען אָבענד פלעג איך שלאָפען אין די זאַכען, און דערנאָך פלעג איך זיך אויסטון און ווייטער שלאָפען — אין דעם נאָר איז בעשטאַנען דער אונטער־שייד פון דעם אָבענד ביז דער נאַכט. אַפילו דערמאָנען זיך, נעהמט אָהן אַ שוידער.

(פאַר דער צייט וואָס משה האָט גערעדט, איז די דינסט אַריינגעגאַנגען מיט בעטגעוואַנד, געשטאַנען אַ ביסעל און אַרויס, זעהענדיג, אַז די בעלי־בתים זענען פערנומען און בעמער־קען זי ניט).

רחל. און איך האָב גאָרניט פערשטאַנען... איך האָב נאָר פער־געסען, אַז עס איז מעגליך, דאָס דו ליידסט אין צווייען — צוליעב מיר אויך.

משה. איצט פערדריסט עס דיר?

רחל. (דריקט איהם די האַנד) ס'פערדריסט...

משה. דאָס איז אַ גוטער סימן. ס'בעווייזט, אַז דיין האַרץ האָט זיך ברייטער געעפענט פאַר דער אויסערער וועלט. אָבער ערגערען זיך, מיין טייערע, דאַרפסט דו ניט. דו פערשטעהסט דאָך, אַז איך האָב צו דיר גאָרנישט.

רחל. אָבער איך...

משה. (שלאָגט זי איבער הויכמוטיג) חיים איך! מ'קען דאָס פערגעסען. וואָס געווען איז געווען, און מעהר וועט עס שוין ניט זיין, יאָ? (וויל זי אַ קוש טון, רחל קעהרט זיך אָב) נו... פערשטעהסט, גלייך ווי אַ נייע ביזטו ביי מיר איצט... אַזוי לאַנג... ס'הייסט... נאָר דאָס איז ניט וויכטיג, יאָ. געהען מיר, הייסט עס, מאָרגען אַרויס, יאָ?

רחל. יאָ.

משה. וואוהין ווילען מיר געהן מאַכען דעם ערשטען בעזוך?

רחל. אויפ'ן בית־עלמין.

משה. (צוטומעלט) וואוהין?!

רחל. אויפ'ן בית־עלמין...

משה. (שפּרינגט אויף) זאָג אַליין, רחל!

רחל. וואָס איז?

משה, וואָס האָסטו זיך איינגעשמועסט? ס'איז דאָך אַ משוגעת!

רחל. אָך, משה! דאָרט איז אַזוי לייכט צו טראַכטען, אַז ער שלאָפט! דאָרט איז אַזוי לייכט אויפ'ן הארצען!...

משה. איך דערקען דיך ניט, רחל! גלייך ווי אַ קליין קינד האָסטו אָנגעהייבען רעדען. היינט האָט דיר דער שניי דערצעהלט רוהיג אַ שענע מעשה, איז דיר גרינג געוואָרען אויפ'ן הארצען... מאָרגען, קען זיין, וועט דאָרט אַ בורע שטורעמען, וועט דיר נאָך שווערער ווערען אויפ'ן הארצען. דאָס דאַרף מען דאָך אַלץ פערשטעהן. און בכלל איז דאָך דאָס מעהר ניט ווי פאַנטאַזיעס. יאָ, פאַנטאַזיעס, וועלכע קענען נאָר שלעכט ווירקען אויף דיין געזונד. און אויף אַזאַ אופן וועסטו קיין מאָל ניט פערגעסען.

רחל. צוליב וואָס זאָל איך ווילען פערגעסען?

משה. אַ פראַגע — צוליב וואָס! ווייל דו ביזט אַ לעבעדיגע, און לעבעדיגע קענען זיין נור די, וואָס טראַכטען וועגען לעבען, פערשטעהסט? — וועגען לעבען, און ניט וועגען טויט...

רחל. אָ, משה, רעד ניט אַזוי.

משה. איך האָב פערגעסען... דו קענסט דאָך ניט רעכענען, אַז דו ביזט בעסער פאַר אַלעמען. אַזעלכע אומגליקען זענען גאַנץ געוועהנליך. פונדעסטוועגען האָב איך קיינמאָל ניט געהערט, אַ פרוי זאָסער עס איז זאָל זיך אַזוי פיעל איבערגעבען איהר טרויער, אַזוי פיעל, אַז זי זאָל אין האַלבע נאַכט לויפען אויפ'ן בית־עלמין. (דערהיצט זיך ביסלעכווייז) און דאָס איז גאָר ניט קלוג אויך! איך זאָג דיר: ניט קלוג. וואָלסט פון מיר גענומען אַ ביישפּיעל. אונז האָט דאָך ביידען איין אומגליק געטראָפען. און איך אַרבייט, — זעהסט! — איך עס, איך טרינק, איך זעה זיך מיט מענשען. איך זאָג ניט, אַז דער הימעל האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד. די ערשטע צייט, אמת... אָבער דאָס לעבען שטעהט ניט אויף איין אָרט. עס געהט אַלץ ווייטער, ווייטער,

א מענש קען זיך ניט אַרומטראָגען אייביג מיט איין געפיהל, אַפילו ווען עס איז אַ טרויער נאָך אַן׳איינציגען זוהן. אַרום אונז זענען אַזוי פיעל מעשים, געדאַנקען, איינדריקען. דאָס לעבען איז דער סך־הכל פון די אַלע איינדריקען אינאיינעם. פערשליסען מיר אונזער האַרץ פאַר זיי — הייסט עס: מיר טרייבען פון זיך דאָס לעבען אָב, מיט די אייגענע הענד שטויסען מיר עס אָב. דו מוזט דאָך אַליין אויך מודה זיין, אַז עס איז נאַריש, שרעקליך נאַריש צו געהן נאָך די, וואָס האָבען אונז אויף אייביג פערלאָזען. צוליב וואָס? אויסמיסטיגען..

ר ח ל. (פערציטערט). אָ, משה, שוויג!...

מ ש ה. צוליעב וואָס זאָל איך שווייגען? דאָס איז דאָך אמת. לאָמיר זיך ניט בעהאַלטען פאַר דעם אמת. דאָס איז דאָך שוואַכקייט, יאָ, שוואַכקייט! און שוואַכקייט איז אויך דאָס, וואָס דו האָסט זיך אָב־געשטעלט אויף די ערשטע צרה אין לעבען. אַ מענש דאַרף זיין שטאַרק, ער טאָר ניט דערשרעקען זיך פאַר שטיינער אין וועג. וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט עס געהאַט, אַז מענשען וואָלטען זיך ניט געסטאַרעט אַבּרוימען די דאָזיגע שטיינער פון זייער וועג? לאַכען ווילט זיך, אַז מ׳שטעלט זיך דאָס פאָר עס וואָלט דאָך דאַמאָלסט קיין לעבען ניט געווען, וואָרום אין לעבען איז פול אויף יעדען טריט שטיינער און גריבער, הינדערניסען און שטערונגען. און אויב דו ווילסט — איז אין דעם גופא, אין׳ם זיעג איבער די שטערונגען דער גאַנצער טעם פון לעבען; אפשר ניט אַזוי?

ר ח ל. (פערטראַכט) עס קען זיין.

מ ש ה. און דער זיעג איז אַזוי לייכט! מ־דאַרף נאָר אויף נאָרנישט קוקען. ווייס דיין זיך זאַך, גיה זיך דיין וועג, אַלץ ווייטער, ווייטער, ניט קוק זיך אַרום אויף הינטער. און מעגסט זיין זיכער, אַז דו וועסט דאָרט, ווייטער, געפינען, וואָס דו בעדאַרפסט. אין דער׳אמת׳ן, ווען דו וואָלסט זיך אַ ביסעל טיעפער אַריינגעטראַכט: צוליב וואָס פער־פינסטערסטו זיך דאָס לעבען? וועמען טוסטו אַ טובה מיט דיינע טרעה־רען? וועמען וואַרעמען זיי? און דו ביסט נאָך גאָר אַזוי יונג, ביזט דאָך כמעט אַ קינד, נאָך אַזוי פיעל לעבענסקראַפט איז דאָ אין דיר, און איך בין נאָך אויך יונג... די גאַנצע וועלט איז פאַר דיר. וואָס ווילסטו, זאָל איך דיר געבען? ווילסט לעבען פרעהליך פאַר זיך? ווילסט לעבען נוצליך פאַר לייטען? — איך ענטזאָג זיך אויך ניט. אדרבה: שאַף אַרום זיך אַ געזעלשאַפט — דיר איז דאָס ניט שווער, דיר איז אַלץ מעגליך. וואָס זשע ווילסטו אַזוינס, וואָס דו קענסט ניט דערגרייכען?

רחל. אז איך וויל נאַרנישט...

משה. (צוקאָכט) נאַרישקייט! אַ יונגער מענש מוז וועלען, און וויל שטענדיג! און דו וועסט עס אויך אָנהייבען פיהלען, ווען דו וועסט פון זיך פעריאָגען די נאַרישקייטען.

רחל. וועלכע נאַרישקייטען?

משה. אָט דעם בית־עלמין און אַלע איבריגע פאַנטאַזיעס. דאָ איז דיין אָרט, און ניט דאָרט!

רחל. (מיט אַ זיפץ) מיין אָרט איז דאָ...

משה. ניין, דו זאָגסט עס נאַר, דו פערשטעהסט עס אָבער ניט. דו האָסט אויפגעהערט צו טראַכטען, דעריבער וועל איך פאַר דיר טראַכטען, דאָס איז מיין חוב. און איך זאָג דיר, אַז דיין איינענע טובה פאָדערט, זאָלסט מאַכען אַ סוף. דו מוזט ווייטער ווערען אַ מענש צווישען מענשען, יאָ... און מאָרגען געהען מיר מיט אַ וויזיט...

רחל. זעה, משה, לאָמיר איצט ניט רעדען וועגען דעם, אַנ׳אַנדערש מאָל.

משה. פאַרוואָס אַנ׳אַנדערש מאָל? פאַרוואָס לעגסטו אָב? וואָס פערגעסטו, אַז יעדע מינוט פון אַזאַ לעבען איז אַ גאַנצע אייביגקייט פון ענויים? דו מיינסט, עס איז אַזוי פרעהליך צו קוקען, ווי דו געהסט איין פון טאָג צו טאָג? מיין האַרץ בלוטיגט דאָך אין מיר קוקענדיג... (וויכער, אַ ביסעל בעטענדיג) רחל! טו דאָס צוליב מיר! זאָג מיר צו, אַז עס איז שוין אַ סוף צו די ענויים. צוליב וואָס זאָלסטו זיך מאַטערן, און מיך אויך?

רחל. (בעוועגט זיך אומרוהיג, און שווייגט).

משה. (בעט זיך) רחל, נו, רחל׳ע, איך מיין דאָך מעהר ניט ווי דיין טובה... דו ביזט דאָך איין־איינציגע ביי מיר, רחל... דו ביזט דאָך מסכים, האַ? מסכים? זאָג זשע מיר, דו ביזט מסכים? (זוכט איהר האַנד).

די דינסט (קומט אַריין פון קאָרידאָר) מאַדאַם!

משה. (חאַפּט זיך געשווינד אויף. צו דער דינסט) וואָס דאַרפסט איהר?

די דינסט. איך האָב דאָ (וויזט אויף די זאַפּע) געוואָלט אויסבעטען פאַר דעם הער...

משה. אַ! מ׳בעדאַרף ניט, ר׳קענט געהן (די דינסט געהט אָב).

רחל. (הויבט זיך אויף אַ דערשראָקענע) משה!

משה. וואָס, מײַן טײַערע?

רחל. פאַרוואָס האָסטו דאָ געהײסען ניט אויסבעטען?

משה. איך האָב דאָך געזאָגט: זאָל זײַן אַ סוף...

רחל. משה, טײַערער, איך בעט דיך, מאַך ניט קײן נײַעס, שלאָף דאָ...

משה. װײַטער פאַנטאַזיעס, רחל?

רחל. ניט גוט אַזוי, משה, ניט גוט...

משה. פאַרוואָס — ניט גוט?

רחל. ניט גוט... (לעגט אַרויף די הענד משה'ן אויפ'ן אַקסעל, בעט זיך) טו מיר דאָס, ליעבער טײַערער, איך בעט דיך, דו האָסט דאָך מיך ליעב... זאָגסט מיר צו, יאָ? וועסט דאָ שלאָפען, יאָ?...

משה. (נעהמט זי אַרום) איך פערשטעה ניט, וואָס בעטסטו זיך.

רחל. אַזוי וויל איך, אַזוי דאַרף איך... נו, משה, טײַערער, טו דאָס מיר, איך וועל אויך טון, וואָס דו ווילסט. מאָרגען געה איך מיט דיר וואוהין דו פערלאַנגסט... משה?

משה. (קוקט איהר אין געזיכט מיט אַ שמײכעל) נײן...

רחל. ווילסטו ניט? ווילסט ניט?

משה. (מיט איבערטריבענע ערנסטקייט) זעהסטו, שטענדיג איז בײַ דיר... קינדישקייטען אויפ'ן זין—איך האָב חרטה אויף דאָס, וואָס ביז אַהער האָב איך דיר דרײַ חדשים גע, אָזען פיהרען זיך, ווי דו ווילסט. איצט אָבער — גענוג. מ'בעדאַרף דאָס אַלץ דערוויײטערן פון שטוב. זעהסט, ווי דו ביזט פערענדערט געוואָרען. אַנ'אַלטינקע, אַ הויפען בײנער... נאָר וואָס געוועזן — איז געוועזן. איצט וועל-איך שוין מעהר ניט לאָזען. (דריקט זי צו זיך צו) און איבערהויפּט (אַלץ לײדענשאַפטליכער) איבערהויפּט... און דאָס איז דאָך אַלץ איבערטריבען...

רחל. (שטאַרק ערשטוינט) וואָס איבערטריבען...

משה. פערשטעה דאָך, נאַרישע קינד! דו ביזט דאָך אַזוי יונג, איך האָב דיך ליעב, דײַן לעבען קען נאָך פערבליהען, ווי אַ רויז אין פריהלינג. און דער אומגליק, וואָס איז געשעהן... אין אונזערע יאָהרען איז דאָס ניט קײן אומגליק, אין וועלכען עס איז ניט מעגליך קײן טרײסט...

רחל. (רוקט זיך אָב פון איהם) וואָס ווילסטו זאָגען, משה!

משה. ס'קען דאָך זײַן... דאַנקען גאָט, מיר זענען ניט קײן זקנים...

רחל. הער אויף, משה!

משה. מיר וועלען נאָך אפשר האָבען קינדער... זיהן און טעכטער...

רחל. משה!

משה. (שלעפט זי אָרומצונעהמען. זי לאָזט זיך ניט) ניט אפשר— געוויס... (מיט אַ פערקרימטען שמייכעל) מיר וועלען האָבען...

רחל. אָך, משה!

משה. (גטעלט זיך אויף, שטרעקט צו איהר די הענד) דו גלויבסט ניט?

רחל. (ווערט שטאַרק רויט) מיר דוכט... (טרעט אָב אויף הינטער).

משה. (גערט איהר נאָך מיט אַ נאַרישען פנים) וואָס?...

רחל. מיר דוכט זיך, איך פערשטעה...

משה. ביזט אַ קלוגע, אויב דו פערשטעהסט...

רחל. יאָ, איך פערשטעה... אָבער..

משה. רחל!

רחל. ניין, ניין...

משה. אָבער הער מיך אויס, רחל!

רחל. ניין, ניין, דאָס קען ניט זיין! דאָ, דאָ דאַרפסטו שלאָפען. (נעמט דעם גלעקעל פון טיש און קלינגט שטאַרק. די דינסט לויפט אַ דערשראָקענע אַריין) שפרה! דו וועסט אויסבעטען דעם בעל הבית דאָ אויפ׳ן סאָפע.

די דינסט. גוט, מאַדאַם (גערט אָב).

רחל. (גערט צו דער טיר פון שלאָפצימער).

משה. (קוקט איהר נאָך און די קאָלירען בייטען זיך איהם אין געזיכט. ווען רחל איז שוין ביי דער טיר, גיט ער אַ ציטער און זאָגט) וואַרט, רחל! מיר האָבען נאָך ניט געענדיגט רעדען. אויב די מעשה איז אַזוי, טאָ לאָמיר רעדען אַ ביסעל ערנסטער. איך האָב געמיינט, אַז דו פערשטעהסט, ערשט, אַ פנים, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. דער עיקר איז נאַרניט, ווי דו מיינסט, אין דעם, וואו איך וועל היינט שלאָפען... איך קען דאָ אויך... ניט קיין נייעס. דאָס איז אינגאַנצען אַ זייטיגע פראַגע, דער עיקר איז נאָר אָט אין וואָס: ערשטענס זאָג מיר, ווי מיינסטו, דאָס וועט אייביג אַזוי זיין?

רחל. (שווייגט אַ בלאַסע).

משה. צװײטענס: װאָס פאַר בעציהונגען בלײבען צװישען דיר און מיר, דײן מאַן, פון הײנט אָן און װײטער?

רחל. אָ, משה!

משה. דאָס איז ניט קײן ענטפער.

רחל. דאָס זענען שרעקליכע פראַגען...

משה. איך זאָג: גאַרניט שרעקליכע. אדרבה: זעהר אײנפאַכע. מ׳דאַרף נאָר פערהאַלטען זיך אַ ביסעל ערנסטער, אײדער דו ביזט געװעהנט, פערענטפערן זיך זיך גאַנץ לײכט.

רחל. איך האָב װעגען דעם גאָר ניט געטראַכט.

משה. האָסט געזאָלט יאָ טראַכטען. דאָס לעבען האָט פײנד, אַז מ׳נעהמט מיט פערמאַכטע אױגען. און דו — נאַרישקײט, מיסטיציזם, פאַנטאַזיעס, דער ניאַנעס חלומות ליגען דיר אין זינען.

רחל. נײן, משה, ניט פאַנטאַזיעס, נאָר מחשבות, און אױך שרעקליכע...

משה. מחשבות און שרעקליכע — איך שטעל זיך פאָר!

רחל. (געהט צו נעהענטער) דו װאָלסט װיסען, משה! איך האָב געטראַכט: פאַר װאָס איז... (פערדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד) פאַר װאָס איז אונזער זוהן געשטאָרבען...

משה. איך האָב געזאָגט — פאַנטאַזיעס!

רחל. דו האָסט װעגען דעם גאָר ניט געטראַכט?

משה. אױב איך האָב געטראַכט, איז דאָס פון מײן זײט אױך געװען נאַרישקײט...

רחל. נײן, משה, ניט קײן נאַרישקײט! דו געדענקסט, װען אונזער זוהן איז אין דער לעצטער מינוט דאָ געלעגען אױפ׳ן קישען? מיר זענען בײדע געשטאַנען נעבען איהם... אַ געלב־בלױער איז ער געװען, מיט פיאָלעטע פלעקען. ער האָט אָבגעעפענט די אױגלעך, פערגלײסט זיי, און טיפע קנײטשעלעך האָבען זיך צעלעגט אַרום די ברעמען. נאָכדעם האָט ער דאָס מײלכעל אָבגעעפענט און קנײטשעלעך האָבען זיך צעלעגט נעבען מײל, בעל אױך. דעמאָלט האָט איהם אײנגעצײגען אַ צוק געטון... אַ שװאַכער, שטילער ציטער איז איהם אַריבער איבער דאָס גאַנצע קערפּערל...די קנײטשעלעך זענען פול געװאָרען מיט יסורים, און דאָס אָפענע מײלכעלע, האָט, דוכט זיך, געבעטען... דו האָסט ניט געקענט קוקען, האָסט פערדעקט דאָס געזיכט און געװײנט... דו האָסט געפרעגט: צי דען איז ער צוליב דעם געבױרען געװאָרען, ער זאָל אַזױ גיך אַנגעגען זײן לעבען אױף אַזאַ קלעגליכען אופן? - דו געדענקסט עס?

משה (אונגעדולדיג, ניט זיכער) איז וואָס?

רחל. (ווי זי וואָלט ניט הערען) אָט אַ זעלכער, ווי ער איז דעמאָלט געווען, איז ער פערבליבען אין מיין הארצען. גאַנצענע נעכט פלעגט ער אָבשטעהן פאַר מיינע אויגען מיט דעם אָפענעם מיילכעל, מיט די געלע קנייטשען, מיט די פיאָלעטע פלעקען... ער בעט, דוכט זיך, איך זאָל רחמנות האָבען... און אַזאַ גרויסער רחמנות האָט מיר געדריקט דאָס האַרץ!... און איך האָב אַזוי שטאַרק געפיהלט, אַז איך מוז איהם העלפען!... נאָר איך האָב געוואוסט, אַז איך קאָן ניט העלפען, ס'איז שוין פערפאַלען... קיינמאָל וועל איך איהם מעהר ניט אומקעהרען זיינע ליכטיגע אויגעלעך, זיין סאַמעטענע לייבעלע, זיינע פולע בעקעלעך... — — דו געדענקסט? — אַזעלכער, ווי ער איז געווען פון אָנפאַנג, בשעת מיר פלעגען ביידע שטעהן נעבען וויגעלע, און דו פלעגסט ניט קענען איינהאַלטען זיך פון גליקלעכטער, ווען ער פלעגט אַרומוואַרפען זיין קליין פערדריקט פויסטעל? דו פלעגסט נאָך בכיון אונטערשטעלען דעם באָרד, ער זאָל זיך איינפלאָנטערן מיט די פינגער אין די האָר... דו האָסט געזאָגט, אַז דיר וואָלט זיך שוין גיכער וועלען, ער זאָל דיר דעם באָרד רייסען... ווי ליכטיג און פריי עס איז דעמאָלט ביי אונז אין שטוב געווען... דו געדענקסט, — „אונזער זון איז אויפגעגאַנגען"— וואָס האָט עס בעטייט?

משה. (מאַכט אַ ניט זיכערע בעוועגונג, שווייגט).

רחל. מיר פלעגען אָפט ביידע טראַכטען וועגען זיין צוקונפט. דו האָסט געזאָגט אַז ער דאַרף פריהער פאַר אַלץ קערפערליך זיין שטאַרק און ענטוויקעלט: „אין אַ געזונטען גוף איז אַ געזונטע נשמה". אַנ'אַטלעט, האָסטו געזאָגט, דאַרף ער זיין. פיזישע קראַפט, האָסטו געזאָגט, האָט אַנ'איינפלוס אויף די פסיכישע בעציהונגען פון מענשען. און דו פלעגסט זיך שטענדיג אַרומטראָגען מיט געדאַנקען וועגען פערשיעדענע סיסטעמען פון גימנאַסטיק, פון נעהרונג... „אונזער בעשיצער"— געדענקסט, ווער איז עס געווען?...

משה. המם...

רחל. איך האָב דעמאָלט פאַנטאַזירט וועגען דער צייט, וואָס ער וועט אַליין קענען געהן, און איך וועל איהם אויפנעהען די ערשטע פאָר הויזעלעך... דו האָסט פון מיר געלאַכט פאַר אַזעלכע פאַנטאַזיעס, נאָר מיר איז אַנגענעהם געווען דיין געלעכטער... דו האָסט דאָך אַליין וועגען דעם פאַנטאַזירט... און צוזאַמען האָבען מיר זיך פאַרגעשטעלט דעם ערשטען גאַרניטער, וואָס מיר וועלען איהם אויפנעהען. אַנ'אַנצוג פון גרינעם

סאַמעט מיט סטײנגעס... איך האָב געזאָגט — **מיט רױטע, און דו האָסט** געזאָגט — מיט ראָזע...

מ ש ה. (ניט זיכער) פּערקעהרט...

ר ח ל. יאָ, יאָ, דו האָסט געזאָגט — **מיט רױטע, און איך — מיט** ראָזע... און מיט רױטע סאַפּיאַנענע שיכעלעך, און אַ רױטע מאַטראָסענהיטעלע... און דעמאָלט האָט ער דאָס ערשטע מאָל אָנגעהײבען שמײכלען... דו געדענקסט? דו האָסט געזאָגט, ער לאַכט פון אונז, פאַרװאָס מיר רײדען נאַרישקײט. און איך האָב געזאָגט, אַז ער איז צופריעדען פון גאַרניטור...

מ ש ה. און מיר האָבען געװאַרט, ער זאָל אַ צװײטען מאָל אַ שמײכעל טון...

ר ח ל. און אײנמאָל האָט ער דיר דײן פינגער אַרײנגענומען אין פויסטעל און ניט אַרויסגעלאָזט, — געדענקסט?

מ ש ה. און װען ער האָט דיר די ברוסט פערדריקט צװישען די יאַסלעס?

ר ח ל. יאָ... אַזױ גוט, אַזױ ליכטיג איז בײ אונז דעמאָלט געװען. װיפיעל שײנע האָפנונגען מיר האָבען געהאַט נעבען זײן װיגעלע... אַזױ פיעל פערגניגען, אַזױ פיעל גליק האָט פאַר איהם דאָס לעבען געהאַט געגרײט... דאָס לעבען איז דאָך אַזױ שײן, און איהם איז דאָך דאָ אַזױ פיעל גוטס! מענשען געהען דאָך מונטערע אַרום אויף גאָטס ערד, אָטעמען פרײ, באָדען זיך אין ליכטיגקײט פון דער זון, און איהר װאַרעמקײט. זײ פיהלען, זײ װילען, זײ פרעהען זיך, זײ האָפען און חלומ׳ען, — זײ לעבען דאָך, אַלע לעבען, אַלע געזונטע, אַלע שטאַרקע, אַלע, אַלע לעבען... נאָר ער האָט גאָרנישט, גאָרנישט גענומען פון לעבען... אין דער ערד... (ספּאַזמען פערדריקען איהר דעם האַלז).

מ ש ה. (דריקט זי צו זיך) אַך, רחל׳ע!...

ר ח ל. (דריקט זיך צו איהם) פאַרװאָס שײנען אויף האָפנונגען, אויב זײ מוזען תּכף פערלאָשען װערען? פאַרװאָס?

(די דינסט טראָגט אַרײן די קישען צו בעטען אַ געלעגער; די זעהט די בעלי־בתּים שטײף געדריקט אײנע צו די אַנדערע; טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און געהט אַרױס).

אַ טראָפּעלע גליק.

VI.

אַ שטאַרקע שטיינערנע וואַנט רינגעלט אַרום דעם אַלטען הערשער־שלאָס פון אַלע זייטען. שוואַרץ איז די וואַנט פון אַלטקייט. נעבען דער ערד איז זי אין פיעלע ערטער פערדעקט מיט גרינע פלעקען. אַייזערנע שפּיצען זענען הויך און געדיכט אָנגעזעצט אויף דער וואַנט, און אַ שטאַרקע אַייזערנע טויער איז אין איהר אַיינגעמויערט פון פאָרענט, אַקעגען טאָל. די טויער איז שטאַרק פערראָסטעט. ווען זי עפענט זיך אָב, לאָזט זיך הערען אַ שאַרף גרילצען, גלייך זי האָט זיך נִיט אָבגעעפענט זינד זי איז אַיינגעמויערט געוואָרען. קיינער היט די וואַנט ניט פון דרויסען, און מסתמא היט זי אויך קיינער פון אינווענינ ניט. מורא'דיג אונצוטריטליך איז די וואַנט, שרעקליך שטאַרק די טויער, סיי ווי ווער זי קיינער ניט בייקומען.

אַ טויטע שטילקייט הערשט הינטער וואַנט אין הויף פון אַלטען הערשער־שלאָס. שטומע, בייזע שטעהען הינטער איהר די מויערן פון שלאָס. דאָס זענען אַלטע, זעהר אַלטע מויערן, און פון וויפיעל הונדערט יאָהר ניט בעפרישטע, פון גרויסע שטיינער, וואָס האָבען אַנ'אויסזעהן ווי גרויע פערטריקענטע קרעץ אין די ערטער, וואו די שטוקאַטור איז אָבגע־

פּאַלען. אין די שױבען פון די הױכע און שמאָלע אַלטמאָדישע פענסטער שפּיגעלט זיך אָב די זונענשײן מיט אַ בלאָנדענדען גלאַנץ. צוליב װעלכען עס איז שװער צו בעמערקען, צי איז דאָ עפּעס פּאַרהאַן הינטער זײ, צי ניט.

אַ װיסטע פינסטערניש און לעערקײט קוקט אַרױס פון די גרױסע קײלעכיגע לעכער אָהן ראַמען און אָהן שױבען, װאָס אין די הױכע טורעמס, װעלכע שטעהען אין אַלע פיער עקען פון שלאָס, װי ריזיגע שומרים פון שטײן בעשאַפען, העבען זיך די טורעמס אײנע איבער די אַנדערע: װי פינסטערע אױגען, פון װעלכע שרעק פון דער נאַכט אַלײן קוקען אַרױס, גיבען די פינסטערע לעכער אַכטונג אױפ׳ן טאָל, װאָס פון אונטען דער טאָל זעהט זיך ניט; װײט און נידריג צופוסען בײם שלאָס־באַרג בעהאַלט ער זיך הינטער די שיטערע בױמלעך, און קײן אײנציג דאַבעלקע פון דעם קנעכטהױז, װאָס אין טאָל, זעהט זיך ניט נעבען װאַנט פון הערשער שלאָס.

דערפאַר העבען זיך הױך און גרױס־גאוה׳דיג די בערג אױף יענער זײט פון הערשערשלאָס. ביז די װאָלקענס דערגרײכען זײ און נאָך העכער. עזות׳דיג רײסען זײ דורך די װאָלקענס און בעהאַלטען זײערע שנײיגע קעפּ אין הימעל אין דערהױך. און שװער דריקען זײ די ערד אונטען צוזאַמען מיט דעם הערשערשלאָס, װאָס האָט זיך אױף זײער רוקען צעלעגט. די אָרעמע שיטערע בױמלעך װאָס טײלען אָב דעם טאָל פון הערשערשלאָס, דערװעגען זיך ניט אַ קאָפּ צו העבען אַקעגען די הױכע בערג און אַקעגען די טורעמס. צעקרימטע אַרומגעשלאָגענע פון דונערן און שטורעמװינטען שטעהען די בױמלעך און קוים װאָס זײ פערדעקען מיט זײערע צװײגען דעם שמאָלען װעגעל, װאָס דרעהט זיך אװעק פון אײזערנעם טױער צום טאָל אַראָב אין דער נידער, װאו עס אַרבײטען און װאױנען די קנעכט פון דעם רײכען הערשערשלאָס.

I.

אין דעם טאָג פון דעם הערשערס געבורט פלאַטערט קײן אײנציגע פאָהן ניט אױף די שפּיצען פון די שלאָס־טורעמס אַזױ שטרענג און בײז

ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָהר, קוקען די טורעמס פון אויבען אַראָב און דריקען מיט זייער דעקע שטיינערנע קערפּער די ערד אונטער זיך. אונבּעוועגליך שטום און פערשטיינערט איז אַלץ אַרום, ביז פון דערווייטען לאָזען זיך הערען טריט פון אַפּולע מענשען און זייערע קולות, — ניט קיין דייט. יכע, דומפּפּע און פערמאַטערטע.

די קולות לאָזען זיך הערען וואָס וויטער אַלץ נעהענטער, נעהערטער און קלערער. פון צווישען די בּוימער פאַרבּיי וואַנט פון הערשערשלאָס בּעוויזען זיך אַ גרופּפּע קנעכט; קוים וואָס זיי גערהען, קוים וואָס זיי ריידען פון מידינקייט. דערגרייכענדיג בּיז אַ קלאָץ פון אַן'איינגעפאַלענעם בּוים, וואַרפען זיי זיך — ווער אויף דעם קלאָץ, ווער גליך אויף דער ערד, און ווישען דעם שוויים פון זייערע געזיכטער.

— אָ, ניטאָ קיין כּוח צו לויפען!

— ניטאָ קיין כּוח צו בּעטען!

— ניטאָ קיין צייט צו רוהען! דער טאָג פון דעם הערשערס געבּורט נעהט אַריבּער און ער האָט מיר נאָך זיין גנאָד ניט געציינט.

— איך האָב איהם נאָך מיינע פערלאַנגען ניט אַרויסגעזאָגט!

— אונזערע פערלאַנגען זענען נאָך ניט דערפילט געוואָרען.

— אַלע טויערלעך פון שלאָס־וואַנט בּין איך אויסגעגעווען, אין אַלע פענסטערלעך פון שלאָס־וואַנט האָט מיין געבּעט אַריינגעשריען, און דער הערשער האָט נאָך מיין געבּעט ניט אויסגעהערט.

— אויף שפּיציגע פעלזען האָב איך מיך געדראַפּעט, אָן שאַרפע שטיינער האָב איך מיינע פיס פערוואונדעט, אין ערגעץ האָט מיר דער הערשער קיין טויערל ניט אָבגעעפענט מיין געבּעט אויסצוהערען.

— די גאַנצע וואַנט בּין איך אַרומגעלאָפען דריי מאָל, מיינע פיס זענען מיר געשוואָלען געוואָרען — און קיין טויערל האָט ער מיר ניט געעפענט.

— אַ גאַנץ יאָהר האָב איך אין טאָל מיין קנעכטענאַרבּייט געטון, איך האָב קיין רוה ניט געוואוסט, איך האָב קיין רוה ניט געזוכט, טריי האָב איך געדיענט, און ווען עס פלעגט קיין כּוח ניט זיין דעם רוקען צו בּויגען, פלעג איך מיר טרייסטען: עס וועט קומען דער טאָג פון דעם הערשערס געבּורט. וועט ער אויסהערען דעם פערלאַנג פון זיינע קנעכט, וועט ער אויך מיין פערלאַנג אויסהערען...

— אָך, איין מאָל אין יאָהר איז דער טאָג פון הערשערס געבּורט און געגאַנגען!...

– אײן מאָל... אײן מאָל...
– דער טאָג גײט אַריבער, ברידער!
– דער טאָג גײט אַריבער!
– װאָס זשע זיצען מיר, ברידער? לאָמיר בעטען!
– לאָמיר בעטען!... לאָמיר בעטען!...
– אָ, װער װײס, װאָס צו בעטען!
– אַז מ'װײס ניט, אין װאָסער אָרט, אין װעלכער רגע דער הער־שער װיל זײן גנאָד בעװײזען.
– װי אַ װינט טראָגט ער זיך אַרום פון מזרח צו מערב, פון דרום צו צפון, און מ'װײס ניט, װאו אין װאָסער רגע ער בעװײזט זײן גנאָד.
– אַז מ'װײס ניט, פאַרװאָס ער װעהלט װעמען אױס זײן גנאָד צו בעװײזען.
– אַז מ'װײס ניט!... מ'װײס ניט...
– אפשר עפענט ער דאָרט ערגיץ אַ טױערל, פאַר װעלכע גליק־ליכע אױסדערװעהלטע.
– אַז מ'װײס ניט... מ'װײס ניט...
– אַז דער הערשער װאָלט עס אונז דאָ איצט דעם טױער געעפענט און אונזער געבעט אױסגעהערט!
– אַז ער װאָלט דעם טױער געעפענט!
– װאָס װאָלט עס דעם הערשער געאַרט, װען אין דעם טאָג פון זײן גנאָד, װאָלט ער אַלע קנעכט בײ דעם דאָזיגען טױער פערזאַמלען, אין אײן שעה אױף אײן אָרט אַלעמען אױסהערען, און יעדען זײן פער־לאַנג געבען!
– אַז ער װאָלט אונז אַלעמען די טױער געעפענט!
– צי דען קנאַפּ רײך איז ער? צי דען קנאַפּ מעכטיג איז ער, צי דען צוגרױס זענען די פערלאַנגען פון זײנע קנעכט אין זײנע אױגען?
– אַז מ'װײס ניט, מ'װײס ניט, מ'װײס ניט...
– אַזױ שטאַרק איז דער הערשער, און אַזױ קלײן איז דער פער־לאַנגען פון זײנע קנעכט!
– מײן זוהן זאָל ער מיר אומקערען פון דעם פרעמדען לאַנד, אין װעלכען ער איז פערקױפט – מעהר בעט איך ניט.
– איך בעט, מײן געליבטע זאָל ער מיר שענקען.
– אָך־אָך־אָך – אַלע מײנע כחות האָב איך אין דער דיענסט פון דעם הערשער פערלאָרען. איך בין צו דער עלטער אָהן צײהן געבליבען,

איך קאָן מעהר דעם האַרטען קנעכטענברויט ניט אײַנבײַסען. איך בעט נאָר — אַ טעפּעלע קאַשע, אײך אַ טאָג זאָל מיר דער הערשער בעשטימען, חאָטשי אָהן פּוטער — מעהר פערלאַנג איך גאָרניט, גאָרנישט...

— מעהר ווי אַ פּיעדעלע דאַרף איך ניט!

— איך דאַרף נאָר אַ טינט און פעדער מיט פּאַפּיר.

— איך וויל נאָר אַנ'אויפזועהער — חאָטשי איבער פינף קנעכט זײַן.

— איך פערלאַנג גאָרנישט, גאָרנישט, נור איין מאָל אַ קוש טאָן אין זײַן ווײַסע צאַרטע הערשערהאַנט!

— וואָס זאָל איך בעטען? וואָס זאָל איך בעטען, אַז איך דאַרף גאָרנישט, איך וויל גאָרנישט. איך וויל נאָר אַ ביסעלע גליקליך זײַן. פאַר מײַן גאַנצען לעבען — איין ביסעלע גליקליך זײַן. אַ טראָפּעלע גליק ווען דער הערשער שענקט מיר, אַ טראָפּעלע גליק...

— אַ ביסעלע גליק!

— אַ קאַפּעלע גליק!

— איך וואָלט איהם פאַר זײַן קאַפּעלע גליק מיט זודיגע טרעהרען געדאַנקט. איך וואָלט מײַן זוהן אין טאָל גענומען און וואָלט איהם געלערנט: דער שטילסטער, דער אונטערטעניגסטער זאָלסטו אין קנעכטענשטוב זײַן!

— איך וואָלט די האַרטעסטע ערד געגראָבען, די שווערסטע שטיינער געקײַקעלט, און נאָר בײַ דער נאַכט, נאָך דער אַרבײַט וואָלט איך מיר אויף מײַן פּיעדעלע געשפּיעלט.

— איך וואָלט מיך פון ברויט און וואַסער ענטזאַגט, אין שטאַל מיט די קיה וואָלט איך געשלאָפען אין מיסט נאָך דער אַרבײַט פון טאָג, נאָר מײַן בוך זאָל איך מיר קענען אָנשרײַבען.

— אַ טרײַער דיענער, דער טרײַסטער קנעכט וואָלט מײַן זוהן געווען, און אין אָבענד נאָך דער אַרבײַט וואָלט ער צו מיר אין ווינקעלע, אין מײַן ווינקעלע, וואָס אין קנעכטענשטוב, געקומען, און איך וואָלט איהם מיט מײַנע הענט דעם שווייס אַרומגעוואַשען.

— אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט וואָלט איך אַלע לײַדען פון מײַן קנעכטענהאַרצען אויף די סטרונעס פון מײַן פּיעדעלע אויסגעגאָסען! איך וואָלט מײַן פרייד פון מײַן פּיעדעלע אין לאַכענדיגע טענער אויסגעגאָסען. פון מײַנע טרויערליעדער וואָלטען אַלע קנעכטענהערצער צעגאַנגען, מײַנע פרעהליכע נגונים וואָלטען אַלע קנעכטענפיס צום טאַנצען געצויגען.

– איך װאָלט אין מײן בוך די גרױס פון דעם הערשער בעשריבען, די מעכטיגקײט פון זײן שלאָס, די רײכקײט פון זײן טאָל, און די אונטער־געגעבענקײט פון זײנע קנעכט. אין שײנע קלינגענדע פערזען װאָלט איך דאָס בעשריבען, אין װאונדערליכע שטאַרקע בילדער, און אַלע קנעכט פון טאָל װאָלטען מײן בוך געלײענט און געװאונדערט זיך אױף די מעכטיגקײט פון דעם הערשער, אױף די שײנקײט פון מײן שרײבען.

– װען די האַרץ רײסט מיך צו מײן זוהן, װאָלט איך אין פעלד געלאָפען און געזעהן איהם מיט מײנע אױגען בײם אַקער. אַז מ'װאָלט איהם לױבען פאַר זײן אַרבײט, װאָלט איך װיסען, װען איך מעג מיך פרעהען. מײן זוהן װאָלט מיט מיר געװען, מײן רוה װאָלט מיט מיר געװען...

– פון אַלע װינקעלעך פון קנעכטענשטוב װאָלטען זיך די קנעכט אַרום גאַניקעל צונױפגעקליבען, פון אַלע װינקעלעך פון טאָל װאָלטען זיך די קנעכט פערזאַמעלט אַרום מיך הערען דאָס שפּיעלען פון מײן פידעלע. איך װאָלט זײ אַלעמען בעצױבערט, איך װאָלט איבער אַלע קנעכטענזעלען געהערשט. איך װאָלט אפשר אױף אַ רגע מײן קנעכט־שאַפט פערגעסען, און מײנען אַז איך בין אַ גרױסער מעכטיגער הערשער, װי דער הערשער פון שלאָס.

– פון אײן קנעכטען־דור ביז צום צװײטען װאָלט מײן בוך איבער־געגאַנגען בירושה; די װערעם פון טאָל װאָלטען שױן לאַנג דאָס פלײש פון מײן לײב אױפגעגעסען, און יונגע קנעכט און שקלאַפינס װאָלטען נאָך אַלץ בײ דער נאַכט נאָך דעם שװערען קנעכטענטאָג מיט זײער גײסט איבער מײן בוך גערוהט. די יונגע הערצער װאָלטען שטאַרקער געקלאַפּט פון מײנע שײנע בילדער אין פערזען; די יונגע בלוטען װאָלטען זודיגער געקאָכט פון מײנע טיפע געדאַנקען. און װער װײס — אפשר װאָלט אַ װאָסער קנעכט זײן קנעכטשאַפט פערגעסען, לײענענדיג די צײלען פון מײן בוך...

– רוהיג, רוהיג װאָלט איך מײן דיענסט געטאָן ביז מײן טױט אונ־טער דעם שוץ פון מײן זוהן אין קנעכטענשטוב...

– די שענסטע שקלאַפינס װאָלטען מײן פרײנדשאַפט געזוכט פאַר מײן שפּיעלען, די שטאַרקסטע קנעכט װאָלטען מיר צװישען זיך אַן אָרט געגעבען אין קנעכטענשטוב...

– װען פון מײן דור װאָלט קײן זכר ניט געבליבען, װאָלטען די שפּעטערדיגע דורות װיסען און געדענקען: אַמאָל איז געװען אַ קנעכט, װעלכער האָט דעם דאָזיגען בוך אָנגעשריבען...

– איך וואָלט מיך אין טאָל אומגעקעהרט און אַלע מיינע חבר׳תעם אין קנעכטענשטוב דערצעהלט, ווי קלאָר און צאַרט דעם הערשערס האַנט איז, ווי זיס און גוט עס איז זי צו קושען. זיי וואָלטען מיר אַלע מקנא געווען.

– איך וואָלט מיט גאַנצע נייע עמער דאָס וואַסער נים צעפּליעס־קעט פון טייך ביז קנעכטענשטוב, מיט גאוה וואָלט איך מיין קאָפּ געקענט פאַר אַלע קנעכט העבען! זעהט! איך בין נים קיין פּוילער! פולע זענען מיינע עמער!

– איך וואָלט האָטשי איין מאָל אין מיין לעבען געניסען אַ טראָפּע־לע גליק!...

– וואָס זאָגט איהר, ברידער? — אפשר וועט נאָך דער הערשער אין דעם טאָג פון זיין גנאָד אונזער געבעט דערהערען?

– אפשר וועט ער אונז די טויער עפענען און זיין געזיכט בעוויזען?

– אַך, אַז דער הערשער וואָלט אונז זיין גנאָד געצייגט...

– אַז ער וואָלט די טויער געעפענט...

– איך וואָלט אויף די קניה געפאַלען: גרויסער הערשער!

– איך וואָלט איהם דעם שטויב פון זיינע פיס געקושט: מעכטיגער הערשער!

– לאָמיר בעטען — אפשר וועט דער הערשער דערהערען אונזער געבעט!

– לאָמיר בעטען! לאָמיר בעטען! לאָמיר בעטען!

די קנעכט שטעלען זיך אויף די קניה אַקעגען טויער, העבען אויף די הענט, ווי צו תפלה, און בעטען:

– גרויסער הערשער! גנעדיגער הערשער! מעכטיגער הערשער!

– אין דעם טאָג פון דיין געבורט!

– אין דעם טאָג פון דיין גרויס גענאָד!

– הער אוים אונזער געבעט!

– הער אוים דאָס געבעט פון דיינע קנעכט!

– הער אוים דאָס געבעט פון דיינע קנעכט, וואָס פערבלייבען דיין איינענס פון זייער געבורט ביז זייער טויט!

– וואָס דיין נאָמען איז פאַר זיי אַ היילינטום, פאַר וועלכען זיי קניהען און בוקען זיך!

– וואָס אַרבייטען מיט ליעבשאַפט און טרייקייט די אַרבייט אויף דיינע פעלדער אין טאָל!

– וואָס די שווערע אַרבײט אויף דײנע פעלדער אין טאָל איז זײ ליב און זיס ווי דאָס לעבען!
– וואָס בעטען דיר אונטערטעניגסט, זאָלסט זײ אָבעפנען די טויער פון דײן הערשערשלאָס, כּדי אויף אײן רגע זײער פערלאַנגען אויסצוהערען!
– כּדי אויף אײן רגע דײן גנאָד צו בעטען!
אַלע קנעכט בוקען זיך ביז דער ערד מיט די געזיכטער.
– גרויסער הערשער, גנעדיגער הערשער, אַלמעכטיגסטער הערשער!
הער אויס דאָס געבעט פון דײנע איבערגעבענסטע קנעכט!
– פון דײנע קנעכט וואָס זענען דיר געטרײ פון געבורט ביז טויט!
– מיט לײב און זעעלע זענען מיר איבערגעגעבען דײן דיענסט!
– מיט אונזערע שווײס וועלען מיר דײנע פעלדער אָנטרינקען!
– מיט אונזער בלוט וועלען מיר דײנע פעלדער בעפײכטען!
– מיט אונזערע פינגער וועלען מיר יעדעס שטיקעלע ערד פון דײנע פעלדער דערוויכען!
– מיט אונזערע צײהן וועלען מיר יעדען שטײנדעלע אויף דײנע פעלדער צעמאָלען!
– יעדע רגע פון אונזער לעבען וועלען מיר דײן דינסט אָוועקגעבען!
– יעדע מחשבה פון אונזערע געהירען וועלען מיר דײן דינסט אָוועקגעבען!
– צוליב דײן אײנענער שטאַרקײט און מעכטינקײט — הער אויס אונזער געבעט!
– עפען אונז אָב די טויערען פון דײן גנאָד!
– אויף אײן רגע בעווײז אונז דײן גנאָד!
די קנעכט בוקען זיך ביז דער ערד מיט די געזיכטער.
– גרויסער, אַלמעכטיגער גנעדיגער הערשער! עפען אָב די טויערן פאַר דײנע קנעכט! ווײז אונז דײן גנאָד אין דעם ליכטיגען טאָג פון דײן געבורט!
– שענק מיר אַ נײע בײטש צו דינען דיר!
– בעגנעדיג מיך מיט אַ נײען אַקער צו אַרבײטען פאַר דיר!
– מײן זוהן קעהר מיר אום!
– אַ קוש אין דײן הערשערהאַנט!
– אַ טראָפּעלע גליק! אײן טראָפּעלע גליק!
– מײן געליבטע שענק מיר!

–מיין געליבטען גיב מיר!
–מיין בוך!
–אַ פיעדעלע!
–אַ טראָפּעלע גליק, אַ טראָפּעלע גליק!
–אַ פּאָר נייע עמער!
–אַ טעפּעלע קאַשע!
–אַ טראָפּעלע גליק, אַ טראָפּעלע גליק!
די קנעכט פאַלען צו דער ערד און פערבלייבען אַזוי אין עקסטאַז.
–עמיצער געהט הינטער טויער – ניין?
–עמיצער געהט?!
–שאַ, שאַ, שווייגט! שווייגט!
שטיל.
–עמיצער רעדט הינטער טויער – ניין?
–עמיצער רעדט?!
–שווייגט! שווייגט! שטילער! שאַ! ש-ש-ש-ש.
שטיל.
–שליסלען קלינגען הינטער טויער – ניין?
–שליסלען קלינגען?
–שווייגט! שווייגט! שטילער! שאַ! ש-ש-ש-ש...
שטיל.
–איהר הערט נאַרנישט?
–איהר הערט ניט?...
–שווייגט! שטילער! ש-ש-ש-ש...
שטיל ליגען די קנעכט אויסגעצויגען אויף דער ערד.
–קיינער געהט ניט הינטער טויער...
–קיינער געהט ניט הינטער טויער!
–קיינער רעדט ניט הינטער טויער!
–קיין שליסלען קלינגען ניט!
–די טויערן עפנען זיך ניט.
–דער הערשער הערט אונזער תפלה ניט.
–דער הערשער הערט ניט.
–איך האָב נאָך קיין נייען אַקער ניט!
–איך האָב קיין בייטש ניט!
–איך – געשיידט פון מיין געליבטער!

— איך — פון מיין געליבטען!
— איך — אָהן טינט און פעדער.
— אָהן אַ פּיעדעל.
— אַ פּשוט'ער קנעכט ווי אַלע אין טאָל.
— האַרטע ברויט מיט מיינע פערוואונדעטע יאַסלעס.
— ניין, איך געה זוכען דעם גנאָד פון מיין הערשער נעבען אַנ'אַנדער טויער.
— נעבען אַנ'אַנדער טויער וועט ער מיר זיין הערשערהאַנט צום קושען געבען.
— נעבען אַנ'אַנדער טויער וועל איך מיין זוהן בעקומען.
— די טויער עפענט זיך ניט — לאָמיר געהן, ברידער!
— לאָמיר געהן פון דאַנען!
— איך געה זוכען דעם גנאָד פון מיין הערשער!
— איך געה בעטען גנאָד ביי מיין הערשער!
די קנעכט העבען זיך אויף און נעהען אַוועק פאַרביי וואַנט פון שלאָס זוכען גנאָד. פון וויטען הערט זיך זייער געבעט:
— מיין זוהן קעהר מיר אום, הערשער!
— מיין געליבטע!
— מיין געליבטען שענק מיר!
— אַנ'אויפזועהער האָטש איבער פינף!
— אַ נייען בייטש, מיין הערשער!
— אַ נייען אַקער!
— אַ טינט און פעדער!
— אַ פּיעדעלע!
— אַ טעפּעלע קאַשע!
— אָך, אָך, אָך! שטאַרקער הערשער! גאָרנישט וויל איך ניט, גאָרנישט דאַרף איך ניט. איך ווייס ניט וואָס איז גליק. אַ ביסעלע גליק וויל איך אין מיין לעבען, אַ טראָפּעלע גליק, איין טראָפּעלע גליק!...

II.

אויפ'ן פעלדעל נעבען דער גרויסער טויער פון הערשערשלאָס איז וויסט און לעער. חוץ איין איינציגען קנעכט, וועלכער זיצט

אויפ'ן קלאָץ אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ אויף די הענט, איז דאָ קיינער ניטאָ. קיין בלעטעלע אויף די בוימער אַרום בעוועגט זיך ניט. קיין קול פון א מענשען הערט זיך ניט. פון וויטען, גאָר פון וויטען לאָזט זיך נאָר אָפּט הערען אַ טויבער גערודער! ער קלינגט אָב ווי ווייטע קולות אין אַ שוואַרץ-פינסטערע נאכט אין אַ געדיכטען ווילדען וואַלד: ווער ווייס ווער שרייט דאָרט, ווער ווייס ווער איבער וועמען עס שרייט דאָרט; אפשר לאַכט עמיצער פון פולען האַרצען מיט פרייד; אפשר רופט עמיצער צו הילף אונטער דעם מעסער פון אַ רוצח; אפשר דוכט זיך דאָס אינגאַנ-צען נאָר אוים, און קיינער שרייט ניט, קיינער רופט ניט, נאָר די אַנגע-שטרענגטקייט פון דער שטיל אָטעמט אַזוי העפטיג, דאָס בלוט פון דער אייגענער היץ קאָכט אַזוי אין די אָדערן, און קלינגט אין מאַרך.

דער קנעכט, וואָס זיצט אויפ'ן קלאָץ, טוט ניט קיין ריהר מיט קיין אבר. אפשר איז ער פערזונקען אין זיך און הערט אפילו ניט די שטילקייט וואָס אַרום. פון צווישען די בוימער פאַרביי וואָנט קומט אָן לויפענדיג אַ קנעכט. ער בעמערקט דעם צווייטען, וואָס זיצט אויפ'ן קלאָץ, און לויפט צו אידם. ער ריהרט איהם אָן מיט זיין האַנט און וועקט איהם.

– שטעה אויף, ברודער, גיכער לאָמיר ענטלויפען!

– וואָס איז דען געשעהן?

– דער גרויסער הערשער פון שלאָס האָט זיך בעוויזען צו איינעם פון די קנעכט.

– ווילסטו ענטלויפען פון דעם הערשערס גנאָד?

– אָ, אַז דער הערשער וואָלט מיר זיין גנאָד צייגען!

– פאַר וואָס זשע דען ווילסטו לויפען?

– ניט פאַר דעם הערשערס גנאָד, ניט פאַר דעם הערשערס גנאָד! דער קנעכט, וועלכען דער הערשער האָט זיך בעוויזען, האָט געבעטען די אויפזעהעריי איבער פינף קנעכט. דער הערשער האָט איהם געזאָגט: נעם פינף קייטען, פערשמיד די ערשטע פינף, וואָס דו וועסט בעגעגנען, און הערש איבער זיי אין מיין נאָמען. אָ, וועה צו יענעם, וועלכער וועט איצט דעם דאָזיגען גליקליכען קומען אויפ'ן וועג! לאָמיר לויפען!

– ס'איז דאָך ניט אַלץ איינס קנעכטשאַפט דיענען?

– יאָ, אָבער בעטען גנאָד ביים הערשער? אין דעם גרויסען טאָג פון דעם הערשערס גנאָד, ווילסטו דען מיטען אָבגעפיהרט ווערען אין טאָל, איידער דו האָסט דיין פערלאַנג אויסגעבעטען?

— איך װײס ניט װאָס צו בעטען...

— אַזױ! ס'איז אַ רחמנות מיר איז אױף דיר! איך האָב װאָס צו בעטען. אָך, װען דער הערשער שענקט מיר אַ נײען גאַרטעל, איך װאָלט מיך פערפּוצט נאָך דער אַרבײט, און אװעק שפּאַצירען פּאַרבײ קנעכטענשטוב. אַלע שקלאַפינס װאָלטען זיך אױף מיר פערקוקט, אַלע קנעכט װאָלטען מיר מקנא געװען. װען דער הערשער שענקט מיר אַ נײען גאַרטעל!

— אַז איך װאָלט װיסען, װאָס צו בעטען...

— קום גײה מיט מיר, װעסטו אין װעג טראַכטען, װאָס צו בעטען,

— איך האָב שױן געטראַכט, איך האָב אַ גאַנץ יאָהר געטראַכט, נאָר גאָרנישט אױסגעטראַכט, אַ חוץ אַ טראָפּעלע גליק. קײן זאַך דאַרף איך ניט, קײן זאַך װיל איך ניט; איך װאָלט נאָר אַ ביסעלע גליק אין מײן לעבען װעלען. איך האָב קײנמאָל ניט געװאוסט, װאָס איז גליק. איך האָב אַ לעבען אָבגעלעבט אָהן גליק — אַ טראָפּעלע גליק אַז דער הערשער װאָלט מיר שענקען, אײן טראָפּעלע גליק.

— טאָ קום, זײ ניט, װעסטו בעטען אַ טראָפּעלע גליק, װען דער הערשער װעט דיר דײן גנאָד װעלען צײגען. קום, די צײט איז קורץ, דער גליקליכער אױפזעהער קומט באַלד!

— אױב דער הערשער װיל מיר דאָס טראָפּעלע גליק בײם אױפזעהער אױפ'ן קײט געבען — טאָ זאָל מיר דער אױפזעהער אױפ'ן קײט נעמען.

— נעהסטו ניט?

— איך בין אומעדום געגאַנגען, איך האָב מיר אין אַלע עקען פון װאַנט געקלאַפּט, איך האָב אומעדום געבעטען — אַ טראָפּעלע גליק!...

— נו, איך האָב מײנס אָבגעטון, ברודער, איך האָב דיך געװאָלט פערהיטען, מעהר בין איך ניט מחויב, זאָל דיר געגעבען װערען דײן בענעהר. איך לױף זוכען דעם הערשערס גנאָד. אָך, הערשער, אַ נײען גאַרטעל, אַ נײען גאַרטעל!

ער ענטלױפט מיט זײן געבעט פאַרבײ װאַנט פון שלאָס רעכטס; אין דער זעלבער צײט קומט פון לינקס אָן דער קנעכט, װאָס דער שלאָסהערשער האָט איהם געשאַנקען די אױפזעהערײ איבער פינף פון זײנע ברידער. פינף קנעכט פיהרט ער אױף אַ קײט, װי אַ יעגער די יאַגדהינט. די קנעכט אױף די קײטען דריקען זיך דערשלאָגענע און דערשראָקענע אײנער צו דעם צװײטען.

— געענדיגט, געענדיגט האָט זיך פאַר מיר דער טאָג פון דעם הערשערס גענאָד.

— די פּיס זענען מיר אין וואונדען געוואָרען, לויפענדיג נאָך דעם הערשערס גנאָד, און קיין גנאָד האָב איך ניט געפונען.

— אַ גאַנצען יאָהר פערבלייב איך איצט אָהן דעם הערשערס גנאָד.

— ביז דעם צווייטען טאָג פון דעם הערשערס געבורט, בעקום איך מיין פערלאַנג ניט!

— אָך, אָך, אָך! ווי געקומען, אַזוי קעהר איך מיך צוריק אום אין קנעכטענשטוב!

— ווייטער טראָגען דעם יאָך.

— אָהן אַ טראָפּען טרייסט.

— אָהן אַ טראָפּען פערגניגען.

— נו, נו קלאָגט ניט, קלאָגט ניט! איך וויל ניט, איהר זאָלט מיר דעם טאָג פון מיין פרייד פערגיפטען מיט אייערע געוויינען. שטיל זאָל זיין! פרעהען זאָלט איהר זיך און דאַנקען דעם הערשער פאַר דעם גנאָד, וואָס ער האָט מיט מיר געטון!

— אַ, הערר!

— זיי אונז מוחל, הערר!

— איך וועל מעהר ניט ווייגען, הערר!

— אָט אַזוי—אַ. „הערר" — אַזוי דאַרפט איהר מיך רופען. איך בין אייער הערר, ווארום איהר שלעפּט די קייט און איך פיהר אייך. נו, רוהט אָב, אויב איהר זענט מיעד. די זון איז נאָך הויך, מיר וועלען נאָך בעוויזען בעצייטענס צו זיין אין טאָל.

די קנעכט וואָס אויף דער קייט, זעצען זיך אויף דער ערד

— יאָ, איידער די נאַכטשאָטענס וועלען זיך פערשפּרייטען איבער דער ערד, וועלען מיר נאָך זיין אין טאָל. איך וויל, אַלע קנעכט פון קנעכטענשטוב זאָלען נאָך היינט זעהן, אַז מיך האָט דער הערשער אויסגעצייכענט פון אַנדערע זיינע דינער, און צום אויפזועהער געמאַכט. יאָ, איצט בין איך ניט קיין פּשוט'ער קנעכט. וואָס קען נאָר ריטער צו-נעהמען, איך וועל שוין אויך קענען געבען ריטער. בשעת מיר וועלען אַקערן, זייהען און שניידען אין פעלד, די זון וועט אונז אונערבאַרמליך ברענען, טייכען שווייס וועלען פון מיר רינען, — וועל איך אייך הייסען, און

איהר וועט מיר דעם שוויים פון מיין נעזיכט ווישען. וואס, איהר וועט זיך דאן ענטזאגען?

–אָ, הערר! דיין פערלאַנג איז פאַר אונז אַ געבאָט!

–וואס דו ווערסט הייסען, וועלען מיר טאָן!

–מיט פרייד וועלען מיר דיין געבאָט דערפילען.

–אַזוי, אַזוי, דאָס איז גוט... און אַז מיר וועלען פאַר דעם טאָג זיך אָנהאָרעווען אין פעלד אויף דעם דיענען צו דעם הערשער, און אַלע ביינער וועלען אונז וועה טאָן פון שוואַכקייט; דאָס האַרץ וועט חלש'ען פון הונגער, און דער גומען וועט טריקענען פון דאָרשט, וועל איך אייך הייסען — וועט איהר מיר דעם גרעסטען שטיק, דעם בעסטען שטיק פון קנעכטענברויט אָבגעבען. דאָס געדיכטסטע פון קעסעל וועט איהר פאַר מיר לאָזען, איהר וועט עסען און טרינקען דאָס, וואָס פון מיר וועט איבערבלייבען. וואס, איהר וועט אפשר ניט וועלען?

–אָ הערר! דיין פערלאַנג איז פאַר אונז אַ געבאָט!

–ווי דיר איז געפעלען, וועלען מיר טון.

–מיט פרייד וועלען מיר דיין פערלאַנג דערפילען.

–אַזוי, אַזוי. און ווען דער הערשער וועט אין מיין אַרבייט אַ חסרון געפינען, און וועט מיך צו שטראָף פער'משפט'ען, וועל איך פאַר יעדען שמיץ, וואָס איך וועל פון הענקער בעקומען, אייך צעהן שמיץ געבען, מיט קראָפּיווע פון טאָל וועל איך אייך אייערע לייבער שמייסען, מיט דערנער שפּיציגע און שטעכעדיגע ווי נאָדלען, וועל איך אייער לייב שינדען פון אייך. וואס, איהר וועט זיך אפשר ניט לאָזען?

–אָ, הערר! אין דיין האַנט זענען מיר!

–צו גוטס און צו שלעכטעס אין דיין האַנט!

–אויף דיין רחמנות האָפען מיר!

–אַזוי, אַזוי... גוטס און שלעכטס — פון מיין האַנט. איך קען אויף אייך רחמנות האָבען, און קען אייך שטראָפען. ווען דער יאָך פון דער שווערער אַרבייט וועט מיר דאָס האַרץ פערדריקען, און טרעהרען אַרויסטרייבען פון מיינע אויגען, אַ ביטער וואָרט פון ווידערשפעניגקייט וועט זיך רייסען פון מיינע ליפען, –וועל איך זיך ניט בעדאַרפען בע-האַלטען אין אַ פינסטער ווינקעלע, וואו קיינער זאָל ניט זעהן, ווי איך לאָז אויס דעם כעס פון מיין ביטער האַרצען צו מיין אייגענעם לייב, אָ, איך וועל מיר מעהר די פינגער ניט בייסען, מעהר די ליפען ניט בייסען פון פערדריקטען וועהטאָג, מעהר ניט! אַ גאַנצען ווינקעלע אין

קנעכטענשטוב וועלען מיר האָבן. און ווען דער כעס וועט זיך אָנקלײ־
בען אין מײן האַרצען, וועל איך אים צו אײך אויסלאָזען. ווען מיר
וועט זיך וועלען װײנען, וועל איך אײך שמײסען — און איהר וועט מיט
מיר גיסען טרעהרען. ווען מיר וועט זיך וועלען שרײען — וועל איך
אײך שלאָגען, און איהר וועט מיט מיר צוזאַמען בעטען רחמים. ווען
אַ ביטער וואָרט וועט זיך וועלען רײסען פון מײנע ליפּען וועל איך אײך
מיט מײנע צײהן בײסען, און איהר וועט מיט מיר שילטען דעם טאָג
פון מײן געבורט. איך וועל הערען אײער יאָמערן, ווי אַ טרײסטענדע
מוזיק וועט עס מיר קלינגען אין מײנע אויערן: דו ביזט ניט דער
ערגסטער פון אַלע קנעכט; דיך האָט דער הערשער אויסגעצײכענט
פון אַנדערע; דו אַלײן הערשט איבער פינף קנעכט! פינף קנעכט שלע־
פּען דײן קײט, און דו האַלטסט די בײטש איבער זײ אויפגעהעבען!..
וואָס, איהר וועט זיך ניט לאָזען שמײסען?

— אַ הערר! אין דײן האַנט זענען מיר!

— דײן פערלאַנג איז פאַר אונז אַ געבאָט!

— וואָס דו ווילסט, קענסטו מיט אונז טאָן!

— אָ, איך וואָלט שוין וועלען, איהר זאָלט זאָגען אַנדערש... איך
וואָלט אײך דאָ תּכף בעוויזען, וואָס אַנ'אויפזעהער, וועלכער איז פון
הערשער בעשטימט, קען מיט זײנע אונטערטעניגע טון... נו, גענוג צו רוהען;
דער טאָג שטעהט ניט, די זון שלאָפט ניט, און איך וויל נאָך בעצײטענס
אין קנעכטענשטוב זײן. אַ גוטען ווינקעל, דעם בעסטען, פינסטערסטען
ווינקעל וועל איך מיר אין קנעכטענשטוב פערנעהמען — און דאָס וועט
אונזערס זײן. פון ברעטער וועט איהר מיר דאָרט אַ געלעגער הויך
איבער דער ערד אויפשטעלען — דאָס וועט מײן הערשערשלאָס זײן.
די גאַנצע שמרוי פון דעם ווינקעל וועט איהר אויף מײן געלעגער אָנבע־
טען, און איהר וועט אויף דער הײלער ערד שלאָפען. וואָס, איך טאָר
אפשר ניט אַזוי?

— אָ, הערר, אַלץ מעגסטו!

— אַלץ קענסטו!

— ווער קען דיר דערווידערן!

— אַזוי, אַזוי... געהען מיר.

די קנעכט העבען זיך אויף צו געהן.

— אַ פּשוט׳ער קנעכט, װי אַלע קנעכט, בין איך אַהער פון מאָל געקומען, און אַ העררר איבער פינף קעהר איך מיך צוריק אין מאָל. אַ דאַנק דיר, הערשער!

ער קעהרט זיך מיט׳ן געזיכט צום הערשערשלאָס, און בוקט זיך טיעף ביז דעם גאַרטעל. בעמערקט דעם קנעכט, װאָס זיצט אויפ׳ן קלאָץ־ אין די אויגען הײבען בײ איהם אָן צו גליהען. ער געהט אונטער צום קלאָץ.

— װער ביזטו, קנעכט? פאַר װאָס ענטלויפסטו ניט, װי אַנדערע דײנע חברים? האָסט דען קײן מורא ניט, איך זאָל דיך אויף דער קײט נעהמען?

— אויב דײן קײט װאָלט מיר אַ טראָפּעלע גליק געשײנקט — װאָלט איך װעלען, דו זאָלסט מיך אויף דײן קײט נעהמען... אַך, אַ טראָפּעלע גליק...

— װײסט, אַנ׳עבירה, װאָס דו ביזט ניט אין די פינף אַרײנגעפאַלען אין מײנע הענט. אַזאַ געזונטער, אַזאַ שטאַרקער. שטעל זיך נאָר, איך װעל דיך בעטראַכטען.

דער קנעכט בלײבט זיצען.

— שטעלט איהם אַקאָרשט, האַלט איהם צו. אַזױ.

דער אויפזעהער בעטאַפּט איהם.

— עך, ברודער, אַ װידערשפּעניגער ביזטו. אָבער אַ געזונטער. ס׳אַראַנ׳אײזערנע ברוסט! שטאָלענע הענט, ס׳אַראַ קאַרק! אַנ׳עבירה, אַנ׳עבירה, װאָס ניט דער פינפטער ביזטו אַרײנגעפאַלען אין מײנע הענט. איך װאָלט דיך אויפ׳ן קײט גענומען, און אין מאָל תּכף אװעקגעשלעפּט. דער בעסטער פון מײנע אונטערטעניגע װאָלסטו בײ מיר געװען. איך װאָלט דיר אין שטאָל מיט די קיה פערשפּאַרט. איך װאָלט דיך אויף דער אַרבײט אַנשטאָט פינף געניצט צו אַרבײטען, װאָרום פינף מאָל שטאַרקער ביזטו פאַר מיר, און הונדערט מאָל שטאַרקער בין איך פאַר דיר װאָלט איך געװען פאַר דיר... אַנ׳עבירה, אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ געזונטער, אַזאַ געזונטער.

ער געהט אָב מיט זײנע קנעכט איבער דעם װעג, װאָס פיהרט אין מאָל. דער קנעכט פערבלײבט אַ רגע אַלײן. אַ טויטע שטילקײט שטעהט אַ װײלע אָן נעבען טויער פון הערשערשלאָס, מיט די זעלבע טויבע אָבקלאַנגען פון דערװײטען; דערנאָך קומט אָן אַ פּאָר — אַ קנעכט מיט אַ שקלאַפין.

– דער הערשער האָט מיר אַזוי געזאָגט: נעהם דיין געליבטע און זאָל זי דיינע זיין אין מיין נאָמען.
– דיינע אויף אייביג – אין נאָמען פון הערשער.
– און קיינער וועט דיך קיינמאָל פון מיר ניט אָבנעהמען.
– קיינער קיינמאָל ניט, אייביג דיינע...
– אייביג מיינע, אַ דאַנק דעם גענאָד פון הערשער. אַך, ווי גוט דער הערשער איז צו מיר!
– און צו מיר.
– צו אונז ביידען. אַזוי שטאַרק איז זיין מאַכט, וואָס ער האָט פערשפּרייט פון זיינע טורעמס איבער טאָל.
– און אַזוי זיס איז זיין מאַכט.
– אַזוי שטאַרק און מעכטיג איז זיין שלאָס, און אַזוי הויך און ניט צוטריטליך זיינע טורעמס!
– די גאַנצע זון מיט איהרע שטראַהלען פאַלען אויף זיינע טורעמס און שפּיגלען זיך אָב אין די פענסטער פון זיין הערשערשלאָס.
– ווי שטרענג עס שטעהען זיינע טורעמס אויף דעם גרעניץ פון באַרג און טאָל! און ווי הערשעריש־גאוה׳דיג זיי וואַרפען זייער השגחה אויף דעם טאָל.
– און אויף אַלע קנעכט, וואָס אין טאָל.
– סיי גרויסע סיי קליינע, סיי שטאַרקע סיי שוואַכע — אַלע פערבלייבען שטענדיג אונטער זייער השגחה.
– דעם גרעסטען און דעם קלענסטען בעמערקען זיי.
– פון שפּיץ טורעם, וואָס אונטער די וואָלקענס, האָט ער מיך דעם קלענסטען פון זיינע קנעכט דערזעהן.
– און מיך די יונגסטע פון זיינע דינסטען, מיט זיין גנאָד ניט פערמיידט.
– אַ דאַנק דיר, גרויסער הערשער, פאַר דעם גנאָד, וואָס דו האָסט מיר געטון!
– אַ דאַנק דיר, גרויסער הערשער!
זיי בוקען זיך ביז דער ערד און זעצען זיך. דער קנעכט נעהמט אַרום די שקלאַפין.
– אַך, ווי גוט עס איז מיט דעם הערשערס גנאָד!
– ווי בלאַנק עס שטראַהלען די פענסטער פון שלאָס!
– ווי העל עס שיינען די מעכטיגע ווענט פון שלאָס!

– ווי הויך די טורעמס הייבן זיך!
– ביז הימעל!
– העכער!
– ווי פיין די געזומסען זענען!
– ווי קינסטלעריש די ראַמען זענען געשניצט.
– אַ פּרעכטיגער שלאָס!
– אַ וואונדערבאַרער שלאָס!
– אַ וואונדערבאַרער הערשער!
– ס'אַראַ שיינע אויגען ער האָט.
– ווי גאיה'דיג זיין וואוקס איז!
– צוויי טיעפע ימים זענען זיינע אויגען — ווי ביי דיר...
– ווי געזונט און מעכטיג זיין ברוסט אָטעמט!
– ווי די שיין פון צעהן זונען איבער גרינע וועלדער — אזוי מילד איז זיין שמייכעל — ווי דיין שמייכעל...
– ווי שטרענג עס קלינגט זיין שטים!
– ווי ליב זיינע ווערטער זענען — אזוי ווי מוזיק קלינגען זיי אין אויער ווי דיין שטים.
– יאָ, מילד און שטרענג; אזוי האָט ער געזאָגט: נעם דיין געליבטע, און זאָל זי דיינע זיין אין מיין נאָמען.
– אויף אייביג דיינע...
ער דריקט זי צו צו זיין ברוסט.
– ווי גוט עס איז מיט דעם הערשערס גנאָד.
– נעבען די טויערן פון דעם הערשערס שלאָס.

יאָ, נאָר באַלד וועט די זון אונטערגעהן. דער טאָג געהט צו ענדע. דיקע נאַכטשאָטענס וועלען פערדעקען די וועלט. מיר מוזען נאָך באַצייטענס אַראָב אין טאָל. אַ שטילינקען פינסטערען ווינקעלע וועלען מיר זיך אָבזוכען אין קנעכטענשטוב, און דאָרט וועלען מיר היטען דעם הערשערס גנאָד. אין אַ שטילינקען פינסטערען ווינקעלע וועלען מיר זיך ליגען און היטען דעם הערשערס גנאָד. גאַנץ פריה וועט מען אונז אוועק־טרייבען צו דער אַרבייט, דיך — צו דיינער, מיך – צו מיינער. בשעת טייכען שווייס וועלען פון אונז רינען אונטערן יאָך פון דער שווערער אַרבייט, וועט דער געדאַנק וועגען אונזער פינסטערען שטילינקען ווינקעלע אונז געבען מוט צו טראָגען דעם יאָך. נאָך דער פראַצע פון טאָג וועלען מיר אין דעם ווינקעלע שעפּען כּוח פאַר דעם צווייטען קנעכטענטאָג, איך

אין דיר, דו — אין מיר. ווען פון קעלט וועלען אונזערע ביינער ציטערן אויף דער פייכטער ערד אין אונזער פינסטערן ווינקעלע, וועסטו מיט דיין לייב — מיין לייב וואַרעמען, און איך — דיינע. ווען הונגער וועט אונז פּייניגען אין אונזער פינסטערן ווינקעלע, וועל איך דיך מיט דעם בלוט פון מיין האַרצען זעטיגען — און דו מיך מיט דיין בלוט. אין דיין שויס וועל איך אויסוויינען די טרעהרען, וואָס וועלען זיך אָנקלייבען אין מיין האַרצען, און דו — אין מיין שויס. באַנאַנד וועלען מיר ליידען, באַנאַנד וועלען מיר געניסען פון אונזער הערשערס גנאָד. און קיין דריטער זאָל אין אונזער ווינקעלע ניט אַריין. פינסטערניש וועלען מיר אין איהם היטען, קיין אויג זאָל ניט זעהן, קיין קנעכט זאָל אונז ניט זעהן, קיין שונא זאָל ניט מקנא זיין, קיין גוטער פריינד זאָל געניסען פון דעם גנאָד, וואָס אונזער הערשער האָט אונז געשיינקט.

ער שטעלט זיך.

– דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר אַליין געשיינקט דיין גנאָד, אַ דאַנק דיר הערשער!

ער בוקט זיך ביז דער ערד און בעמערקט דעם קנעכט אויפ'ן קלאָץ שטעלט זיך אַקעגען, פערדעקט מיט זיין קערפּער זיין געליבטע און שטרעקט אויס די האַנט, ווי גרייט צו מלחמה.

– דו האָסט זיך אונטערגע'גנב'עט אָבצונעמען ביי מיר מיין געליעבטע?

– איך דאַרף ניט דיין געליבטע, איך דאַרף גאָרנישט, איך וויל גאָרנישט, אַ טראָפּעלע גליק נאָר, אַ טראָפּעלע גליק!

– וואָס זשע זיצסטו דאָ? וואָס טוסטו דאָ? וואָס ביזטו געקומען אונטערהערען און אויסזעהען?

– איך דאַרף דיין געליבטע ניט, איך דאַרף גאָרנישט... גאָרנישט...

– אויב דו ווילסט מיך ניט בערויבען, איז גוט. נאָר טאָמער מיינסטו פון הינטען אויף מיר אָנצופאַלען און מיין געליבטע פון מיר אָבצורויבען, זאָלסטו וויסען, אַז איך וועל זי אָהן מלחמה ניט געבען. בלוט וועט זיך גיסען. און טאָמער וועסטו מיך גובר זיין, זאָלסטו וויסען, אַז מיין געליבטע האָט נאָר מיך אַליין ליעב. דיך וועט זי טרייבען פון זיך. יעדער קלענסטער ערגסטער קנעכט וועט איהר זיין ניט וועניגער ליעב, ווי דו. זי וועט דיר קיינמאָל איהר שמייכעל ניט ווייזען. זי וועט לאַכען, ווען דו וועסט וויינען; זי וועט וויינען, ווען דו וועסט לאַכען...

– אָךְ, איך דאַרף ניט דיין געליבטע. אַ קאַפּעלע גליק דאַרף איך, אַ טראָפּעלע גליק, אַ טראָפּעלע גליק!...

– אויב דו דאַרפסט ניט מיין געליבטע –– איז גוט, נאָר טאָמער מיינסטו מיך אָפּנאַרען, איז דיין טרחא אומזיסט. סיי ווי ווט דיר מיין געליבטע ניט געפעלען. אַ מיאוסע איז זי, ווי אַ פלעדערמויז. און רויטע אויגען איז ביי איהר פון געוויין. זי איז דאַר ווי אַן׳אַלטע צויג. איהר קוש איז קאַלט, ווי אייז; איהר געלעכטער רייסט דאָס האַרץ, ווי דאָס געשריי פון אַ סאָווע. די ערשטע ערגסטע שקלאַפין, וואָס דו וועסט אין קנעכטענשטוב אין טאָל בעגעגנען, איז טויזענד מאָל בעסער פון איהר. וואָס דאַרפסטו זי?

– אָךְ, איך דאַרף זי ניט, איך דאַרף זי ניט, אַ קאַפּעלע גליק דאַרף איך, אַ טראָפּעלע גליק...

– אויב דו דאַרפסט זי ניט –– איז גוט.

ער נעמט אַרום זיין געליבטע און געהט אַוועק אין טאָל אומקוקענדיג זיך יעדע רגע אויף הינטער. פון צווישען די בוימער פאַרביי שלאָסוואַנט געהט אַרויס אַן׳אַלטער קנעכט מיט אַ קליין טעפּעלע אין האַנט, קוים שלעפּענדיג די פיס, געהט ער אונטער צו דעם קנעכט, וואָס זיצט אויפ׳ן קלאָץ.

– אָ, ניטאָ קיין כוח מעהר די פיס צו שלעפּען, די אַלטע פיס. כ׳וואָלט בעסער תּכף אַראָפּ אין טאָל, אָנזעטיגען זיך מיט דער קאַשע, וואָס מיין הערשער האָט מיר מיט זיין גנאָד געשענקט, און אויסרוהען די אַלטע צעבראָכענע ביינער. נאָר עס ווילט זיך נאָך אַ ביסעל אָנקוקען דעם שיינעם הערשערשלאָס. אָךְ, ווי שיין דער שלאָס איז, ווי גרויס זענען זיינע רייכטימער, ווי גרויס זיין מעכטיגקייט איז, און ווי גוט צו זיין ביי איהם אין דיענסט איז. קיינעם פערלאָזט ער ניט מיט זיין גנאָד, אָט האָט ער מיר געשענקט אַ טעפּעלע קאַשע פאַר מיין אַרבייט, איך קען שוין דעם קנעכטענברויט ניט צעקייען, האָט ער מיר געשיינקט אַ טעפּעלע קאַשע אַלע טאָג, און מיט פּוטער. יאָ, מיט פּוטער... איצט וועלען מיינע אַלטע יאַסלעס אָפּרוהען פון זייערע וואונדען. איך וועל קומען פון דער אַרבייט, וועל איך מיר נעמען מיין טעפּעלע קאַשע צווישען מיינע פיס און וועל מיר אַ לעפעל נאָך אַ לעפעל שטילען מיין הונגער. ווייך און צאַרט, ווי גוטער בוימאייל, וועט מיין קאַשע צעגעהן צווישען מיינע יאַסלעס. אַ זאַטער וועל איך מיר דערנאָך לעגען אויסרוהען מיינע אַלטע ביינער ערגיץ אין אַ ווינקעלע. און בייזע חלומות

וועלען שוין מעהר מיין זאַטען שלאָף ניט שטערען. אַן־אויסגעשלאָפענער וועל איך מיר אין דער פריה קענען געהן צו דער אַרבייט אויף דער דיענסט פון מיין הערשער. יאָ, ניט פון הונגער וועל איך שטאַרבען, מיינע פּחות וועלען אויסגעהן פון יאָהרען, פון לאַנג־לעבען אויף מיין הערשערס דיענסט... אָך־אָך־אָך... די זון פערגעהט באַלד, מ׳דאַרף זיך אַיילען אין טאָל אַראָב...

ער העבט זיך לאַנגזאַם אָהן כּוח אויף.

– אַ דאַנק דיר, גרויסער הערשער, פאַר דיין גנאָד! נו, זאָל דיין בענעהר רערפילט ווערען, ווי מיינער, יונגערמאַן! זיי געזונד! אַז דו וועסט קומען אין קנעכטענשטוב, זוך אָב מיין ווינקעלע, וועל איך דיך מכבד זיין מיט אַ לעפעל הרעצענע קאַשע, יאָ, און מיט פּוטער! אַ דאַנק דיר, הערשער!

ער בוקט זיך ביז דער ערד און שלעפּט זיך אַוועק איבער וועג צום טאָל. די שטילקייט דויערט. צייטענווייז לאָזען זיך נאָר הערען טויבע אָבקלאַנגען, נערוועזע און שרעקעדיגע, ווי די קלאַנגען אין אַ פינסטערן וואַלד אין מיטען נאַכט. איין מאָל רייסט זיך נאָר איבער די שטילקייט: עס לויפט פון רעכטס אַרויס אַ קנעכט מיט אַ בייטש אין האַנט, אַ פערסאָפּעטער, אַ פערמאַטערטער!

– ענדליך האָט ער זיך צו מיר אויך בעוויזען! אַ בייטש מיר גע־שענקט. איצט, אַז די אָקסען, וועלען ניט וועלען שלעפּען די סאָכע – עך!

ער טוט אַ קנאַק מיט דעם בייטש אין דער לופטען.

– אָ, איצט וועלען זיי געהן! אַ דאַנק דיר, הערשער!

ער פערבוקט זיך אַיילענדיג און לויפט אַוועק איבער דעם וועג, וואָס פיהרט אין טאָל אַראָב. דער קנעכט, וואָס בלייבט זיצען אויפ׳ן קלאָץ, קוקט איהם נאָך מיט קנאה.

– ווען וועט מיין געבעט דערהערט ווערען? אָך, אַז איך האָב ניט, וואָס צו בעטען. אַ טראָפּעלע גליק, סיידען, אַ טראָפּעלע גליק...

III.

דער אָבגלאַנץ פון דער פערגעהענדער זון דעקט איין דעם שלאָס און דעם וואַלד מיט אַ רויטער שיין. די שפּיצען פון די טורעמס גליהען,

ווי אָנגעבּרענטע: די שױבּען פון די פענסטער — ווי מיט פײַער פערגאָסענע. אַלץ גלאַנצט און פינקעלט פון דעם אָבּגלאַנץ פון דער פערגעהענדער זון. נאָר צעהן מאָל פינסטערער און בּייזער קוקען דעריבּער די פינסטערע לעכער פון די טורעמס אַרוים; צעהן מאָל שרעקענדיגער — די גרויע פלעקען אויף די ווענט, וואו די שטוקאַטור איז אָבּגעפאַלען. ווי בּייזע וואונדען אויף אַ געזונדטען בּליהענדען גוף, ווי פון אויבּען צוגעטריקענטע קרעץ, ווייזען זיי אוים און שרעקען און וואַרפען אַנ׳אימה.

אויפ׳ן פעלדעל אַקעגען טויער איז קיינער אַחוץ דעם קנעכט, וואָס זיצט אויפ׳ן קלאָץ, ניטאָ. די ווייטע אָבּקלאַנגען הערען זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער. אַ רגע ווערען זיי שטיל און חאַפּען זיך פון דאָס נײַ אויף מיט גרעסערען וועהטאָג, מיט שטאַרקערע בּיטערניש. אַזוי קלינגען אָבּ די ווייטע געשרייען פון אַ המון, וואָס וויל און קען ניט ענטלויפען פון אַ צרה, וואָס יאָגט זיך נאָך איהם; אַזוי קלינגען די געבּעטען פון אַ המון, וואָס לויפט זוכען הילף און וויל זי געפינען אין די אייגענע וואַלדען.

אַלץ נעהענטער און נעהענטער קומען צו די קולות; אַלץ קלערער און קלערער לאָזט זיך הערען די צעמישונג פון ווערטער איינע איבּער די אַנדערע, — ענדליך לאָזען זיי זיך הערען גאָר נאָהענט. פאַרבּײַ וואַנט פונ׳ם טויער פון צווישען די בּוימער בּעווייזען זיך אַ מענגע קנעכט, וועלכע לויפען צום טויער.

— דער טאָג ענדיגט זיך! אָ, דער טאָג ענדיגט זיך!

— דער טאָג ענדיגט זיך, און מײַן פערלאַנג איז מיר נאָך ניט נעגעבּען געוואָרען!

— זײַן גנאָד האָט מיר נאָך דער הערשער ניט געצייגט.

— מײַן געבּעט איז נאָך ניט אויסגעהערט געוואָרען!

— מײַן געבּעט איז נאָך ניט אָנגענומען געוואָרען.

— די טויערן האָבּען זיך מיר נאָך ניט געעפענט.

— אַלע טויערלעך בּין איך אַרומגעלאָפען, אין אַלע פענסטערלעך האָבּ איך מײַן געבּעט אַרײַנגעשיקט!

— אָ, דער טאָג ענדיגט זיך!

— דער טאָג פון גנאָד ענדיגט זיך!

— אויף אַ גאַנץ יאָהר פערשליסען זיך די טויערן פון הערשערס גנאָד.

— אַ גאַנץ יאָהר וועל איך אומזיסט מײַן פערלאַנג טראָגען אין מײַן האַרצען פערגראָבּען!

– איך בלייב געשיידט פון מיין זוהן.
– איך וועל זיין הערשערהאַנט ניט געפינען צום קושען!
– מיין בוך וועל איך ניט אָנשרייבען!
– אָהן אַ פּיעדעל בלייב איך!
– איך – אָהן אַנ׳אַקער!
– איך — אָהן אַ נאַרטעל!
– אַך — פינסטער איז מיר, קיין שיין פון גליק בעשיינט מיך ניט, קיין איינציגע טראָפּעלע גליק האָב איך ניט... קיין טראָפּעלע גליק...
– אַז די טויער וואָלט זיך אָבגעעפענט!
– אַז זי וואָלט זיך איצט געעפענט איידער די זון פערגעהט!
– אפשר האָט זי זיך שוין געעפענט, בשעת מיר האָבען געבעטען נעבען אַנ׳אַנדער טויער?
– ווער וויים, וואו דעם הערשער איזוואוילגעפעלען זיין גנאָד צו צייגען!
– ווער וויים, ווער ווייס!...
– טאָמער האָט זי זיך נאָך ניט געעפענט?
– יונגערמאַן, דו זיצסט דאָ — די טויער האָט זיך שוין געעפענט?
– ווער ווייס! ווער ווייס!
– ווער ווייס, פאַר מיר האט זי זיך נאָך ניט געעפענט...
– צאָרניג איז אויף אונז דער גרויסער הערשער.
– ער פערמיידט פון אונז זיין גנאָד.
– אַלע טויערן האָט ער פאַר אונז פערשלאָסען.
– אומגליקליכע זענען מיר!
– אומגליקליכע, אומגליקליכע!
– אָך, אָך, אַז מיר וואָלטען דאָס ניט געווען אַזעלכע אומגליקליכע!
– אַז דער הערשער וואָלט מיר שענקען אַ טראָפּעלע גליק!
– פיעלע האָט ער היינט בעוויזען זיין גנאָד!
– נאָר אונז ניט.
– פיעלע האָבען זיך אומגעקעהרט מיט דערפולטען בענעהר אין טאָל אראָב.
– נאָר מיר — ניט.
– אָ, די גליקליכע!
– פאַר וואָס פערמיידט ער פון אונז זיין גנאָד?
– מיט וואָס זענען יענע בעסער פאַר אונז?
– למאי האָט ער יענע אויסדערוועהלט צו דערפילען זייער פערלאַנג?

— איך האָב איהם דען געדינט ניט אַזוי טריי, ווי יענע?
— איך האָב איהם דען ניט געבעטען מיט אזעלכע טרעהרען, ווי יענע?
— ברידער, איהר רעדט, דוכט זיך, ווידערשפּעניגע ווערטער!
— ניין מיט וואָס האָב איך פערזינדיגט, וואָס ער בעהאַלט זיין גנאָד פון מיר?
— פאַר וואָס איז ער צאָרניג אויף מיר?
— ברידער, איהר ווידערשפּעניגט, דוכט זיך, וועניג גוט איז ער דען צו זיינע קנעכט?
— ניין, למאי טוט ער מיין פערלאַנג ניט?
— איך האָב מיט אַלע מיינע כּחות זיין דיענסט געדינט!
— איך האָב מיט מיין שווייס זיינע פעלדער בענעצט!
— איך האָב מיט מיינע ציינער צעגראָבען!
— איך האָב מיט מיין בּלוט זיינע פעלדער בעפעטיגט!
— מיר קומט זיין גנאָד!
— איך האָב פערדיענט זיין גנאָד!
— זאָל ער מיר שענקען זיין גנאָד!
— ברידער, איהר זענט ווידערשפּעניגער! איהר וועט פון שלאָס קיין גנאָד ניט בעקומען!
— סיי־ווי בעקומען מיר ניט!
— בעט איהם, וועט ער אייך ווייזען זיין גנאָד!
— איך האָב געבעטען.
— אַך ווי זודיג איך האָב געבעטען!
— אין אַלע פענסטערלעך האָב איך מיין געבעט אריינגעשיקט!
— איך בין צו דער ערד געפאַלען!
— איך האָב די שטיינער פון שלאָס־וואַנט געקושט!
— איך האָב פאַר זיין טויער אַלע מיינע טרעהרען אויסגעוויינט!
— ברידער! איהר זענט ווידערשפּעניגער! איהר זענט אַ נצופרידען, ווען דער הערשער קוקט אפשר אויף אייך פון די פענסטער פון זיין שלאָס, נרייט אייער געבעט צו דערהערען.
— וואו? וואו? וואו?
— וואו איז דער הערשער?
— וואו קוקט ער?
— פון וואָסערע פענסטער?

– דו זעהסט איהם? דו זעהסט איהם!
– איהר זעהט איהם?
– איך זעה גאָרנישט...
– אַ פלאַם פייער קוקט פון פענסטער!
– אַ פינסטערניש קוקט פון די טורעמס!
– הינטער פייער בעהאַלט ער זיך!
– בעט איהם, ברידער, ער הערט אַייך פון פייער, ער זעהט אַייך פון דער פינסטערניש!
– ער זעהט אונז!
– ער הערט אונז!
– לאָמיר איהם בעטען!
– לאָמיר בעטען, ברידער! לאָמיר שטאַרק בעטען, ער וועט דערהערען!

די קנעכט פאַלען אויף דער ערד. פיעלע קלאַפּען מיט די קעפּ אין וואַנט און אין טויער!

– אַלמעכטיגער הערשער!
– גרויסער הערשער!
– דיין טויער עפען אונז!
– דיין גנאָד צייג אונז!
– מיין זוהן קעהר מיר אום.
– אַ פיעדעל שענק מיר?
– אַ טינט און פעדער גיב מיר!
– דיין קלאָרע צאַרטע הערשערהאַנט לאָז מיר קושען!
– אָך, איין טראָפּעלע גליק, אַ טראָפּעלע גליק!
– אַ טראָפּעלע גליק!
– אַ טראָפּעלע גליק!

אַ רגע שטיל.

– די טויערן עפנען זיך ניט...
– די טויערן זענען פערשלאָסען...
– ער הערט אונזער געבעט ניט...
– ער וויל אונז זיין גנאָד ניט צייגען...
– ער איז בייז אויף אונז...
– פאַרוואָס איז ער אויף מיר בייז?
– וואָס איז מיין שולד קעגען איהם?

—איך האָב פון קינדװײז מיט פרײד זײן יאָך געטראָגען.
—איצטיג בין איך גרײט זײן יאָך צו טראָגען.
—איך האָב טאַטע־מאַמע אויף זײן דיענסט פערגעסען.
—איך בין פון ברידער און שװעסטער אויף זײן דיענסט פער־פרעמדט געװאָרען.
—מיר קומט זײן גנאָד.
—איך האָב פערדיענט זײן גנאָד.
—זאָל ער מיר זײן טויער עפנען!
—זאָל זיך די טויער עפנען!
—זאָל זיך די טויער עפנען!
—מיט געװאַלד קען מען ניט...
—זאָל זיך די טויער עפנען!
—לאָמיר די טויער עפנען!

די קנעכט לויפען צום טויער, הײבען זיך אָן צו שטויסען, פּיעלע שלאָגען אין איהר מיט די פויסט, אײן קנעכט כאַפּט א שטײן און שלאָגט אין װאַנט.

—איך װעל די טויער פון איהרע שלעסער אויסרײסען!
—איך װעל די װאַנט אויף אײנציגע שטײנער פאַנאַנדערנעהמען!
—איך װעל דעם שלאָס פאַר אַלעמען אָפען מאַכען!
—קײן טויער זאָל ניט פערשטעלען דעם װעג צום הערשערס גנאָד!
—אָפען און פרײ פאַר אַלעמען זאָל זײן דעם הערשערס גנאָד.
—אָפען און פרײ פאַר אַלעמען!
—װער עס דאַרף גנאָד, זאָל קומען און נעהמען, װי פון אײגענעם קאַסטען!
—אַלע קנעכט זאָלען האָבען זײער בעגעהר!
—איך זאָל מײן זון צוריק האָבען!
—איך זאָל מײן בוך קענען אָנשרײבען!
—איך זאָל מיר מײן גאַרטעל האָבען!
—איך מײן פּיעדעל!
—אָך, אָך, אָך — אײן טראָפּעלע גליק נאָר, א טראָפּעלע גליק!
—א טראָפּעלע גליק!
—יעדער זײן טראָפּעלע גליק!

די קנעכט רײסען די טויער; מיט װאָס שלאָגען זײ אין דער װאַנט.

—א סוף צו פערשלאָסענע טויערן!

א חרבן פון דער פעסטער וואנט.

– דרייסט, פרעכט, רייסט, ווארפט!

– אָ–אָ–אָ! אַ–אַ–אַ! א ח–––ר ב–––ן.

פלוצלינג הויבן זיך אן שטיינער קייקלען פון וואנט עטליכע קנעכט פאלען אונטער זיי.

– אָ–אָ–אָ!

– דער הערשער שטראפט.

– זיי זנען טויט.

– לאָמיר לויפען, ברידער!

– לאָמיר לויפען!

– לאָמיר לויפען!

זיי לויפען אוועק דערשראָקענע. עס פערבלייבט נאָר דער, וואָס איז געזעסען אויפ'ן קלאָץ. דאן דערהערט זיך א שוואכער קלונג פון משאל. דער קנעכט שפרינגט אויף:

– דער טויער עפענט זיך! גרויסער הערשער!

דער קלונג הערט זיך א צווייטען מאל. פון צווישען די בוימער לויפען זיך צונויף די קנעכט.

– עס קלינגט!

– דער טויער עפענט זיך.

– דאָס קלינגט דער שליסעל...

– ברידער! דער הערשער איז דאָ!

– לאָמיר בעטען, ברידער!

– גרויסער הערשער!

– שטארקער הערשער!

די קנעכט פאלען צו דער ערד.

– שליסלען קלינגען הינטער טויער...

– שווייגט, שווייגט!...

– ריידען הערט זיך הינטער טויער!

– שטילער, שטילער!

– טריט הערען זיך הינטער טויער!

– שאַ! שאַ!

– די טריט קומען נעהענטער...

– שאַ, שאַ!

עפעס א בעוועגונג לאָזט זיך הערען הינטער טויער, א שוואכער

קלונג פון ווייטען, אַ קליין גלעקעל פון דערנאָהענט. גלעקלעך ווייטע און שוואַכע קלינגען זיך דורך צווישען זיך אין פערשידענע עקען שלאָס. און דערנאָך לאָזט זיך הערען דער גרויסער גראָבער גלאָק, וואָס רופט צונויף די קנעכט פון דער אַרבייט אין קנעכטענשטוב. די קנעכט לאָזען אַראָב די קעפּ.

— שליסלען קלינגען ניט...

— דער טויער עפענט זיך ניט...

— דער גרויסער גלאָק רופט אין טאָל אַראָב...

— נעענדיגט דער טאָג...

— די זון איז שוין פערגאַנגען...

— ניטאָ קיין גנאָד פון הערשער...

— ניטאָ, ניטאָ...

— און איך האָב ניט קיין פידעל...

— ניטאָ, ניטאָ...

— איך — קיין בוך.

— ניטאָ, ניטאָ...

— איך פערבלייב אָהן אַ גאָרטעל.

— אָהן מיין זוהן...

— אָהן אַן'אַקער...

— ניטאָ, ניטאָ!

— קיין קום אין הערשערהאַנט...

דער גרויסער גלאָק קלינגט לאַנגזאַם און מיט גראָבען קול.

די קנעכט קערען זיך אום און נעהען צום טאָל מיט אַראָב־געלאָזטע קעפּ.

— אָך, אָך, אָך, אַ טראָפּעלע גליק...

— אַ טראָפּעלע גליק...

— אַ טראָפּעלע גליק...

דער טויער עפענט זיך אויף, עמיצער בעוויזט זיך פון אינוועניג און לאַכט נאָך פון הינטען:

— כאַ־כאַ־כאַ! אַ טראָפּעלע גליק

אינהאלט:

I.

1) איינֶער, וואָס שמייכעלט 5

2) אויפ'ן גרעניץ, פון ליכטיגקייט און פינסטערניש. 14

3) פון פרעמדע וועלטען 32

4) ניט קיין טאַטע 45

5) דער ערשטער בראָך 49

6) עסען 58

7) וואָס? 65

8) דער אַלטער קברן 72

9) רבי מאיר'קֶע 94

10) אַ קליינֶע מצוה'לע . . . . 101.

II.

11) עפּעס אַנ'אָרעמאַן . . . . 111.

12) אין מודיעים. . . . . 118.

13) אין וואַלד . . . . 122.

14) פון שׂטן . . . . 133.

III.

15) צווישען די בערג . . . . 134.

16) די העלדֶען פון טויט . . . . 141.

17) איינער און אַ צווייטער אַ בעֶסערער . . . . 151.

18) עלטערען. . . . . 153.

19) אַ טראָפּעֶלעֶ גליק . . . . 168.